STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00723

A LEYTER TSU DER ZUN

Moses Schulstein

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Drs. Henry & Henrietta Rosenberg
in memory of
Florence & Solomon Rosenberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שולשטיין

*

אַ לייטער צו דער זון

משה שולשטיין

משה שולשטיין

א לייטער צו דער זון

לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „אויפסניי״ פּאַריז

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון אַ גרופּע פריינט, לאַנדסלייט פונעם שטעטל באָלעכאָוו, צום אָנדענק פון זייערע משפחות, אומגעקומענע בעת דער היטלער־אָקופּאַציע: יאָסל און מלכה טירקעל מיט זייערע קינדער צילאַ, העניאַ, שיינדל און פולעק; ברײַנדל, מאַרעק און קלמן איצקאָוויטש / זיינוול און פייגע קאָרנבלי מיט זייערע קינדער יוחנן, אבא און מענדל; פריידע און הערש העלד / איציק־עליע און פייגע קליינבאַרד מיט זייערע קינדער הערש און ליבע / בן־ציון און פייגע שינדלער מיט זייערע קינדער לאה, הערש און דוד; ליפּשע שליפּקאַ

ביים אַרויסגעבן דאָס בוך האָט אויך מיטגעווירקט אַ פריינט, צום אָנדענק פון אברהם און דאָברע וויעלגאַוואָלסקי, אומגעבראַכטע דורך די היטלער־רוצחים

M. SCHULSTEIN :

A LEITER TSOU DER ZOUN

(Une échelle vers le soleil)

Copyright by Editions « Ofsnaï », Paris, 1954

PRINTED IN FRANCE

Imprimerie S. I. P. N., 14, Rue de Paradis, Paris-10ᵉ

אין הייליקע שפּורן

די נישט-צעשיידטע אין טויטן-הויז

(צו עטל און דזשוליוס ראָזענבערג אין סינג־סינג)

מיט אייערע נעמען ביינאַכט שלאָף איך איין,
זיי וועקן מיך אויף ווי אַלאַרעם באַגינען.
זינט ס'האָט זיך פאַרזעצט אין מיין האַרץ אייער פיין,
קיין פרייד קאָן זיך דאָרטן קיין אָרט נישט געפינען.

די רו פון די נעכט איז מיר איצטער אַ פלאָג —
ווי קאָנען זיי שטיל זיין, פון האַס נישט וויברירן?
ווי תמיד, עס בייט זיך אַ נאַכט מיט אַ טאָג,
אַזוי ווי די וועכטער פאַר אייערע טירן.

פאַרטראַכט זיך דען ווער אויף דעם שטענדיקן בייט?
פון טויש פון מעת־לעתן דעם פשוטן שטייגער?
צי פילט דען ווער אומגליק אין גיין פון דער צייט
און אַנגסט פון געפאַר אין פאָרויסגאַנג פון זייגער?

איך האַלט אים, דעם זייגער, אין האַנט און צעדריק
אַזוי ווי אַן עקדיש אַלץ שטאַרקער, אַלץ פעסטער.
צום אומקרייז פון ווייזער מיין פרעגן איך שיק:
וואָס ברענגסטו פאַר זיי, פאַר מיין ברודער, מיין שוועסטער?

דער ווייזער, צי ווערט ער פון לעבן דער גבול?
דערבענטערט ער אפשר דעם הענקערס אכזריות?
רוקט־אונטער זיין רוק די עלעקטרישע שטול —
אַ טייל פונעם זקנס און קינדס קרעמאַטאָריעס?

דער הענקער אויך ציילט יעדן מאָרגן, וואָס גרויט —
ער ווייסט, אַז דער טאָג פון זיין הערשאַפט שוין דעמערט.
ער האָט זיך פאַרהעמערט מיט שוויַיגן פון טויט,
ווי ס'זענען די ווענט פון זיין סינג־סינג פאַרהעמערט.

זיין שאָטן צו אייך קוקט אַריין נאָכאַנאַנד,
מיט שטערן פאַרשוועכטע, פאַרוויקלט געוואַנטיק.
מיר רייסן אים אָפּ ווי אַ פאָרהאַנג פון שאַנד,
פון יעטוועדער זייט פון צעברויזטן אַטלאַנטיק.

אַריבער זיין שוימען מיר האָבן געווענדט
צו אייך אונדזער בליק, אונדזער טרער, אונדזער גלויבן —
פאַריאָגן דעם שאָטן פון אייערע ווענט,
וואָס וויל אויך דערגרייכן צו אונדזערע שויבן.

זיך איבערגעזעטיקט מיט בלוט און מיט גאָלד,
געבויגן אויף אונדזערע בעטן און טישן —
ער מייקעט מיט נאַפּאַלם, ציקלאָן און מיט וואָלט
פון פייער, וואָס וויל אייער אומשולד פאַרווישן.

די שטול פון זיין הערשאַפט — דער טראָן פונעם טויט —
זי שטייט ווי אַ חיה מיט גיריקע ציינער.
אַלצאיינס איר, צי שוואַרץ און צי ווייס איז די הויט —
זי דאַרף זיך באַלעקן מיט בלוט און מיט ביינער.

די שטול מיט געלאָדענעם בראַנדיקן שטראָם,
עס דראָט איר פּראָפיל אַזוי שאַרף, אַזוי קאַנטיק,
זי לאָזט זיך צו אונדז ווי אַ שוידער־פאַנטאָם,
אויף אירע פיר פיס שפּאַנט זי דורך דעם אַטלאַנטיק...

זי שטעלט זיי אויף אַלע יבשות אַראָפּ —
די מענטשהייט זאָל זיין אַ סקעלעט אַן אַנטפּליישטער,
די זון — פאַרן הענקער אַ שאַלטער, אַ קנאָפּ,
די ערד — ווי אַ ריזן־עלעקטרישע דריי־שטול...

נאָר אָפּטרייסלען וויל זיך די ערד פון איר שאַנד,
אַזוי ווי אַ מענטש פון אַ שרץ, אַ וואָרעם,
עס טרייסלט פאַרברידערט אַ לאַנד מיט אַ לאַנד —
דערהערט עס אין אייערע קאַמערן־קברים.

דעצעמבער. קאָן זיין אַז עס פאַלט אין ניו־יאָרק
אַ שניי פּאַר די פענצטער, ווי ווייסע גאַרדינען,
און ס׳קוקן אויס קינדער אין זאַרגלאָזער זאָרג,
אויף ניי־יאָר־מתנות ביי אַלטע קאַמינען.

נאָר ערגעץ־ווו אין אַ קאַמין, אַזוי באַנג
וויינט איצטער אַ וויינט מיט צוויי קינדער צוזאַמען.
צי וועט מען דערלאַנגען זיי ווי אַ געשאַנק,
פון סינג־סינג די ליבשאַפט פאַרקוילט פון אַ מאַמען?!

איך האָב אייער ליבע געזען אויפן בילד,
ווען ס׳האָט זי דער אורטייל פאַרוועדט מיט זיין לעסטער,
ווי איר וואָלט דאָס קראָאישע קול זיינס פאַרשטילט
מיט אייערע קושן, מיין ברודער, מיין שוועסטער.

די קייט, ווי די צעל, האָט אייך שיידן געקענט,
נאָר נישט אייך פון מוט און פון טריישאַפט צעריסן.
אַזוי ווי זי שניידט זיך אייך איין אין די הענט —
זי וועט זיך פאַרשניידן אין לייב פון געוויסן.

איר האַלדזט זיך און אָרעמט — זי קוועלט אייך און שטערט.
מיר זעען די ליבשאַפט פאַרשלאָסן אין קייטן
און נעמען אייך אַלע אַרום אויף דער ערד
פאַר עדות פון טאָג־ליכט, פון דורות און צייטן.

דעצעמבער, 1952

די ריטער פון דער מענטשהייט

פאַרנאַכט אויף מיין האַלדז נעמט פאַרציען
די זון ווי אַ פלאַמיקן רינג.
איך טראַכט פון אַ ניו־יאָרקער שקיעה,
אַ זונאונטערגאַנג פון סינג־סינג.

איין טויש פון מעת־לעת, וואָס באַדייט ער?
וואָס איז דען איין זונאונטערגאַנג?
איין שקיעה איז גלייך צו דער צווייטער,
ס׳פאַרגעסט זיי די צייט אין איר גאַנג.

בלויז איינע די צייט מער פאַרגעסט נישט
און טראָגט אין דער צוקונפט איר פלאַם —
די, וואָס מיט מיין ברודער און שוועסטער
זי האָט זיך פאַרלאָשן צוזאַם...

אין טויטן־זאַל אַלץ איז אַנטשוויגן
און שטיל שטייט דאָרט איצטער די שטול
נאָך אַלעם... ווי ס׳שטייט נאָך פאַרציקונג
אַ חיה — געזעטיקט און פול.

דער שטורעם פון הערצער אין ציטער,
וואָס האָבן מיט רחמים וויברירט,
דער מענטשלעכער טרערן־געוויטער
האָט זי פונעם אָרט נישט גערירט.

איז שטיל דאָרטן איצטער... נישט אמת! —
דערטראָגט זיך פאַרעקשנט אַ קלאַנג —
אַן אָפּהילך אַ לעצטן פאַרנעם איך
פון עטלס און דזשוליוסעס גאַנג.

אים וועט מען יאָרהונדערטער הערן,
זיך דורכרייסן וועט ער מיט מאַכט
דורך צייט, ווי אַ וואָלקן אַ שווערן
אַ דונער רייסט דורך אין דער נאַכט.

ס'וועט ווי אַ לעגענדע זיין רושם
אַריבערגיין תקופות מיט זיי —
באַלויכטן מיט אָפּשיין פון קדושים,
מיט אָפּשיין פון זעקס מיליאָן צוויי.

אַ וואַנט בלויז צעשיידט האָט די ליבע —
בשכנות געוווינט מיטן טויט.
פון דרויסן — אין אַנגסט און אין פיבער —
אַ פאַסיקל האָפנונג נאָך בלויז.

און אָט אויף די קראַטן זיך קלאַמערט
און ראַנגלט דער לעצטער פאַרנאַכט,
פאַרשווונדן די וואַנט איז פון קאַמער,
דער לעצטער סך־הכל — געמאַכט.

פון ליבע דעם צייכן זיי האָבן
געלאָזט אונדז — דעם חתונה־רינג,
דעם אָנדענק פאַר מאַיקל און ראָבי
מיר טראָגן אַרויס פון סינג־סינג.

ס'וועט זיין פאַר אונדז קלאָרער און גרינגער
די וועלט צו דערזען דורך זיין רונד;
מיר טוען אים אָן אויפן פינגער
אין אייביקן, הייליקן בונד.

דורך שלעסער און שטאָלענע שטאַבעס
מען פירט זיי אין איילעניש, פלינק,
ווייל ס׳טאָר נישט מחלל זיין שבת
דער תליון פון תפיסה סינג־סינג...

די שבת־ליכט וויינען פאַרשוועכטע,
ס׳פאַרלעשט זיי אַ פינצטערער תהום,
בלויז אשמדאי מיט זיין געלעכטער
צינדט ליכט ביים עלעקטרישן שטראָם.

צי זעט איר נישט, פענצער פון איסט־סאַיד,
אין היינטיקן פרייטיק פאַרנאַכט,
ווי אייערע ליכט ער פאַרוויסט זיי,
די לייכטער ער וואַרפט מיט פאַראַכט?

די טישטעכער פליקט ער אַלץ פלינקער
און קערט אום די טישן אַרויף,
שטאָט ליכט היינט — די שיין פון טרעבלינקע
אין אייערע שויבן גייט אויף.

אין איר האָט ערשט דזשוליוס געטראָטן,
איצט עטל געטריי נאָך אים שפרייזט,
אין ליבשאַפט נאָך שפרייט זיך זיין שאָטן
פאַר איר ווי אַ טעפיך פון טרייסט.

צום טויט און צום חתונה־יובל
באַגלייטן זי איצט פון דער צעל
קומט רחל און שרה בת טובים,
זשאַן ד׳אַרק און לואיזע מישעל.

די פייער־שטול דאַרף איר דערמאָנען
דעם גליקלעכן חתונה־טראָן,
און אָנשטאָט דעם שלייער צום פנים
די טויט־מאַסקע טוט מען איר אָן.

פֿאַרשטעלט שוין די שיין פֿון דער ראיה,
דעם גוף שוין צום רימען פֿאַרשפּאַרט,
און ערגעץ אין שאָטנס פֿון שקיעה
דער האַר פּונעם טויט זיצט און וואַרט. —

דער טעלעפֿאָן זאָל זיך צעקלינגען
מיט יאוש, הכנעה און שרעק,
נאָר ס'נעמט אים אָנטוישונג באַצווינגען
דורך דעם, וואָס די שטילקייט אַנטפּלעקט.

פֿון מוט פֿון די העלדן צעטראָגן,
פֿון לשון איין וואָרט בלייבט אים: „ברענט!" —
ער קאָן זייער ליכט נישט פֿאַרטראָגן,
ער ווערט פֿונעם אָפּשיין פֿאַרבלענדט. —

„זיי ברענען!" — ווייל ביז צו די שטערן
זיי זענען געלויבט און געבענטשט, —
זיי טויטן פּילפּאַכיק! — פֿאַר ווערן
דער שטאָלץ און דאָס אָפּבילד פֿון מענטש.

זיין פּנים — אַ פֿינצטערע כמאַרע,
דאָס טרייבל אין שווייגן פֿאַרזינקט.
די זון לעשט זיך אויס שוין אין מערב,
די ראָזענבערגס אויך — אין סינג־סינג. — — — —

פֿון קעפּ מיטן שטראָם דורכגעבליצטע
דער קאַסק פֿון מעטאַל פֿאַלט אין שטויב —
עס טוט זיי די מענטשהייט אָן איצטער
די קרוינען פֿון אייביקן לויב.

באַפֿרייט פֿון די רימענס־געוועבן —
פֿון נאָפּל־שנור שניידט מען זיי אָפּ
אויפֿסניי — און זיי פֿירן צום לעבן
און פֿרידן — די מענטשלעכסטע גאָב.

באַלאַדע פונעם מאַן מיט דער בלום און פונעם מאַן מיט דער ביקס

דעם אַנדענק פון ניקאָס בעלאָיאַניס און חברים

עס טראָגט נישט דער היימישער קריי פונעם האָן זיך פאַנאַנדער, —
די שטאָט וועקט זיך אויף היינט פאַרטאָג פון דער פייער־קאָמאַנדע.

די לאָמפ־שיין פון אויטאָס רייסט אויס אַ שטיק נאַכט און פאַרבלענדט שוין
די וואַנט, וווּ די שפּיזיקע שטראַלן פאַרנאָגלען פיר מענטשן.

זעט, אוראַלטע גייסטער, פון אייערע הייכן — דעם היכל :
אַ מאַן גייט אַקעגן דעם טויט מיט אַ בלום און אַ שמייכל.

אַזוי ווי סאָקראַטעס דעם כוס אין דער צעלס דלד אמות,
די נעלקע פאַרהייבט ער — צום רום פון אָלימפּ און פון גראַמאָס.

די בלום איז געפאַלן, פאַרדעקט מיטן רויך פון דער לופט,
די בלום — און דער מאַן פון דער בלום איז געפאַלן אויך גופא.

דער מאַן מיט דער ביקס האָט אינגאַנצן דעם בליי אויסגעלאָדן,
די שרעק אָבער בלייבט אין זיין האַרצן, כאָטש ס׳ליגט אויפן באָדן

די בלום, זעט ער, ווי אַ פאַרבלוטיקטע טויב אין די גראָזן.
ס׳האָט אַלץ דער צעשאָסענער שמייכל ס׳געזיכט נישט פאַרלאָזן.

עס האָט אין געריכט־זאַל ביים שיין פון די טונקעלע ליכטער
דעם שמייכל געפּרוווט נאָך פאַרדעקן די טאָגע פון ריכטער.

באָר פונעם צעשמייכלטן פּנים דעם לאַנג־נישט־געגאָלטן
עס דאַכט ווי די קנאָספּן פון פרילינג צעבליִען זיך וואָלטן...

דער מאַן מיט דער ביקס האָט געזען שוין די נעלקע פאַרשיטן,
דאָך זעט ער זי ווידער אין יעטוועדן קווייט דעם צעבליטן.

עס פּלאָגט אים אַ זעאונג: די זון, וואָס איז ערשט אויפגעגאַנגען,
איז אַלץ יענע בלום — און עס קאָן זי זיין ביקס נישט דערלאַנגען.

אין אָנמאַכט עס שווידערט אים אויף זיין געלעגער דעם ווייכן —
אויב ס׳קאָן שוין זיין קויל נישט קיין פּשוטע נעלקע דערגרייכן... — — —

דעם שמייכל, וואָס ער האָט געמיינט מיטן בליי צו באַזיגן,
ער זעט אים אויף אַלע געזיכטער, אויף קינדער אין וויגן.

פאַרמשפּט — אַדורך איז די נעלקע דורך אַלע געריכטן,
צעשאָסן — אַדורכגעשפּאַרט האָט זי די ערדישע שיכטן.

זי בליט אויפן קבר! — אפילו אַן זון און אַן רעגן —
דער שמייכל פון העלד בלויז באַלייכט איר צום פרילינג די וועגן.

איר טוי איז די טרער פון פאַראַבלטע גריכישע מאַמעס,
און ס׳טראָגט זי דאָס קבר צום רום פון אָלימפּ און פון גראַמאָס.

2

פּאַריז, 16-טער יולי 1942

ווי לאַנג איך וועל הערן פֿון אייגענעם האַרצן דאָס שלאָגן,
כ׳וועל הערן דאָס האַקן אין טירן אין איינעם פֿון יולי־פֿאַרטאָגן.
די נאַכט איז אַוועק, נאָר עס גרייפּט־אָן פֿון ערגעץ די פֿינצטער,
דאָס מינדעסטע לעבן אין גאַסן איז נאָך נישט בנמצא;
דאָס גיין פֿונעם בירגער אין שטאָט איז געוועזן נאָך פֿאַרבאָטן,
און וואָלט זיך באַוויזן בלויז ערגעץ אַ מענטשלעכער שאָטן
וואָלט אים אויך באַגעגנט דער דייטשישער „האַלט!" און געטראָפֿן;
וואָלט דעמאָלט אין אים אויך געשאָסן דאָס נאַצישע וואָפֿן...
ווי לאַנג מיין געהער וועט דעם מינדעסטן שאָרך נאָך פֿאַרנעמען —
כ׳וועל הערן... פֿאַרטאָג, ווען עס רוט נאָך דער חלום אויף ברעמען
ווי טוי אויפֿן גראָז... אין פֿאַרשלאָפֿענע גאַסן און הויפֿן
וווּ קיינער באַוויזט זיך — די שליחים פֿון טויט הער איך לויפֿן,
עס הילכן שוין קולות, עס קרעכצן צעטרייסלטע שטיגן, —
אומזיסט איז געווען היינט די טירחה די קינדער פֿאַרוויגן.
אין האַלדז און אין קישן דערשטיקט מען די אימה־געשרייען,
און בלויז מיטן בליק און געשעפּטש גיט מען איבער: „זיי גייען!"...
עס פּלאַצן די טירן פֿון אונטער די קאָלבן־געפּויקן,
און ערגעץ אַ מאַמע פֿאַרשטיקט דאָס געשריי פֿון אַ וויג־קינד.
מען האַלט־איין דעם אָטעם, מען שטעלט־אָפּ דאָס גיין פֿונעם זייגער —
קיין שאָרך זאָל נישט העלפֿן דעם רוצחישן נישטער און נייגער —
נאָר איך וועל די צייט פֿאַרגעדענקען, די שעה וועל איך וויסן
ווען ס׳האָט אין פֿאַרצווייפֿלונג דאָס פֿענצטער אַ פּרוי אויפֿגעריסן,
דערנאָך אויפֿגעריסן די קינדער פֿון שלאָף און כסדר
פֿון הויכן עטאַזש אַראָפּ איינס נאָכן צווייטן געשליידערט.

דערנאָך אַ פאַרבענקטע געשטרעקט זיך צו זיי אין פאַרווירונג,
ווי בענקען עס קאָן נאָר אַ מאַמע צו קינדערלעך אירע...
אויף וועל איך געדענקען די שעה ווען אַ מאַן מיטן פּאַק שוין
אַ גרייטער אין וועג אַריין, האָט הינטער טיר זיך פאַרעקשנט,
פאַרשטעלט זי מיט זיך, מיטן פּאַק, און מיט שטוביקן מעבל, —
דעם וועג דער רציחה פאַרשפּאַרט מיט זיין גאַנץ לייב־און־לעבן...
אויף יענער זייט טיר די צעטרייסלטע שטיגן נאָך הער איך,
וואָס קרעכצן פאַרפולטע פון פעק און פון צידה־לדרך,
פון שכנים, מבולבלע זקנים, צעשראָקענע קינדער,
און זייערע וויסטע באַגלייטער, וואָס טרייבן: „געשווינדער!"
אַ הונט האָט מיט זיין באַלעבאָס נישט געוואָלט זיך צעשיידן,
ס'איז אָבער אין היטלער־באַפעל נישט געוועזן צו נעמען זייביידן;
געוואָלט האָט ער זיין באַלעבאָס פון די טרעפּ כאַטש באַגלייטן,
נאָר שווער איז געווען אים מיט קאָלבעס צו ראַנגלען זיך, שטרייטן.
פאַרפלאָנטערט זיך האָט זיין געוואָי אין געדריי פון פאַרענטשן
מיט רוצחיש געשריי: „נישט קיין הינט דאַרף איך —
מענטשן, בלויז מענטשן!"...
ווען איבערגעגאַנגען פון זיי זענען פולע, ווי ברעגן,
די פוסטע בנינים, ווו זיי זענען עלנט געלעגן,
אויף אייגענעם פּאַק אָנגעלענט, מיטן ווייטיק צוקאָפּנס;
ווען איבערגעגאַנגען פון זיי זענען צירקן און שאַפעס,
ווו מ'האָט זיי געסדרט געגנוי אין רעגיסטער דעם פולן —
זיי זענען אַרויס אין די גאַסן באַגלייט פון פּאַטרולן. — —
באַגלייט האָט די ליבשאַפט, באַגלייט האָט אַ שכן אַ שכן,
ווען ס'אומגליק האָט יעטוועדע צוים פון קאָנוואָי דורכגעבראָכן,
און ווען ס'איז אַריבער, ווי שליוזן, די שמירה־געווערן, —
באַגלייט האָבן הייזער און טירן מיט ברויט און מיט טרערן,
באַגלייט האָט דער שיינער פראַנצויזישער, ליכטיקער יולי
דעם שווערן בעל־מום און דעם חולה, דעם מאַן מיט דער קוליע,
די פרוי מיטן קינד און דאָס קינד מיטן בער מיט פאַרשלאָפענע אויגן.
אַזוי האָט דער טויט־קאַראַוואַן אויף די גאַסן געצויגן,
מיט לאַטעס געצייכנט — געשטעמפּלט ווי פּי צו דער שחיטה —
וואָס האָבן אויף הערצער געשרפּעט ווי וווּנדן צעגליטע.

זוי פלאַנצן פון דרערד אויסגעוואָרצלט, וויביימער פון באָדן,
די היים און דעם שטאַם, ווי דעם גורל, אין קלומיק פאַרלאָדן.
אָט זענען די שטיינער וואָס האָבן געמוזט זיי נאָך טראָגן
ווי טרעפּ צום תהום אומבאַוווסטן, פאַרוואַלגערט אין וואָגל,
ווו עמעץ פאַרלוירן אַ טרער האָט אין יענעם באַגינען,
פאַרלוירן — און דאָך נישט פאַרלוירן — מען קאָן זי געפינען
נאָך איצטער, פון ווייטיק צעגליט, אויף די היימישע שטיינער;
אין גרונט פון יסורים עס האָבן געזוכט זי נישט איינער
ווי שרעקלאָזע טויכער פון אונטערערד טיפן, געהיימען,
ווי וואָפן עס האָבן געשליפן זי לאַנגער און ריימאַן,*)
זי זאָל ווי אַ שפּליטער פון צאָרן אין פיינט זיך פאַרשניידן
און מאָנען אַ חשבון פאַר שאַנד, פאַר עינויים און ליידן.

*) צוויי יידישע ווידערשטאַנד-קעמפער קעגן היטלערישן אָקופּאַנט אין פראַנקרייך.

אָראַדור *)

ניִשט איינמאָל שוין אין חצותן פון קאָשמאַר
געטראָגן, ווי אַ פייל אין גוף, דיין צער,
און אויף מיין בעט נישט איינשלאָפן געקענט.
ווי דו אין פלאַם — האָב איך אין האַס געברענט,
געהילט זיך אין דיין פלאַם־און בלוט־פורפור,
אָראַדור!

אָ, אָראַדור! — אַן אויסרוף רוף איך אויס,
ווען דער אַרום איז נאַכט און שטילקייט בלויז,
ווי שטיל עס איז דיין הויפן חורבן־אַש.
אין אים דאָרט, ווי אַ מוילוואָרף שטיל, אַן רעש,
גיט מיין מחשבה היינט זיך אַ פאַרנור,
אָראַדור!

דער דופט פון פלאַנץ פאַרטווישט אויף טויט־געׂרוך,
און שבעה זיצט אַ שטיין אויף שטיין אין ברוך,
נישטאָ ווער ס'זאָל באַוויינען דאָרט דעם העק
צום טויט פון מענטש, פון פויגל און אינזעקט, —
באַוויינט דיך אַ בראשיתדיקע די נאַטור,
אָראַדור!

---

*) אַ שטעטל אין פראַנקרייך וואָס די דייטשישע פאַשיסטן האָבן פולשטענ־
דיק פאַרניכטעט אין יאָר 1944.

די קאַלוזשע פון בלוט האָט גיך און פלינק
געזופט און אויסגעלעקט די פייער־צונג —
ליגט אויסגעטרוקנט שוין דיין קופּע גרוז,
און קריצן מיט יעדן ציגל פאַר פאַרדרוס.
איך טראָג דיין גרוז אויף זיך, ווי אַ טאָרטור,
אָראַדור!

אָ, זע, געקרייצטער, קעגנאיבער דיר —
אַ קינד געקרייציקט אויף דער קלויסטער־טיר.
וואָלט איך אַ גלויביקער געווען, וואָלט איך
געשטעלט אים אויף מיין טישל אָנשטאָט דיך,
און כ׳וואָלט געבעטן צו זיין הייליקער פיגור:
אָראַדור!

ווי ס׳קינד צום האָלץ פון יענער קלויסטער־טיר —
מיין האַרץ איז צוגענאָגלט היינט צו דיר,
אויף דיינע חורבות רופט עס אויס: איך בלייב!
און ווי די נאָפּל־שנור צום מוטער־לייב,
מיך בינדט צו דיר אַ בלוטיק־רויטע שנור,
אָראַדור!

איך קום פון געטאָס, פריער נאָך פאַרקוילט,
פון מענטשן־טריט און לעבן אויסגעהוילט,
איך גיי — גערוך פון אָפּגעזענקטער הויט,
איך גיי צו דיר פאַרברידערן דעם טויט! —
איך — פונק פון אוישוויץ און פון סאָביבור,
אָראַדור!

דורך מיינע קליידער ברענג איך דיר די שאַנד
פון שטערנטוך פאַרברענטס, פון בעטגעוואַנט,
פון קינדער־קליידעלע און שוועסטער־העמד,
פון ספר־תורה־הענטלעך און פאַרשעמט
און שוואַרץ — די שיין פון הויטן־אַבאַזשור,
אָראַדור!

ווי דאָרט — אין יענעמס טרערן אויסגעצירט,
אין בלוט — פאַריסן־פאַרביק אויסגעשמירט,
האָט איינמאָל אין אַ וואַנזיניקער נאַכט
אין דיינע ווענט אַ שיכורע פאַרבראַכט,
געהוליעט אַ פאַרוועלקטע, אַלטע הור,
אָראַדור!

זי האָט געבראָכן גלעזער און געשיר
און רוק־און־לענד געבראָכן — איבער דיר,
זי האָט געוווסט, עס איז איר לעצטע נאַכט,
האָט זי געשעדיקט, חרוב אַלץ געמאַכט,
אויף נישט צו לאָזן מער נאָך דיר קיין שפור,
אָראַדור!

געוואָלט האָט זי אַרומגיין אויף דער ערד
אַליין, פון מענטשן־בליקן נישט געשטערט,
ווי אין די ווילדעניש — דער בעל־חי;
אַרומגיין מיט געברום און פראַנק־און־פריי,
און ווי אַמאָל, אין ווילדן, אַלטן אור,
אָראַדור!

זי האָט געוווסט, זי זעט נישט מער דעם טאָג,
האָט זי פאַר כעס געשליידערט און געבראָקט,
געפּאַטשט אין שוים, געוואָרפן זיך, — אומזיסט! —
אין שיין פון טאָג און אויף איר אייגן מיסט
וועט ליגן אַ געפּגרטע די שטשור,
אָראַדור!

די שיין פון טאָג, וואָס גייט אויף חורבות אויף,
רופט אַלע פלאַטערן פון ווינט צונויף,
און לופטערט אויס דיין לעצטן רויך־געדוך
מיט סערפ־און־האַמער־אויסגעשטיקטן טוך,
ווי דימענטן אויף איידלסטן וועלור,
אָראַדור!

פאַר אַ יידישער טיר אין פּאַריז

אַ יידישע דירה. כ׳דערמאָן זי.
איך קאָן נישט אַוועק פון דער טיר. —
עד היום אַ זכר נאָך דראַנסי
איז קלעפּן געבליבן אויף איר.

איך הער אים נישט אויף צו באַקוקן
דעם זיגל פון רויטלעכן לאַק,
אַזוי ווי אַ בלוט־פלעק פאַרטרוקנט,
פאַרגליווערט נאָך מעסער און האַק.

אין אים, ווי די צייכנס פון ציינער,
דעם האַקנקרייץ זע איך פאַרקריצט.
ווי גוט וואָס עס האָט נאָך נישט קיינער
געקאָנט אים פאַרווישן ביז איצט.

מ׳האָט שאָבן פּרובירט אים און קראַצן,
דאָך בלייבט ער אַלץ אויפן געהילץ,
ווי ס׳בלייבט דאָס פאַרברעך פונעם נאַצי;
ווי ס׳אומגליק אין האַרץ, נישט געשטילטס.

אַ שליסל איז איצט מיין מחשבה,
וואָס עפנט די טיר מיט אַ שפּרונג:
אָט דאָ האָט אַ קינד זיך געכאָוועט
אין שטויב און אין אַרבעטס־געצוג.

געשפּילט זיך מיט שטיקער פון הויזן
און שווערע מכשירים פון שטאָל.
אין וואָל איז אַ קעפּעלע קרויזן —
אַליין ווי אַ פּעקעלע וואָל.

ס׳האָט זעלטן דאָרט פריילעכע שטיף־טעג,
בלויז ווען אין אַ יום־טוב אָן זאָרג,
עס שרייט פון פּאַטעלניע דער ביפשטעק
און ס׳קושט זיך די פלאַש מיטן קאָרק.

פון פּאַטעפאָן גיין פלעגט אַ ניגון.
ער האָט זיך אויף תמיד פאַרהאַקט,
ווען צוגעדריקט האָט אים דער זיגל,
וואָס קלעפּט נאָך מיט רויטלעכן לאַק.

נאָך האָט נישט דאָס וואַסער דאָס זודיקס
פאַריבן די שפּורן פון בראַנד,
דער לאַק, ווי אַן אויג אַ פאַרבלוטיקטס
פון קרבן, קוקט שטענדיק אונדז נאָך.

ווי ס׳וואָלט אונדז געמאָנט און געוואָרנט,
דאָס בלוטיקע אויג אויף דער טיר:
געדענקט איר נישט מער יענע יאָרן —
פאַרשטעקט און פאַרשטיקט הינטער איר?

די נאַכט פון צערודערטע שטיגן
און קינדער־געוויין ווען מען האָט
די טיר — און דעם גורל — פאַרזיגלט,
ווי ס׳האַרץ — מיט דער לאַטע פון שפּאָט.

באַשטימט איז — דאָס דאַרף אונדז דערמאָנען
די חתימה פון האַקנקרייץ־לאַק —
דאָס לייב פאַר די קברים־וואַגאָנען,
דאָס העמד פונעם לייב — פאַרן זאַק.

צום רויב־זאַק — דער חלום פון בעטן,
דער שפּיגל וואָס זעט זיך אַליין,
די פאַרביקע רויז פון טאַפּעטן,
די שפּיצן פול סודות און חן,

די אַלטע פּאָרטרעטן פון זיידעס,
דעם היימישן קלאַנג פון געשיר. —
פאַר דעם, וואָס באַדאַרף נאָך אַן עדות,
ווערט רויטער דער לאַק אויף דער טיר.

און בלוטיקער ווערט נאָך די חתימה
און טריפט ווי די וווּנד פונעם האַרץ, —
ווען וואַגן זי ווער ווי אַ בלימל
פאַרוואַרפן — אַ נישטיקס, פאַרדאַרטס?

צו דעם, וואָס גערמאַנישע קנאַפּל
וועט חתמענען לאָזן אויפסניי
פראַנצויזישע וועגן און האַפּנס,
אַזוי ווי די טיר, וווּ איך שטיי —

איך וועל ווי אַ דעק פון אַן אָרון
צום פּנים אים טראָגן די טיר,
און ווי מיט אַ שווערד זיין זכרון
אַדורכשניידן וועל איך מיט איר.

צום אַנדענק פון מענדל לאַנגער *)

טולוז אין שטויב און פּאַלמען. כ'קום אין וואַנדער.
איך זוך זיין שפּור אין תפיסה סען־מישעל.
דער יזכור־פּלאַם אין האַרצן שמעלצט פאַנאַנדער
דאָס אייזנטויער, שלאָס, שטאַכעט און שוועל.

און ס'עפנט זיך דער הויף, מיר צו באַווייזן
ווי ער שיינט־אויף דורך שאָטנס — שוואַרצע געסט;
די גיליאָטינע שטייט — אַ טיש פון אייזן,
וווּ ס'גרייט דער תליון זיי אַ וויסטן מאָלצייט־פעסט.

אין תפיסה־הויף איין נאַכט איז נאָך פאַרשווונדן,
איין טאָג פאַר דעם פאַרמשפּטן — געגרויט.
ער גייט, די הענט צענומען, אויפגעבונדן,
ווייל ווי צום לעבן פריי — ער גייט צום טויט.

ער גייט פון זיין געבוירן־אָרט אָשוויענטשים,
ס'באַגלייט אים יעדער קרעכץ פון פלאַם און גאַז.
ווי גלייך ער גייט צום טויט! — דאָס האָט געבענטשט אים
צו גיין אַ גלייכער — אונדזער קרומע גאַס...

דער פאַל פון געטאָ־מויערן אין פוילן
הילכט אָפּ פון ווייט אין זיינע שטרענגע טריט.
ווען אונטער פאַלעס טונקעלע פאַרהוילן
ער טראָגט אונדז העלע טרייסט — דעם דינאַמיט. — — — —

*) יידישער ווידערשטאַנד־העלד אין פראנקרייך. געבוירן אין אָשוויענטשים, אומגעקומען אויף דער גיליאָטינע אין טולוז, 1943.

ס׳שטייט ריין אויפסניי אין הויף די גיליאָטינע,
מ׳האָט זאָרגפעליק זיין בלוט פון איר פאַרווישט,
נאָר נישט פון האַרץ די קללה און די שנאה
און פון געדעכעניש זיין לעבן — קיינמאָל נישט.

אין ערפורכט בייגן פאָנען זיך און פאַלמען,
און כ׳נעם דעם יזכור־פלאַם פון תפיסה־הויף
צו טראָגן אים דורך גאַסן צום בית־עלמין
און כ׳לייג אים אויף זיין דענקמאָל־שטיין אַרויף.

דו פלאַם צעגליטער אויפן קאַלטן מאַרמאָר,
דו זיי דעם העלד — די שיין פון אָרעאָל,
דעם קאָפּ, וואָס הויך געוועקט אונדז אויף אַלאַרם האָט,
וואָס נישט געפאַלן איז אָן שפור אין יאָמערטאָל.

דערצייל און שטרענג פאַרהיט זיין יעדן זכר
וואָס ווערט, ווי דו, דורך צייטן־גאַנג נישט בלאַס;
דערצייל ווי גיין צום עשאַפאָט אַ גלייכער
האָט אים געלערנט אונדזער קרומע גאַס.

מאַק גי

ווי קאָן איך דען רואיק היינט זיצן אויף מיין שטול
ביים טיש,
ביים בוך,
ביים ברויט
און ביים כתב־יד?
ווי קאָן איך דען רואיק היינט זיצן אויף מיין שטול,
ווען דו,
מיין ברודער־מענטש מאַק גי,
זיצסט אויף דער עלעקטרישער שטול?

ברודער־מענטש מאַק גי,
מיט דער טונקעלער הויט
און מיטן ליכטיקן האַרץ.
טאָג נאָך טאָג
און נאַכט נאָך נאַכט
מיר האָבן געבעטן אין אַלע לשונות,
מיר האָבן גערופן מיט אַלערליי קולות,
סיי תפילה געטון,
סיי געמאָנט און פאַרלאַנגט און געפאָדערט,
נאָר ווייניק נאָך איז דאָס געווען אַלץ, ווייניק,
ווייל ס'האַרץ פון ווייסן האַר פון ווייסן הויז
איז האַרט און שטייניק.

ווי האָט ער דען הערן געקאָנט דאָס געבעט
פון אַלערליי שפּראַכן און הערצער,

אַז פֿאַרטויבט האָט ער זיך זײַן געהער
מיטן יאָמער־געוויין פֿון סעאולער יתומים
און מיטן יסורים־געשריי פֿון צעשמעטערטע שטעט.

און ווי האָט געקאָנט אונדזער האַנט,
די געשטרעקטע אין רחמים און מאָנונג,
דערלאַנגען און צוקומען נאָענט צו אים —
אַז פֿאַרשטעלט האָט ער זיך
און אַרומגעבעט זיך
און פֿאַרלייגט יעדן צוטריט צו אים
מיט אַלע הרוגים
און מיט אַלע בר־מיננס,
וואָס זענען נאָר פֿאַראַנען, —
פֿון קאָרייע,
אָראַדור
און פֿון מאַידאַנעק.

דאָך זע איך אים אַרויס,
דאָך זע איך אים אַרויס פֿון דעם געפּלאָנטער און דער נעץ
פֿון אַלע אָנגעוואַלגערטע און אָנגעהויפּטע ביינער
אַרום אים,
און איך דערקען אים, איך דערקען אים,
דעם ווייסן האָר פֿון ווייסן הויז,
מאַק גי, ברודער מיינער.
ס'איז מיין חשבון מיט אים אַזאַ לאַנגער, אַ ווייטער:
אין פֿינצטערע קעלערס (און אין פֿינצטערע צייטן)
ער האָט נאָך אַמאָל אין טאָלעדאָ
געזוכט מיין געביין פֿאַרן פֿלאַם
פֿון זיין שייטער,
און שפּעטער נאָך, מיט לאַנגע יאָרן שפּעטער,
אַ גיריקער, אַ נישט־געשטילטער,
נאָך צוגעזויפּט, פֿאַרטרונקען מיט עלילת־דם.

איך געדענק אים, איך געדענק אים זייער גוט.
(מיין זכרון האָט מיך נישט פאַרלאָזן)
דאָס האָט ער אויף גאַלילייִ געשיפּעט, ווי אַ שלאַנג, מיט פייער
און מיט שטיינער אויף שפּינאָזען.
דאָס האָט ער אין קישיניעוו געשאָכטן,
דאָס האָט ער די שטריק פאַר לעקערטן געפלאָכטן,
דאָס האָט ער אין האַמבורג און טולוז אין אַ באַגינען
געשאַרפט פאַר אויגוסט ליטגענסן די האַק
און מענדל לאַנגערן — די גיליאָטינע. — — —

און איצט באַרירט ער דעם עלעקטרי־שאַלטער מיט זיין האַנט,
דער ווייסער האַר פון ווייסן הויז,
ער איז דיסקרעט און ליבנסווירדיק און גאַלאַנט
און אויסגעפּוצט און פייערלעך ווי צו אַ פעסט.
באַלד וועט ער שטיקער פון דיין טויטן גוף און פון זיין מאַרד
פאַרטיילן זיינע הויכגעשטעלטע געסט
ווי שטיקער טאָרט...
גאָר שטאַרק איז אים דערווידער בלוט־פאַרגיסונג.
דערמאָרדן וועט ער איידל, פיינקטלעך, מיט געזעץ,
דערמאָרדן — נאָר דאָס בלוט, דאָס נישטיקע, אומריינע,
זאָל נישט, ווי דורך דער פיינצטערער, אַלט־מאָדישער
און אַלט־פאַראָסטער האַק,
פאַרפלעקן זיינע האַנדשו,
זיין געוויסן
און זיין פראַק...

באַזעצט האָט ער דעם טויט גאָר פעסט און זיכער
מיט פאַסן און מיט רימענס אויף אַ שטול —
בכדי ער זאָל, דער ווייסער האַר פון ווייסן הויז,
לאַנג, לאַנג נאָך קאָנען זיצן אויף זיין טראָן
פון גאָלד, פון בלוט און ביינער,
אַ פאַרהילטער אין זיין טויטן־קאַפּישאָן

און אין דער נאַכט —
זיין שטערנדיקער פאָן...

נאָר אויף דער שטול אין מיסיסיפּי־שטאַט
דו וועסט נישט זיצן ווי אַ מת,
מאַק גי, מיין טויטער ברודער;
וועסט זיצן דאָרטן ווי דער יושרדיקסטער ריכטער
אינעם יושרדיקסטן יום־הדין.
וועסט דאָרט אויך משפטן פאַר אונדזערע מיליאָנען טויטע
ווען צו דיין שטול וועט דעם פאַרברעכער פירן די געשיכטע
און ס׳וועט אים דיין פסק־דין גאָר שטרענג און גרויזאַם טרעפן... — — —

דאָרטן, אויף דער שטול אין מיסיסיפּי־שטאַט,
וווּ דו, מיין ברודער, האָסט די אויגן דיינע צוגעמאַכט
און ביי אַ וועלט, אַ גאַנצער וועלט די אויגן אויפגעעפנט...

ביינאַכט ביים צוקאָפּנס

1

אין חצות, ווען אַ מינדעסטער שאָרך גייט שוין אויס,
מיך קומען, ווי נאַכט־געסט, באַזוכן געשטאַלטן,
זיי קומען פון מיינע מחשבות אַרויס —
די איינציקע קבורה, וואָס האָט זיי באַהאַלטן.

זיי קומען מיט קנאַכנס אין רחמים געשטרעקט
דערמאָנען מיט קלעפּ אין מיין האַרץ און מיין לאָדן:
זיי האָבן אַמאָל אין מיין לעבן געשטעקט,
ווי דעמבעס, פאַרוואָרצלט אין וואַלדישן באָדן.

איצט ווו נאָר מיין בליק אויף זיין שטח דערגרייכט,
נישטאָ איז קיין צווייגל, וואָס זאָל אים פאַרהאַלטן,
די האַק פון הריגה האָט אַלע פאַרשטרייכט,
איצט בלאָנקען זיי — שאָטנס און אימה־געשטאַלטן.

זיי בלאָנקען, ביז שטעלן זיך אָפּ אין דער ראָם
פון פענצטער און אינעם קוואַדראַט פונעם קישן;
אָט ווערט עס פאַרכאַפּט פון זיי, ווי פון אַ פלאַם,
עס שפּאַרן זיך קעפּ — און מיין קאָפּ איז אין צווישן.

צי זענען זיי איצט אויך די זעלבע פון זינט
אַמאָל, ווען זיי פלעגן מיר קומען צו חלום,
באַפאַלן מיט שרעק דעם צוקאָפּנס פון קינד?
צי קומען זיי שרעקן אויך איצט ווי אַמאָל אים?

און קומען זיי איצט אויך, ווי דעמאָלט, בכדי
פאַרכאַפּן מיין רו אין אַ נעץ פון גרימאַסן,
וואָס האָבן, ווי שפּורן פון קראָען אין שניי,
די מורא געלאָזט אויף מיין שטערן דעם בלאַסן?

עס קאָן מער נישט האָבן קיין שליטה די שרעק
ווי דעמאָלט — די שרעק פון פאַרבאָרגענע וועלטן,
איך רוף איצט נישט קיינעם און שריי נישט: אַוועק!
אַלצאיינס צי זיי קומען מיך בענטשן צי שעלטן.

ווי קאָן מיך נאָך שרעקן אַן אימה־געשטאַלט
זינט כ'האָב זיי געזען, די באַהעלמטע פאַנטאָמען.
כ'דאַרף מער פאַרן אויסזען פון טויט קיין באַהאַלט
און היימיש איך רוף די געשטאַלטן ביים נאָמען.

ווי קאָן זייער טויט מיר נאָך זיין איצטער פרעמד
זינט לעבן און טויט איז צוזאַמען געלעגן
אין זעלבן געלעגער, אויף דרערד צוגעקלעמט,
מיט פלאַמיקע הימלען פאַרדעקט איבער וועגן.

עס האָט אונדז געבונדן צוזאַמען איין קייט,
מיר זענען מיט מתים געלעגן אין גריבער,
אָפּטמאָל האָבן מיר זייער ביסן דערקייט,
וואָס איז אונדז פון זיי בירושה אַריבער.

פאַרבלוטיקט כזית, וואָס האָט אונדז געשפּייזט
דאָס חיות מיט שפּורן פון זייערע ציינער.
ווען ס'זענען געלעגן פאַרגליווערט, פאַראייזט
שוין זייערע גופים האָט ערגעץ נאָך איינער

אַן אבר פון זייערע אברים באַוועגט —
געווען איז דאָס אונדזערס אַ האַנט, אונדזער אָרעם,
און ס'האָט אונדזער לעבן צו זיי זיך געשטרעקט,
ווי ס'האָט זייער טויט זיך געשטרעקט פון די קברים.

היינט, דאַכט זיך מיר, שטרעקן זיי זיך צו מיין בעט,
ווי וואָלטן מיך וועלן מיט שטראָף־רייד, ווי שטיינער,
באַוואַרפן פאַר עפּעס אַן עוולה, אַ חטא,
און שליידערן טענות אַרויס דורך די ציינער.

ווי קרומע, פאַרזשאַווערטע זעגן, וואָס מיר,
מיר דאַכט זיך, איך ליג צווישן זיי צום צעשניידן:
— מיר קומען פאַרלאַנגען אַן ענטפער פון דיר
אויף דעם, וואָס מיר קאָנען שוין מער נישט פאַרליידן.

אָט וועט ער אונדז אויסהערן מוזן דאָ גלייך,
ער וועט נישט אַן ענטפער אַוועק — אַלץ פאַרשייטער
כ'הער קולות, וואָס שפּאַרן זיך ווי אין אַ טייך
די כוואַליעס, וואָס איינע יאָגט איבער דער צווייטער.

כ'זע פּשוטע יידן, כ'הער זייער געצייג
פון אַרבעט און קולות פון לערנען און מסחר,
און דורכן גערויש פון מכשירים, וואָס שטייגט,
די זינגער־מאַשין פון מיין טאַטן געוויס כ'הער.

דורך איר הער איך ס'קול פון מיין חרובער גאַס
קלאַפּט־אָן ווי אַ וואָרנונג מיר אַלץ אין די שלייפן.
אָט שפּאַרט זיך דער בעדנער, וואָס אָנשטאָט זיין פאַס,
אַרומנעמען ווילן גאָר מיך זיינע רייפן.

דער שוסטער איז גרייט מיט זיין דראַטווע און אַל
פאַרשטעכן מיין הויט, כ'זאָל פון אָרט נישט פאַרשווינדן,
דער טרעגער — אַ וואָרף־טון די לאַסט פון זיין עול
אויף מיר און מיט שטריק צו זיין גוף מיך פאַרבינדן.

מיך צושמידן גרייט צו מיין טיש איז דער שמיד,
וואָס פאַכט פון זיין בלאָזזאַק מיט פלאַמיקן אָטעם,
דער קלעזמער — מיט קלאַנג פון זיין ניגון, זיין ליד,
וואָס קוילן־געווירבל פאַרשטומט ערגעץ האָט אים.

די באָבעשי אויך מיט איר טשיפּיק און בראָש
איז, דוכט, מיטן בליאָסק צו פֿאַרבלענדן מיך אויסן,
עס שפּאַרט זיך דער דאַווענער מיט זיין „של ראש״,
וואָס ווי מיט אַ האָרן איז גרייט מיך צו שטויסן

און מיטן ספּיראַל פון רצועה איז גרייט
די הענט מיר פֿאַרקרעמפּן, פֿאַרקלעמען, פֿאַרדרייען.
איך ליג אונטער אַלעמענס טענות און רייד
און ווי אַ פֿאַרשטיינערטער פון די געשרייען.

— איז אמת?... איז אמת?... — גיט ווידער אַ שאָט
פון זייערע פינצטערע מיילער מיט פראַגן —
האָסטו אויך געלאָזט אונדז אויף קיינעמס בעראָט?
פֿאַרגעסן אונדז קאָנסטו, ווי אַנדערע, וואָגן?...

דו וואַרפסט פון דיין האַרץ אונדזער אָנדענק אַרויס,
ווי מ׳וואַרפט פון דער ערד אַרויס מענטשלעכע ביינער.
— אַוודאי, אַז גוט איז אים איצט אין זיין הויז,
חוץ אונדז וועט די רו נישט פֿאַרשטערן אים קיינער...

דו זיצסט זיך ביים שרייבטיש. דאָס ליכט פֿאַלט גאָר פיין
פון שטרוי־אַבאַזשור, ווי דורך גאָלדענע צויטן.
דערמאָנסטו זיך גאָרנישט דערביי אין דער שיין
דורך לאָמפּ־אַבאַזשורן פון אונדזערע הויטן?

פֿאַרנעמסט זיך שוין גאָר מיטן פֿאַלן פון בלאַט
און וואָלקן־שפּיל, ווי מ׳האָט אונדז איבערגעגעבן,
נאָר זעסט שוין דעם וואָלקן פון רויך נישט כמעט,
דעם וואָלקן פון אונדזער פֿאַרשרפֿעטן לעבן.

אַפילו נישט קאָלערן זיך אונטער דרערד
מיר וועלן אין גאולה־טעג פון דער לעגענדע,
וואָס דו האָסט מסתמא אין חדר געהערט,
ווייל ווי קאָן דען אַש איבער ימען, דורך לענדער

זיך קייקלען און קאַלערן אונטער דער ערד?
ווי קאָן עס דען אַש, וואָס די ווינטן צעטרייבן?
דערפאַר איז דער תיקון, וואָס איז אונדז באַשערט —
אין כתבים, וו ס׳וועט אונדזער זכר פאַרבלייבן.

פאַרדעקט האָט די ערד נישט קיין מינדעסטער שטיין
נאָך אונדז, וו ס׳זאָל עמעץ זיך קומען פאַרנויגן;
די ערד, נישט פאַרדעקט האָט זי אונדזער געביין,
פאַרדעקט נישט קיין שערבעלעך — אונדזערע אויגן. —

מיר זענען דעריבער! גיב איבער דאָס גלייך,
זאָל יעדער דאָס וויסן, לאָז אַלעמען הערן:
מיר זענען אייך שטענדיק, מיר קוקן אויף אייך
און גייען אייך נאָך וו איר זאָלט זיך נישט קערן!

2

איר קאָנט אויף מיר קוקן! פאַרבלייבט דאָ אַ ווייל,
פאַרשווינדט נישט, פאַרשווונדענע ליבע געשטאַלטן.
זייט זיכער, מיין בעט איז מיר איצט נישט קיין הייל,
וו כ׳זאָל מיך פאַרשטעקן פאַר אייך און באַהאַלטן.

די רו מיינע האָט איר מיר גאָרנישט געשטערט.
וו איז דען מיין רו, וואָס איר קאָנט זי מיר שטערן?
כ׳באַשווער אייך, אַזוי ווי איך האָב אייך געהערט,
באַווילקן זאָלט איר אויך מיך אויסצוהערן.

מיט וואָס זאָל איך צובינדן אייך צו מיין טיש,
ווי איר האָט מיך נאַר־וואָס פאַרשמידט און פאַרבונדן?
סיי ווי איז מיין לעבן מיט אייך אויסגעמישט,
ס׳פאַרבינדן מיך שראַמען פון אייביקע וווּנדן.

נאָך מער ווי דורך גאַרטלען, רצועות און שטריק
באַהאַפטן מיך האָבן די בלוטיקע שראַמען,
זיי לויפן אָן אָפּשטעל אַריין אין מיין בליק,
ווי טייכן, וואָס פאַלן אַריין אין די ימען.

נעמט צו פון מיר אייערע בלאָזזעק און העק,
די זעגן און דראַטוועס, די רייפן און דראָטן.
נישט נויטיק, כ'קאָן סיי ווי פון אייך נישט אַוועק,
ווי ס'קאָן נישט אַנטלויפן אַ מענטש פון זיין שאָטן.

נאָר נעמט נישט פאַר אומגוט — כ'האָב גאָרנישט געוואָלט
פאַרמינערן אייערע אַרבעטס־מכשירים,
כ'פאַרנעם זייער אָפּקלאַנג נאָך מער ווי פון גאָלד,
מיין שרייבטיש באַשטעל איך מיט זיי און באַציר אים.

און הערן איר קאָנט אין מיין ליד זייער קלאַנג,
אַזוי ווי מען הערט אין מיין האַרץ אייער אומקום;
איך האַלט אים פאַרקלעמט אין די ציין ווי אַ צוואַנג
האַלט פייער, און טראָג אים ווו איך אומעטום קום.

אָ, טוט פון מיר אָפּ אַלע רייד פון פאַראַכט,
ווייל איך פון אַן עדה אַ גאַנצער בין איינער,
איך קום פונעם טויט ווי דער טאָג פון דער נאַכט,
איך וואַקס ווי אַ פלאַנץ ערגעץ אויס צווישן שטיינער.

פון דאָרטן איך שטרעק זיך צו לעבן און ליכט, —
צי דאַרפט איר מיט גיפט־רייד דאָס שטרעקן באַשווערן?
פאַרוואָס זאָלט איר זאָגן, חוץ אייך, אומגעריכט,
וועט קיינער די רו מיינע איצט נישט פאַרשטערן?

ווייל אויב איז מיר רו נאָך באַשערט, איז נישט איר,
נישט איר וועט זי שטערן — גאָר אַנדערע גרייטן
און פרווון די פויסטן שוין אויס פאַר מיין טיר
און אויף מיין מנוחה — אַרויפלייגן קייטן.

זיי שטעקן, ווי מוילוואָרפן, ווידער די קעפּ
אַרויס שוין פון אייער פאַרשרפעטן נעכטן;
אָט די, וואָס איך האָבן צו שחיטה געשלעפּט, —
מיין ניצול־געוואָרענעם טרוים צו דערשעכטן.

זיי קוקן אין גלאַנץ פונעם מעסער, ווי ער
געוואָרן וואָלט היינט זייער איינציקער שפּיגל,
ווו ס׳גייט אייער בלוט־פלעק פון אים שוין נישט מער
אַראָפּ — ווי פון משפּט אַן אייביקער זיגל.

עס שטייט אייער וואָלקן פון רויך פאַר מיין אויג
און איז מיר ווי תמיד אי הייליק, אי טייער,
דערפאַר ווייל איך זאַפּ אים אַריין און איך זויג —
מיין גוף גיט אַרויס, ווי אַ שטיין, פון זיך פייער.

ס׳איז פייער פון אָנדענק און פייער פון שטרייט
פאַר אייך און פאַר מיר — און איר דאַרפט עס נישט וועלן
עס זאָל אייער וואָלקן מיין מינדעסטע פרייד
און ליכט פון מיין לעבן אינגאַנצן פאַרשטעלן.

אויב ס׳טרעפט אויף אַ שמחה אַמאָל ווען עס איז —
דאַרפט איר זי באמת די פרייד מיר פאַרגינען.
ווייל אויך אין דער פרייד איז פאַראַנען געוויס
נקמה פאַר אייך און פון מאָנונג אַ זינען.

אַמאָל, ווען ס׳טרעפט אַן זיך אַ גלאָז מיט אַ גלאָז,
ווי מענטש מיט אַ מענטש, ווי עס קאָן זיך אויך מאַכן;
ווען כ׳לאַך צו אַ קינד, צו אַ שטראַל, צו אַ גראָז,
וויל איך נישט דערמיט אייער אָנדענק פאַרלאַכן.

אַפילו בלויז דאָס, וואָס איך זינג און איך לאַך,
איז איבערן אכזר פאַר אייך אויך נצחון,
ס׳באַווייזט אונדזער טאַט פאַר דער מינדעסטער זאַך
אַז ס׳האָט נישט דער פיינט אַלע שטאַמען צעבראָכן;

איך ווייס, אַז באַרואיקט וואָלט זיך זיין געמיט,
ווען ס׳האַרץ מיינס זאָל בלייבן — צעריסן אין צווייען;
אַרומגיין זאָלט איר אין די שורות פון ליד
ביי מיר, ווי אין שמאָלע בית־עולם־אַלייען.

מיין ליד, וויל איך, זאָל צו דערהויבונג אייך זיין,
עס זאָלן אייך זיין מיינע שורות ווי שטאַפּלען. — —
איר מעגט אויף מיר קוקן! — אויך איך קוק אַריין
אַן שולד און אָן מורא אין אייערע אַפּלען!

פאַר אייך בלויז די אויגן אַראָפּלאָזן דאַרף
דער, ווען די זינד און די חרפה זיי נידערט,
דער לאָמפּ־אַבאַזשור זאָל זיי אויסשטעכן שאַרף, —
וואָס איר האָט מיר נאַר־וואָס מיט פאָרווורף דערווידערט.

ס׳דאַרף ברענען די הויט גאָר ביי דעם, וואָס די הויט
פון אייך גייט פאַרטוישן אויף לעדער און שטאָפן,
דעם האָר־קנויל — פאַרבליבן נאָך אייך, נאָכן טויט —
אויף לייוונט און וואָל — אויף צום לייגן זיך שלאָפן.

און ס׳אַש, וואָס פאַרצייטן זיין אורזיידע פלעגט
מיט זעק אויפן קאָפּ זיך אין טרויער באַשיטן,
ער גייט עס גאָר אָנפילן באַלד אין די זעק,
אויף קליינגעלט און וואָרע פאַרטוישט און פאַרביטן —

בכדי אין דעם פינצטערן פלאָנטער אַריין
פאַרגיין זאָלן אייערע הייליקע שפּורן;
די וועלט זאָל נישט קענען קיין אַנדערע שיין
חוץ די, וואָס דורך אונדזערע הויט־אַבאַזשורן.

וואָס איך פון די טישן די טריפהנע איצט
רייס אָפּ און פאַרהויב ווי אַ פאַרכטיקן פאַרמעט —
אַ תורה אַ נייע אויף זיי ווערט פאַרקריצט,
וואָס כ׳נעם זי אין לעבן, אין יעדער געפאַר מיט.

פאַרשווינדט נישט! און לאָמיר פאַרשרייבן אין איר
ווי איר זענט אין פייער צוזאַמען פאַרגאַנגען
און ווי פאַרן טויט, נאָך אַ לעצטן באַריר —
די גופים נאָך איינער דעם צווייטן דערלאַנגען;

צוזאַמען געגענען נאָך אַלץ ווי אַמאָל
אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ און געביין צו געביינען,
(דאָך טרעפט איר אין לעבן אַזעלכע צומאָל,
וואָס ווילן אייך מער נישט צוזאַמען באַוויינען).

פאַרברידערטע האַלטן זיך הענט נאָך מיט הענט,
פאַרשלאָסן אין אייביקן בונד און אין גלויבן,
ווי דאַן, ווען די ערד האָט נאָך אַלץ נישט געקענט
באַרואיקן זיך און נאָך אייך זיך געהויבן,

ווי ס'וואָלט דער שיפּוע געוועזן אייַן גוף,
איין ברוסט, וואָס זי אָטעמט פאַר אַלעמענסוועגן.
מיר דאַכט, ווי איך וואָלט נאָך פאַרנומען איר רוף,
אין וואָרנונג זי הערט זיך נישט אויף צו באַוועגן...

דעם אָטעם בלאָזט יעדן אַריין אינעם בלוט
פון יענעם נאָך איצט נישט געשטילטן שיפּוע,
וואָס האָט נישט געשענקט זיך און האָט נישט גערוט
בכדי אונדזער האַרץ, ווי די ערד, זאָל נישט רוען.

עס טאָגט! זאָל צום אָנדענק אייך ס'מאָרגן־ליכט זייַן,
און גייט אים אַקעגן ווי קינדער אַ מאַמען,
און ווי איר זענט אַלע אין פייער אַריין,
אין טאָג אַריין פירט אונדז ווי ברידער צוזאַמען.

די זון פון אַפּריל...

צום צענטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד
אין וואַרשעווער געטאָ.

די זון פון אַפּריל רופט אַרויס פון דער ערד
דעם מינדסטן געוויִקס און דעם קנאָספּ פון די צווייגן,
און אייך, וועמען ס'האָט נישט קיין פייער פאַרצערט,
זי רופט אייך אַרויס פונעם פאָרכטיקן שווייגן.

זי רופט אייך פון אונדזער זכרון אַרויס,
פון האַרץ פונעם פאָלק — דעם געזיכערטסטן בונקער,
ווי דאַן מיט די נעגל און ציינדפלעשער בלויז
אַנטקעגן דעם פרייס און פאַרפאַנצערטן יונקער.

אין חודש אַפּריל אויפדאָסניי בליט איר אויף
צוגלייך מיט דער פלאַמיקער רויז, מיט די גראָזן
און בליעכץ אין גרוז פון מיין וואַרשעווער הויף,
וואָס מערץ־ווינטן טראָגן דאָרט אָן און צעבלאָזן.

צען יאָר שוין ווי ס'האָבן די רויכן פאַרמעקט
פון גאַסן און הייזער די לעצטע קאָנטורן,
אַזוי ווי אַ שטורעם־פאַרפלייצונג פאַרדעקט
פון ערד, פון יבשה די מינדעסטע שפורן.

מיט זיך האָבן רויכן פֿאַרשלעפּט און פֿאַרווישט
די שאַרפֿע פּראָפֿילן פֿון דעכער און ראָגן,
נאָר האָבן מיט אייך זיך אין רוים נישט פֿאַרמישט —
אָן אייך האָבן זיי זיך אין אין־סוף צעטראָגן...

אַזוי ווי די זון קאָן בלויז ווערן פֿאַרדעקט
אַ ווײַלע פֿון וואָלקנס, די סאַמע געדיכטע,
נאָר מוזן זי לאָזן... אַזוי אומבאַפֿלעקט
געלאָזט האָבן רויכן אייך — העלדן־געזיכטער...

די זון פֿון אַפּריל גייט פֿון וואָלקנס אַרויס
און איר — פֿונעם רויך, אונדז דעם וועג צו באַשײַנען,
איר שטעלט זיך פֿאַר אונדזערע מאָלצײַטן אויס,
ס'מישט אויס אײַער בלוט זיך מיט אונדזערע ווײַנען.

ווי אייביקע מאָנער, איר קלאַפּט בײַ אונדז אָן,
איר קומט מיט אַ שבֿועה די דורות באַשווערן,
באַזיגטע — איר פֿירט אונדז נאָך אַלץ ווי אַ פֿאָן,
געפֿאַלענע — הייבט איר זיך אויף ביז די שטערן...

איר פֿירט אונדז... מײַן האַרץ לאָזט זיך אָפּ ווי אַ פֿײַל
מיט שווונג, וואָס קיין קראַפֿט קאָן אין וועג נישט פֿאַרהאַלטן;
עס לאָזט זיך צו הויפֿן מיט אייך אין געאײַל,
צו קעלערס, וווּ קינדווײַז איך פֿלעג זיך באַהאַלטן —

און וווּ זיך באַהאַלטן איצט קומט קינד־און־קייט —
די לעצטע פֿאַרבליבענע געטאָ־באַוווינער,
דער זכר פֿון לעבן פֿון אויבן פֿאַרגייט —
אַלץ טיפֿער, אַלץ טיפֿער, אַוועק פֿונעם שונא.

פֿון דאָרט, וווּ ס'ווייסט מער נישט פֿון זונשײַן די גרוב,
אָן אייביקער פּנקס וועט אייביק דערציילן
ווי דײַטשלאַנד פֿון הימלער, פֿון געבעלס, פֿון קרופּ
פֿאַרטריבן האָט ווידער דעם מענטש אין די היילן.

די לעצטע באַווינער... ס'האָט ווי אַ וואַמפּיר
דער אומשלאַג דאָס חיות געצאַפּט זינט מעת־לעתן;
אַזוי ווי די שטשורעסביים מת פאַר דער טיר —
די בראַך האָט אויף שטיקער דאָס געטאָ צעפרעסן;

ווי פייער גייט איבער פון שטרוי צו אַ שטרוי,
דער טיפוס פון גוף צו אַ גוף איז אַריבער,
די קויל האָט געשניטן די לופט מיט געוואַי,
אַזש ענג איז געוואָרן דעם טויט אין די גריבער.

אין גריבער איז ענג און אין געטאָ — געררוים,
נאָר שטיל רופט זיך איבער אַ גאָרן מיט גאָרן:
זאָל ווערן דעם פיינט יעדע מויער אַ צוים,
באַפאַלן אים זאָל יעדער ציגל מיט צאָרן!

דער פלאָנטער פון הייף זאָל אים ווערן אַ נעץ,
אַריין זאָל ער ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע חיה,
פאַרזונקען זאָל ווערן דער שטאָלענער גּעץ
מיט זיינע מונדירן, די פרישע, די נייע...

פאַר־פּסח... מ'האָט כשרן היינט נישט פאַרזוימט,
נאָר ס'חמץ — געווען איז נישט וואָס צו פאַרוימען,
דאָס געטאָ אַליין איז היינט ליידיק, פאַררוימט,
דאָך לויערט מיט קראַפט יעדער דאַך, יעדער קוימען.

די וואַרשעווער דעכער! איך האָב זיי געקענט.
דאָס ייִנגלשע האַרץ פלאָטערט אום אין די ביידעמס,
קלאַפּט־אָן ווי אַ פויגל אַ קראַנקער אין ווענט,
וואָס פלעגן מיך שרעקן מיט רוחות און שדים.

געווען איז דאָס שפּעטער פאַר מיר אַזאַ גליק
באַקוקן פון דאַנען מיין שטאָט־פּאַנאָראַמע,
וואָס רחבותדיק שפּרייטן זיך פלעגט פאַר מיין בליק
אַזוי ווי דער וואַרעמער שויס פון אַ מאַמע.

פון דאַנען פלעגט אָפט איבער דראָטן אַוועק
אַ ליכטיקע פאָן, ווי אַן אָנזאָג, אַ בשורה, —
שוין דעמאָלט האָט זי אונדזער געטאָ געוועקט,
צעפאָכט, ווי דאָס פייער אין קוזשניע — זיין גבורה,

זי זאָל איצטער זיין הינטער יעטוועדן דאַך,
ווי שרויט אין גראַנאַט — אינעם האַרץ דעם צעשפּאַרטן,
אַז ווו נאָר אַ ברעט, זאָל עס ווערן אַ וואַך,
אַן אויסקוק אַ טרייער דעם פיינט צו דערוואַרטן...

די שיפקייט פון בלעכן זיין אָנקום באַדראָט,
ווו ראָגן און שיידוועגן שווייגן פאַרביסן,
זיי טראָגן פאַרבאָרגן אַ גרויזאַמען סוד,
וואָס בלויז אין דער שפּאַרע דער ווינט קאָן אים וויסן.

די ראָגן פון געטאָ... דאָ פלעגט מען אַמאָל
אַ רעדנער פאַרהויבן אויף אַקסלען פון יונגען,
פון קעלערן טיפע נאָך הערט זיך אַ קול,
ווו לידער פון באָטווינען האָט מען געזונגען.

אין בוידעמס אַן עכאָ נאָך קלינגט פונעם קול,
ס'שיינט אָפּ אין די לעכער פון פאָנען דער צונטער,
די אַקסלען פון יונגען ביים ראָג פון אַמאָל
זיי שפּאַרן ס'פאַרשטאָרבענע געטאָ היינט אונטער.

דאָס געטאָ איז שטיל, נאָר נישט שטיל ווי אַ מת,
ווען ס'הערן דעם גאַנג שוין פון שונאים די גאַסן,
זיין סוף באַלד נישט חתמענען ווילן עס־עס
מיט זייערע הילכיקע שטיוול־אָפּצאַסן.

דערשיטערט ביים פרילינג אַנטפּאַלט יעדעס בלאַט,
דער הימל זיך עפנט אַ ברייטער מיט שטויבען —
די שטילקייט רייסט־אויף דער געבענטשטער גראַנאַט,
אויף שטיקער צעפליקט ער די גאווה פון שונא!

מער וועט מען נישט שלעפן און רייסן פֿאַר קעפּ,
מער וועט מען נישט כאַפּן צום טויט און פֿאַרנאַרן,
דאָס בלוט פֿון תּלינים ביי טירן און טרעפּ
ליגט ווי אַ באַשטעטיקונג אויף טראָטואַרן.

די גאווה צעפּליקט מיטן שונא צוגלייך.
ביי איינעם צינדט אָן דער מונדיר זיך דער נייער,
און ברענענדיק לויפֿט ער — צו ברענגען דעם רייך
אַ סימן פֿון יידישן ווידערשטאַנד־פֿייער. —

מ'האָט אים אונטער דרערד, ווי די פּיין אָן אַ סוף,
געקליבן אין בונקערס — די אייביקע חצותן;
די חרפּה פֿאַר גיין ווי די לעמער און שאָף
צום טויט, ווערט פֿאַר עדות פֿון דורות צעשאָסן.

עס טראָגט זיך פֿון געטאָ אַ זאַלפּ נאָך אַ זאַלפּ
פֿאַר די שוין, וואָס זענען אין חלל פֿאַרלוירן,
פֿאַר די, אין יסורים פֿאַרשטאָרבן אויף האַלב,
און די, וואָס זיי וועלן ערשט ווערן געבוירן...

ווי שפּאַרזאַם דער ביסן אין מויל ווערט געשטרעקט,
מען לייגט אין די ביקסן די קוילן די קאַרגע,
צום געטאָ דערשיינען די לוחות פֿאַרמעקט,
מיט איינציקן וואָרט אַ פֿאַרקריצטן: „דערהרגע״!

אין פֿינצטערע היילן פֿאַרקוועטשט אין דער שטיל
מען הערט ווי אַ ליכטיקע בשורה די זאַלפּן,
מען הערט זיי אין געסלעך פֿון גראָען בעלוויל
און הינטער פֿאַרטייעטן קוסט אין די אַלפּן,

און הינטער דער שוועל פֿונעם פּלעצל — די סען,
און טיף אין די וועלדער אַרום דער ווילנע,
פֿון זייער געהייליקטן ליכטיקן בלענד
ביים גוסס אין אוישוויץ שיינט־אויף נאָך די ראיה,

ווי ער וואָלט געהערט נאָך צום לעצט, אויף דער וואָר,
פון ערגעץ גאָר ווייטע גאולה־געררישן,
ווו קעמפער נאָך שיסן מיט פלאַמיקע האָר,
אַזוי ווי די שפּיזיקע שטראַלן ביי משהן.

עס ברענט שוין דאָס העמד און אַט ברענט שוין די הויט!
אַ פלאַמיקע צונג האָט אין גוף זיך פאַרזויגן,
דאָך שטייט מען, פאַרקלעמט און באַלאַגערט פון טויט,
ביז וואַנען דאָס פייער פאַרמאַכט זיי די אויגן.

עס ברעכן געלענקען פון הייזער זיך אויס,
אַ פלאַם מיט אַ פלאַם איבער זיי מאַכט יד־אחת,
נאָר פייער נאָך גייט פונעם פייער אַרויס, —
די ווייסטע טריאומפן פון סטראָפן להכעיס.

ער שטייט פון דער ווייטנס, פאַרהויבן דאָרט — סטראָפּ,
מיט רויטקייט פון שרפה איז פול זיין לאָרנעטע,
ער וואַרט, פון דער הייך קוקט אַראָפּ ווי אַ ראָב —
זיין קרבן זאָל אויסגיין — ס׳דערוואָרגענע געטאָ.

דערוואָרגן? נאָר ווער זשע דאָרט רירט נאָך? ווער וואַגט?
געמיינט האָט ער, קיינער די שטילקייט שוין וועקט נישט —
זיין טאַנקען־שנור ווערט דאָרט אויף שטיקער צעהאַקט
און פויזעט נישט מער ווי אַ גיפטיקער עקדיש.

אַן אַנדערע רויטקייט אין גלאָז גיט אַ בלענד:
די פאָן פונעם געטאָ האָט עמעץ פאַרהויבן,
מען טראָגט זי אַרויס פון צעפאַלענע ווענט,
פאַרוויקלט אין פלאַם, אין בטחון און גלויבן.

ס׳פאַרהויבט זיך דער גיבור דער לעצטער מיט איר
אַריבער דעם אומקום און חרובע דעכער,
ער היפערט די זיילן פון בראַנדיקן גיר,
צו טראָגן דעם כבוד פון געטאָ אַלץ העכער.

אַ שוימיקער ים אונטער אים איז דער רויך
און ס׳געטאָ צעשמעטערט — אַ שיף, וואָס גייט אונטער;
און ער, ווי דער שיפס־קאַפּיטאַן אין דער הויך,
ער קוקט מיט גבורה צום שוידער אַרונטער.

אַליין אויף אַ ברענענדיק ברעט קעגן שטראָם —
ווער האָט דאָס דערהויבן אים, ער זאָל נישט פאַלן? —
דאָס האַלטן אים אונטער די טויטע פון תהום,
די הענט פון פאַרזונקענע אונטער קאַנאַלן.

ער שטייגט מיט פאַרשרפעטע האָר אויפן ווינט,
זיך אָפּגעטון האָבן פון אים אַלע מוראס,
אַזוי ווי אַ מאַמע האַלט־אונטער אַ קינד,
עס האַלט אים דאָרט אונטער אַ חלום פון דורות.

מיט חורבות איז ער ווי אויף שטיגן אַרויף,
עס האָבן אים אונטערגעשפּאַרט אַלע קברים,
די וואָלגע געאיילט האָט צו אים אין איר לויף,
צום אויפשטייג זיין העכסטן — דערלאַנגען איר אָרעם.

ער איז נישט אַוועק מיטן רויך, מיטן גרויל,
ווי אַלע איר הייליקע אויפשטאַנד־געזיכטער,
נאָך דונערט פון אייערע פינגער די קויל,
פאַרקריצט ווי אַ פּען אינעם בלאַט פון געשיכטע.

עס האָבן די פלאַמען פון אייערע האָר
אין שיין זיך פאַרוואַנדלט, אין ליכטיקע קרוינען,
ס׳וועט קומען זיך שפּיגלען אין זיי יעדער דור,
די אייביקייט וועט זייער גינגאָלד פאַרשוינען.

אַ לייטער צו דער זון

אָדע צו דער מענטשלעכער שריפט

דורך אייביקן חושך געדיכטן,
צום אוראַלט דעם ווייטן און טיפן
איך לאָז זיך אַראָפּ ווי דער טויכער,
און ערגעץ דורך שליימיקע שיכטן
איך האָב דאָרט דאָס גליק און בין זוכה
פאַרבאָרגענע אוצרות אַנטפּלעקן,
פון קיינעם באַרירט, אומגעשליפן,
פאַר וועלכע מיין אויג איז פאַרבליפט —
דו ליכטיקע, מענטשלעכע שריפט.

אַזוי ווי דעם בלינדן זיין שטעקן,
געקאָנט וואָלט מיך אומעטום פירן
דיין מינדעסטער שטריך און דיין צייכן.
אין דזשונגלען פון היעראָגליפן
און אותיות פאַרפּלאָנטערט, געדיכט,
איך וועל זיך נישט קיינמאָל פאַרלירן.
פאַרקערט, איך וועל תמיד דערגרייכן
דורך אייך צו די וועגן פון ליכט.

הגם ביסט נישט איינמאָל די כלי
נישט בלויז פאַר די איידל־געטראַכטע
נאָר אויך פאַרן טויטלעכן גיפט,
(אומגליקלעכע, מענטשלעכע שריפט!)
דאָך ברענג איך דיר טויזנטער דאַנקען

וואָס האָסט אויפֿן ריזיקן קיילעך
דורך אותיות און שטריכן און צייכנס,
צומאָל אויך פֿאַר מיר אומפֿאַרשטענדלעך,
צעטראָגן, ווי ווינטן דעם פּלאַם,
די מענטשלעכע חכמה און שכל
צו דורות, צו פֿעלקער און לענדער,
ביז ווייטסטן, פֿאַרוואָרפֿענעם שטאַם.

כ׳האָב תמיד געשעצט דיין שליחות,
וואָס איבער די שורות פֿון ביכער
געפֿירט האָסטו מיך ווי אויף שטעגן,
ווי שריפֿט פֿונעם היילער, פֿון רופֿא,
וואָס האָט פֿאַרן חולה פֿאַרגעבן
געזונט און אַ שטראַל פֿון נחמה,
נאָר היינט וועל איך מער נאָך ווי תמיד
דיך לויבן און דאַנקען אָן אויפֿהער,
ווייל ביסט די געשעצסטע מתנה
פֿון מענטשן, ביסט היינט דער קול־קורא
פֿון הערצער — פֿאַר שלום און לעבן.

איך קוק אין אייך, כתבן מיליאָנען,
אין אייך, וווּ מיין בליק ווערט פֿאַרלוירן
און וווּ איך געפֿין זיך אינגאַנצן,
איך זע אייך צעצווייגט און פֿאַרפֿלאָנטערט
ווי מאָדנע געוועבן און פֿלאַנצן,
כאָטש פֿרעמדע, דאָך זענט איר מיר נאָנטע,
ווי ס׳זענען די אָדער־געוועבן
מיר נאָנט אין מיין גוף, אין מיין לעבן.

מיר שרייבן. מיר שרייבן. מיר שרייבן.
אויך פֿאַרן בעל־חי, וואָס ער קען נישט
דיין פּשוטן שכל באַנעמען
און קען פֿאַר דער פֿען זיך נישט נעמען;

מיר שרייבן פֿאַר יעטוועדן מין,
וואָס וויל אויף דער ערד איבערבלייבן,
מיר צייכענען אונטער די נעמען
פֿון פֿייגל, פֿון גראָזן, אינזעקטן,
אַפֿילו דעם וואָרעם און שפּין
באַווייליק דיין גנאָד און דערבאַרמונג.
און זינט ס׳האָט דער מענטש דיך געזען
אַזוי ווי אַ נס אַן אַנטפּלעקטן,
אויף שטיינער, אויף בראָנז און אויף פּאַרמעט
מיט פּראָסטע מכשירים פֿאַרקריצט,
דו ביסט נאָך נישט קיינמאָל ווי איצט
פֿאַר אים אַזאַ וווּנדער געווען.

ביז ווינקלען פֿאַרוואָרפֿנסטע, ווייטע,
דו ביסט אויף דער ערד־קויל דער גאַנצער
— פֿאַרצווייגן אַזוי ווי אַ פֿאַנצער —
אַ ריזיקע נעץ אַ פֿאַרשפּרייטע
פֿון אותיות מיליאָסן פֿון נעמען,
פֿאַרקנופּט דורכן האַרץ־געוועב מילדן;
אין איר, אין דער נעץ דער פֿאַרשפּרייטער,
אַריינכאַפּן וועסט און פֿאַרקלעמען
דעם מיאוסן, מטורפֿדיק־ווילדן,
צעטומלטן שרץ: מ ל ח מ ה.

און דאַן וועט די זון אויף באַגילדן
און לויבן דיין ליכטיקן נאָמען.

וואָלקנס

כ׳זע וואָלקנס פאַרנאַכטיקע ציען
דאָרט הויך, איבער דעכער פון שטאָט,
באַזיימטע מיט רויטקייט פון שקיעה
ווי וואַטע געטונקען אין יאָד,

וואָס שטיקערווייז מ׳האָט, שוין נישט בויטיק,
פאַרוואָרפן פון עמעצנס ווונד;
איצט שווימען זיי פלעקיק און קויטיק
אין בעקן פון הימלישן רונד.

כ׳זע וואָלקנס ווי קריעס צעשלאָגן,
אויף שטיקער פון פרילינג צעקלאַפּט,
וואָס איילט אויף זיין גאָלדענעם וואָגן
און ס׳אייז פאַרן קאַרק ער פאַרכאַפּט.

זיי גייען ווי קעץ, וואָס דערשראָקן
זיך ציען צו עפּעס אַ זינד,
און שטיל, ווי אַ זקן אין זאָקן —
נישט איבערצוּוועקן אַ קינד...

זיי גייען, ווי אורמענטשן וואָלטן
געשפּאַנט אָן אַ זין אויף דער ערד,
מיט אייביקן שווייגן פאַרשאָלטן,
פאַרדימיונט און אין־זיך פאַרקלערט.

װאָס קלערן זיי? קלערט דען אַ װאָלקן
אין װאַנדערגאַנג זײַנעם פֿאַרשטומט?
צי קען ער זײַן װעג? און צומאָל קען
ער װיסן פֿון װאַנען ער קומט?

און װייסט ער דען װוּ, איבער דעכער,
ער אײַלט זיך אַצינד אין פֿאַרנאַכט? —
פֿאַרײַס איך מײַן קאָפּ דאָרט אַלץ העכער
און כ'קוק אויף די װאָלקנס און טראַכט:

אַז װײַל איז אויף ערדישע װעגן
דעם גייער װאָס בלאָנקעט נישט בלינד,
און בלאָנדזשעט ער — קען ער זיך פֿר'עגן...
אַז װײַל איז דעם מענטש, װאָס קיין װינט

באַדאַרף נישט, װי װאָלקנס, אים טרײַבן;
װאָס קען זײַנע װעגן אַליין,
װאָס װייסט אויף דער ערד װוּ צו בלײַבן
און װייסט אויף דער ערד װוּ צו גיין.

אויף דער לוויה פון פּאַל עלואַר

אין רעגן־טאָג ביים האַרבסטיקן בית־עולם פּער־לאַשעז
געשטאַנען זענען מיר אין גרויסן מענטשן־רינג אַרום זיין אָרון,
ווו אַרום אים די הייסע ליבשאַפט און באַערונג איז געוואָרן
אַ צוים אויף צו באַשיצן אים פון טויט און פון פאַרגעס.

דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט, ווי מיט חסד, אומגעריכט,
און ווי ער וואָלט דעם רעגן שטרענג באַפוילן אויפצוהערן
בכדי צו מאַכן פּלאַץ אויף דורכצולאָזן פונעם האַרץ די טרערן,
ווו ס׳וועט אין זייער לויטערקייט זיך שפּיגלען זיין געזיכט.

אַרומגענומען האָבן מיר זיין אָרון היינט פון יעדער זייט,
ווי ס׳ווערט אַן אינדזל דורכן אָקעאַן אַרומגענומען,
וואָס אין זיין שלווה הערט זיך איין צום צאַרנדיקן ברומען
פון ברויז און שטורעם, וואָס דערגרייכט אים פון דער ווייט.

ווי ס׳קאָן דער אָקעאַן דאָס אינדזל נישט פאַרלאָזן מער,
מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרלאָזן אים, פון אים זיך שיידן,
באַגערט, לאַנג־לאַנג אים נאָכצוגיין, באַגלייטן, ווי די ליידן
און ווי דעם מענטשנס ווייטיק עס באַגלייט אַמאָל די טרער.

אָ, דעם באַגלייט פון טריישאַפט אין דער שטאָט האָט ווער פאַרווערט,
נאָר וואָס פאַר אַ פאַרבאָט — אין האַרצן קאָן זי אונדז פאַרווערן?
אויך ער, כאָטש טויט, באַגלייט ער אונדז נאָך אַלץ אין שלאַכט אין שווערן,
און טייער איז נאָך אים אַפילו אויף די שיך זיין קבורה־ערד.

אַראָפּגענידערט פאַרכטיק האָט זיין אָרון שטילערהייט —
אין טיפן האַרץ — און נישט אין קבר זיך אַראָפּגעלאָזן אונטן
און ווי דער טויכער אינעם ים — צו זוכן אין די גרונטן
די וווּנדערלעכסטע פּערל־גאָב פאַר מענטשן: מענטשלעכקייט.

1952

צום צוואַנציקסטן יובילײ פון דער „נײַע פרעסע״

די שײַן פון לאָמפּ פֿאַלט נידעריק אַראָפּ צום טיש.
מײַן פרײַנט, מיר װעלן זיצן ביז צום גרוי פון מאָרגן.
די צײַטונג — אונדזער לעבנסבוך — איז אויפגעמישט.
מיר װעלן בלעטערן פֿאַרשטויבטע, אַלטע יאָרגענג.

ס׳איז ניחא אונדז ד ע ר שטויב, װי ס׳איז דעם גערטנער ליב
דער שטויב פון אויפגראָבן די ערד, פון איר באַנײַען;
װי ליב ס׳איז אונדז דער שטויב פון שװערן לינאָטיפּ,
װאָס פורעמט דעם געדאַנק אין קאָכעדיקע בלײַען.

ס׳האָט די מאַשין געטאָקט די אותיות צום זאַץ,
זײ אויסגעצײלט, װי דימענטן, גענוי, מיט פאָרזיכט,
אײן אות יאָגט נאָך דעם צװײטן, צום פֿאַרנעמען פּלאַץ
אין שורות פינקלעך־אויסגעשטעלטע צו דער פּאָר זיך.

ס׳בלײַבט אונדזער װילן אויסגעגאָסן אינעם בלײַ —
פֿאַרזיגלט זעגען טעג און נעכט מיט מינדסטע פּרטים,
אין שאָרכן פונם פּאַפּיר אונדז דאַכט, װי אויפדאָסנײַ
פון װײַטע שלאַכטן הערן מיר דעם הײסן אָטעם.

איך הער, נאָװעמבער־רעגן אין מײַן שויב קלינגט־אויף,
— ס׳איז גוט אין שטוב, פון ד ע ר זײַט פענצטער, אים צו הערן —
דער װינט פליקט אָפּ אַ בלאַט נאָך בלאַט פון בוים אין הויף.
װאָס בלײַבט פון זײער בלײַ? בלויז פּסולת צום פאַרקערן.

איז גוט אַצינד ביים טיש און ביי געדעמפּטער שײַן
דערפילן אײער װערט, איר אויפגעמישטע בלעטער,
װאָס אײער בלײַ איז אײנמאָל אין מײַן בלוט אַרײַן
און װײסט נישט פון קײן װעלק — פאַרװאָרצלט אינעם שפּעטער.

ווי מיר, מיין פריינט — מען פלעגט זיך בייגן איבער זיי
ביי טישן פול מיט וואָך און פרייד פון מי פאַרשאָטן,
מ׳האָט זיי פאַרשפרייט — דאָס יום־טוב־טישטעך ביים געניי
און הייסע טעפ מיט קליי, ווו אַרבעט האָט געזאָטן,

פון וואַנען מ׳האָט בטחון פונעם דנאָ געשעפט
צוזאַמען מיטן קליי פון טאָפ, ווי זאַפט געדיכטן;
ווו מ׳האָט דעם יום־טוב מיט דער וואָך צונויפגעשטעפט
אין לאַנגע נעט פון שטאָפן — אָנגעהויפטע שיכטן;

ווו אין אַן אָקעאַן פון וואָל, פון שווייס און דאַמף
דאָס פרעסאייזן האָט זיך געטראָגן ווי אַ שיפל,
ווו מ׳האָט מיט שטראַלן־גאָלד געהעפט די פאָן פון קאַמף
דורך הענט... פאַרלאָשענע — ווער האָט געציילט זיי וויפל?

די צייטונג שאָרכט... איך זע זי צווישן אָפפאָר־רעש —
דאָס טוך, וואָס פאָכט צום העלד ביז איבער פירענייען.
זי איז געווען דער ווייסער, זויבערער באַנדאַזש,
וואָס פלעגט זיך לייגן אויף די קעמפערס ווונד און ווייען.

קיין לאָמפ־שיין. אין אַ פינצטערניש פון פאַר באַשאַף
דער האַקנקרייץ האָט אונדזער ליכט־שטאָט איינגעשפונען,
נאָר טיף אין חושך, ביים געהיימען העקטאָגראַף
מיר האָבן ווידער אונדזער ליכט אין איר געפונען.

אין פראָסטע קוישלעך פול מיט גרינצייג און מיט מוט
און אויפן לייב — עס האָבן שוועסטער זי געטראָגן,
ביז וואַנען מיטן הייסן שטראָם פון אונדזער בלוט
זי האָט צום ברעג פון פרייד און פרייהייט זיך דערשלאָגן.

אין האַנט — דער לאָמפ אין לייכט־טורעם — איצט אויסגעשטרעקט,
אין מיט פון ים דעם וואָרנונג־סימן צו דערלאַנגען.
איר יעדע שורה איז אַן אַלט־באַקאַנטער שטעג,
ווו כ׳וואָלט אַן אייביקייט אַזוי אויף אים געגאַנגען.

1953

עס וועקט זיי אויף די נאַכט...

געווידמעט ג. קעניגן. אָנגעשריבן בעת די
פּרווון פון די רעאַקציאָנערע מאַכט־אָרגאַנען
אַרויסצושיקן אים פון פראַנקרייך.

עס וועקט זיי אויף די נאַכט און רופט זיי ווי די סאָוועס,
זיי נישטערן אויפסניי אין אונדזערע מחשבות.

זיי קומען אונדזער שלאָף און אונדזער רו באַוואַכן,
זיי פרייען זיך פון צער, פון יענעמס טרערן — לאַכן.

באַך גליווערט אויף דער טיר די פאַרב פון האַקנקרייצן —
זיי קומען זי אויפסניי מיט נאַכט און שרעק פאַרפּלייצן.

זיי זענען דאָ — און ס׳מוז אַ מענטש זיין היים פאַרלאָזן,
צונויפנעמען כתב־ידן, יאָרן — בחפזון,

די ליבע אינעם האַרצן און אַ העמד אין קלומיק,
דערנאָך אויף אַלץ אַ בליק־טון מיט באַדויער ברייט־אַרומיק.

אין אָט־די וועגט דערהערן וועט ער ביים צעשיידן
ווי חנעוודיק אַ קינד האָט אָנגעהויבן דאָ צו ריידן...

אַ מענטש האָט זיך געיחוסט מיטן נאָמען פראַנקרייך
וואָס איז געבענטשט מיט רום, מיט חכמה און געדאַנק רייך;

ווען ס'האָט פאַרפלייצט איר ערד מטורפער געוויטער
ער איז אַוועק — צו זיין איר רעטער און איר ריטער,

באַשיצן זי פון שאַנד, געשטופּלטע פון קוילן־האָגל —
ווי קאָן זי איצטער זיין די ערד פון גירוש און פון וואָגל?

פּאַריז, 1951.

לענין אין 1917

פאַרזיגלט־שטרענג און סודותדיק־פאַרמאַכט,
האָט אַ וואַגאָן אַ פאַרפלאָמבירטער אים געבראַכט
פון שטילן, פרעמדן, גלותדיקן ציריך.
כ׳באַגלייט זיין גאַנג, זיין שטויב פון וועג באַריר איך
מיט הענט, וואָס לייגן זיך אַדורכגעשטראַלט מיט ברכות;
אַ צוג, וואָס דורכגעשניטן האָט די נאַכט
און דורכגעשניטן צייטן און עפּאָכעס
און אים אויף אַלע אייביקייטן אומגעקערט
דעם היימלאַנד זיינעם און דער גאַנצער ערד.
אַ צוג, וואָס האָט אים, ווי אַ מוטערטראַכט —
אין ווײ־געשריי און פרייד — פון זיך אַרויסגעגעבן
צו לעבן און צו שיין,
אַז ער אַליין פאַר אַלעמען זאָל זיין
די שיין, דאָס לעבן.

ווי ס׳וואָלט געפלויגן פון די נע־ונדע ערטער
אַ שנור באַטשאַנעס, וואָלטן אומגעקערט זיך
צו זייער אַלטער נעסט דער אויסגעבענקטער —
אַ צוג וואַגאָנען ציט... אַ גאַסט אַ גרויסן ברענגט ער
צו פרילינגדיקער היים דער לאַנג־באַגערטער —
אַ גאַסט פאַר אַלע טירן, אַלע הערצער,
קערט אום זיך פון דער פרעמד, פון וויַיטן גלות.

— ווילקאָמען! — שפּרייטן גנעדיק זיך די שליאַכן,
די עלטסטע דעמבעס שטעלן זיך אין ערן־וואַכן
און ס׳לאָזן אָפּ פון שטאָלץ די וווקסיקע טאָפּאָליעס
און בוקן זיך מיט גרוס, מיט אָפּשיי און התפעלות
ווען אויפן וועג די רעדער רייבן שאַרף מיט רוגזה
דעם קייזערס כאַרכלענדיקן „דויטשלאַנד איבער אַלעס״.
און זון — דאָס וואַכע אויג פון וועלט — דעם צוג זע,
וואָס טראָגט מיט אימפּעט זיך צו סעמאַפאָרן,
וואָס ווייזן אים דעם וועג צו קומענדיקע יאָרן.

און אויפן פינישן וואָקזאַל אין פּעטראָגראַד,
וואָס האָט געשטראַלט פון דעם באַשערטן נחת,
געפלויגן איז פאַר אים התלהבותדיק אויפן פּאַראַד
אַ שניי פון היטלען, טיכלעך און פּאַפּאַכעס
און אין אַ יעדנס טרער געשפּיגלט האָט די פרייד זיך.
דאָס פאָלק האָט אים געטראָגן אויף די אָרעמס —
ס׳האָט אויף די פעסטע אַקסלען אים געטראָגן ס׳לעבן,
אים טראָגן זענען דורות פון די קברים
אַרויס... און תקופות האָבן זיך די מי געגעבן
צו קומען אונטערשטעלן אים אַ פּלייצע
און ברענגען אים צום סמאָלני אינסטיטוט.

נאָך האָט די ערד געטרונקען זיך אין בלוט,
נאָך האָט די ערד געקורטשעט זיך אין ווײ־געשרייען,
געמאָרדעט האָט דאָס רויבערישע שטאָל נאָך,
ווען ס׳האָט זיין האַנט זיך אויסגעשטרעקט פון סמאָלני
אַריבער אַלע גריבער און טראַנשייען
צו מענטשנקינדער פון דער גאָרער וועלט
און אויפן הימל, פון קאַנאָנען־רויך פאַרשטעלט,
זיין אָרעם האָט פון ראַנד ביז ראַנד זיך אויסגעבויגן
ווי אַ נאָך־מבולדיקער שלום־רעגנבויגן —
— פריד זאָל זיין צו אייך, פאַרבלוטיקטע שינעלן,
פריד און פרייד זאָל זיין צו אַלע שוועלן!

צום שמעטערלינג

צווישן די פאַרשידענע אינזעקטן, אָנגע־שטעקטע מיט מיקראָבן, וואָס די אַמעריקאַ־נער האָבן אַראָפּגעוואָרפן אין קאָרייע און כינע, האָט מען אויך געפונען שמעטער־לינגען.

(לויט ידיעות)

וואָס איז פון דיר געוואָרן, וואָס איז פון דיר געוואָרן,
שיינער שמעטערלינג פון מיינע קינדער־יאָרן,
זינט איך האָב דיך אַמאָל אין זומערדיקן פעלד
פון גריקע און פון קאָרן
— וואָס האָט געטריי באַשיצט דיך און פאַרשטעלט —
פון אויג מיינעם פאַרלאָרן.

פון טונקלען חדר האָסטו מיך אַרויסגערופן,
אַרויסגעפאַנגען מיט דיין צויבער — פילקאָלירן,
ווען אויף דער שויב האָסטו געהוידעט זיך ווי בגילופין;
איך האָב אַוועקגענומען פונעם סגל און פון חיריק
מיין בליק, און בלויז אויף דיר געקוקט פאַרגאַפט,
האָסט אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי די שענסטע האָפט
אויפן רבינס פענצטער־שויב — דער בלאָער קאַנווע.
און כ׳האָב פון חדר זיך געגעבן אַ פאַרגנבע
כדי דיר נאָכצוגיין עק וועלט ווי אין היפּנאָז,
צו זען ווי דו וועסט האַלדזן זיך מיט יעדן גראָז,
גוט־יום־טוב ביטן יעדער מינדסטער קווייט,

באַגריסן יעדן קוסט התלהבותדיק, מיט פרייד,
געהאַט האָסטו פאַר יעדן אַ באַריר אַ מילדן גרייט,
נישט אויסגעמיטן, נישט פאַרהיפּערט האָסטו קיינעם —
עס זאָל נישט זיין קיין קנאה צווישן פלאַנצן — שכנים.

אין דיינע פאַרבן: באָרדאָ, ברוין און גאָלד,
וואָס מיט איר שטראַלן־פּענדזל האָט די זון דיר אויסגעמאָלט,
האָב איך מיין מאַמעס שאַל די טערקישע דערקענט,
וואָס טראָגן פלעגט זי אויף די אַקסלען ווי אַ פלאַם
וואָס אויסגעגאַנגען איז ער איינמאָל, אויסגעברענט,
מיט איר, מיין מאַמען אויך, צוזאַם. — — —

כ׳האָב שטיפעריש דיך נאָכגעיאָגט אין זומערדיקן ברעג,
געפלאַטערט האָט דאָס האַרץ, ווי דו אינגאַנצן,
פאַר פרייד וואָס איך האָב ווידער דיך דערזען,
וואָס צו מיין גליק האָב איך דיך ווידער אָפּגעפונען;
איך בין געווען מקנא אַלע פלאַנצן:
דעם גרינעם גראָז, דעם רויטן מאָן, באַגילדטן קאָרן,
וואָס האָסט באַוויליקט זיך צו חברן מיט זיי,
און כ׳בין דיר, ווי איין שטיפער נאָכן צווייטן, נאָכגעלאָפן
ביז וואַנען ביסט מיר פון מיין אויג אַנטרונען. — — —

איצט ווײ מיר, וואָס עס האָט מיט דיר געטראָפן,
און ווײ מיר, ווײ מיר, וואָס עס איז פון דיר געוואָרן:
איך האָב געהערט, מ׳האָט דיך אין וואַשינגטאָן געכאַפּט,
ווי ס׳האָט באַפוילן דער אַלמעכטיקער, אַלהעכסטער שטאַב.
אָ, נישט קיין יינגעלע, אַ שטיפער, איז דיר נאָכגעלאָפן,
נאָר גאָר אַ חשובער, באַיאָרטער מאַן,
וואָס פאַר דיין פּרווו אַוועקצופליען האָט זיין פּאָליציי
אַלע אויסגענג פון די שטאַטן שטרענג באַוואַכט,
און ס׳האָט דיר נאָכשפּיאָנירט די עף־בי־אַי,

גענישטערט און געזוכט ווו נאָר עס איז אַ קוסט פאַראַן,
און אַ פּראָפעסאָר האָט דיך נאָכגעפאָרשט, באַטראַכט,
דורך אַ פאַרמאַכטן סלאָי — אַ גלעזערנעם סינג־סינג.
אָ, נישט ווי צו אַ ייִנגעלע אַ שטיפער, אויף קאַטאַוועס,
ביסטו אין זיין רשות און סלאָי אַריין,
נאָר ווייל מען וויל, מיין שיינער שמעטערלינג,
עס זאָלן דיינע פליגעלעך גאָר זיין —
די פליגל פונעם מלאך־המות...

וואָס איז פון דיר געוואָרן, וואָס איז פון דיר געוואָרן,
שיינער שמעטערלינג פון מיינע קינדער־יאָרן.
איך הער, קלאַפּסט־אָן אין וואַשינגטאָן אין דיין פאַרמאַכטן גלאָז
און דורכן גלאָז — קלאַפּסט־אָן ביי אונדז אין אַלע שויבן,
אין פענצטערלעך פון אַלע הערצער קלאַפּסטו אָן —
מען זאָל אַנשטאָט דיך שיקן סמען, טויטן, רויבן —
דיך אומקערן צוריק צום גרינעם גראָז,
צום בלאָען הימל און צום רויטן מאָן
און צום באַגילדטן, שיינענדיקן קאָרן,
און שטאָט מגפה — ווידער ברענגען זאָלסט אַצינד
די פרייד און די התפעלות צו מיין קינד,
ווי אַמאָל — צום פענצטערל פון מיינע קינדער־יאָרן.

5

זיבן ארונס

דעם אָנדענק פון די געפאַלענע
פון 14־טן יולי, פּאַריז, 1953.

זיבן אָרונס האָבן דיך, ווי זיבן מעסערס, דורכגעשניטן,
יום־טובדיקע שטאָט מיינע, און דיך, מיין האַרץ, אינמיטן.

נישט דער יולי־רעגן האָט פאַרלאָשן יענעם פאָנען־רעגנבויגן
ווען ס׳איז יעדער שאָס — אַ פונק פון סינג־סינג־שטול צו דיר דערפלויגן...

נישט דער רעגן האָט די פאָן פאַרפלייצט, צו דרערד גענידערט,
נאָר דאָס בלוט אויף דיינע שטיינער אויסגעמישט, פאַרברידערט.

זיבן אָרונס האָבן, שטאָט מיינע, דיין יום־טוב דורכגעשניטן
און דיין דורותדיקע פרייד פון זיג אין צער פאַרביטן.

יעדע קויל פאַרווונדעט האָט די שיינע זון פון יולי,
דאָס טאַנצנדיקע קינד, דעם אינוואַלידס מלחמה־קוליע...

זיבן ארונס... נאָר אַזעלכע זינקען נישט אַראָפּ צו דרערד אין שווייגן —
פון די ברידער־אַקסלען הייבן זיי זיך אויף און שטייגן.

הויך, דעם וואָלקנדיקן הימל רייסן זיי אַדורך ווי בליצן,
און די נאַכט צעשניידן זיי, צעקרייצן און צעקריצן...

זיבן ארונס ווי די שיפן, קרייצערס, קעגן אָפּגעלאָזטן וויכער,
רוקן זיך פאָרויס אַנטשלאָסן, צאָרנדיק און זיכער.

רוחות, גייט אין אייער רו אַריין!

איר שטעקט אינעם האַרץ ווי אין עפּל דער וואָרעם.
איר קוקט שוין אויף אונדזערע בעטן ווי קברים.
איר מעסט־אָן די ערד שוין אַ בגד פון דראָטן,
און ווי אין די בענק, אין די סייפן — באַנקנאָטן,
איר זאַמלט־אָן כלערליי מיתות אין סלאָיען,
(אין אים בלויז, דעם טויט, האָט איר אייער פּאַרטרויען).
איר קלאַפּט־אָן אין שויבן ביינאַכט ווי די סאָווע,
איר שטעלט צו אַ לופע צו יעדער מחשבה.
איר באָדט זיך אין אונדזערע אַנגסטיקע טראָפּנס
ווען ס׳בלוטיקט פון וויסטן קאָשמאַר דער צוקאָפּנס.
פון דאָרטן מיר בעטן אייך העפלעך און פיין:
רוחות, גייט אין אייער רו אַריין!

איר ציילט ווי מטבעות, די שטערן מיט אייפער.
אין רויך פון ציגאַר זעט איר רויכן פון שרפה,
די שניפּסן אויף אונדזערע העלדזער — ווי שלייפן.
איר רינגלט אַרום שוין אין טונקעלע רייפן
די אויגן פון מוטערס — אין פינצטערער דאגה,
אַזוי ווי אין צוימען די ערד פאַרן לאַגער.
ווי קעפּ פאַר די האָר, איר כאַפּט־אָן פונעם עטער
די כוואַליעס, צוהילף אייך, און אותיות פון בלעטער,
וווּ אויסלייגן לאָזט איר זיך שורות ווי שלאַנגען,
זיי זאָלן צו אונדזערע שלייפן דערלאַנגען,
וואָס ווילן די נעסט פאַרן עקדיש נישט זיין —
רוחות, גייט אין אייער רו אַריין!

פון אָפּגרונט געקומען ערשט -- נאַקעט און באָרוועס,
פון אויגן דעם טויט־קאָשמאַר אויסגעווישט נאָרוואָס,
דעם דרויסן צעפּראַלטן מיר עטעמען טיפער,
מיר הויבן די אָרעמס מיט בראַנדיקע ציפער:
גוטמאָרגן, דיר, מאַמעניו ערד, אונדזער ליבע!
זאָלסט מער אונדז נישט זיין קיין בשותפותע גריבער,
נאָר ס'שותפותע פעלד פאַר די זייער, די שעפער,
באַדעקט — נישט מיט בראָך, נאָר מיט ברכה און שפע.
ווער ס'וויל אויף טראַנשייען די בייטן פאַרבייטן,
דעם אַקער — אויף טאַנקס אָפּגעלאָזענע קייטן —
די תבואה וועט בלענדן מיט גאָלדענער שיין:
רוחות, גייט אין אייער רו אַריין!

מיר דאַרפן נאָך טויזנטער וווּנדער באַגרייפן,
מיר דאַרפן נאָך זען אַלע גערטענער רייפן.
מיר דאַרפן פון מענטש נאָך פאַריאָגן די חיה
און צובייגן ימען ווי ליבסטע, געטרייע.
מיר דאַרפן נאָך אונדזערע קינדער דערוויגן,
מיר דאַרפן נאָך זען אַלע נחתן זיגן,
מיר דאַרפן נאָך באַרגשפּיצן העכסטע באַצווינגען,
מיר דאַרפן נאָך אונדזערע לידער דערזינגען,
מיר דאַרפן נאָך אונדזערע טרוימען דערטרוימען,
עס דאַרף אונדזער בעכער אויף שמחות נאָך שוימען,
שטאָט האַס און רציחה — וועט שוימען דער ווין —
רוחות, גייט אין אייער רו אַריין!

5-טער מערץ 1953

דאָס ראָד בלייבט שטיין, ס׳באַוועגט נישט קיין מאָטאָר,
דורך וואָלקן־קרעפּ די זון קוקט שטאַר, פאַרוווּנדערט —
פאַרלאָשן האָט זיך ס׳ליכט פון אונדזער דור,
פאַרגאַנגען איז די שיין פונעם יאָרהונדערט.

די ערד האָט, דאַכט זיך, אָפּגעשטעלט איר גאַנג
בכדי אין פאָרכטיקייט אים צו באַערן,
דעם, וואָס ער האָט געגרייט זי יאָרנלאַנג
זי זאָל אַ יום־טובדיקער טיש אונדז ווערן.

די מענטשהייט קומט באַגלייטן אים אין וויי,
ווי ער פלעגט זי אין יעדן וויי באַגלייטן,
מיר קומען שיידן זיך מיט אים בכדי
צו זיין מיט אים באַהעפט אויף אייביקייטן.

מיר האַלטן איין דעם אָטעם שטיל, פאַרקלעמט,
ווי ס׳לעבן וואָלט זיין טויט געוואָלט באַלעבן,
און ס׳דאַכט זיך ווי די שטילקייט איצט פאַרנעמט
דעם גאַנג פון צייטן, וואָס ער האָט פאַרגעבן.

אַ ווייסע טויב — דער סטאַלינגראַדער נס —
פליט אָפּ פון זיינע ליכטיקע געדאַנקען,
באַדעקט מיט גרינס, מיט בלומען און מיט בעז —
ווי פרילינגס איילן די אוראַלער טאַנקען.

װוּהין ס'האָט נאָר זיין האַנט זיך אויסגעשטרעקט,
דאָרט גייט אין שיין פון זיג דער האָריזאָנט אויף,
אין טויטן געטאָ גרייכט זיין טרייסט און וועקט:
— ס'וועט אויך אויף אונדזער גאַס נאָך זיין אַ יום־טוב.

ס'וועט זיין אַ יום־טוב נאָך אויף יעדער גאַס,
פאַרשווינדן וועט דער טרויער פון רואינען.
וווּ ס'איז די ערד פון בלוט און טרערן נאַס,
פאַרזאָגט האָט ער דעם פרילינג אויך צו גרינען.

זיין נאָמען הילכן וועט אין יעדן זיג,
אין ברויז פון יעדער צאָרן־זאַווערוכע,
זיין נאָמען לויכטן וועט פון יעדער וויג
וואָס שטרעקט זיך אויס נאָך שלום און מנוחה.

זיין נאָמען שיינען וועט פון רום באַשטראַלט
און קלינגען שטענדיק ווי צעבראָזג פון קייטן,
זיין אָטעם לעבן וועט אין יעדן פאַלד
פון אונדזער פרייהייטס־פאָן — אויף אייביקייטן.

קוק אָן, מיין קינד...

קוק אָן, מיין קינד, דעם מאַן וואָס אויפֿן בילד,
אין פּראָסטן מלבוש, פּשוטן און גראָען,
ווי גראָ עס איז דער נעפּל וואָס פֿאַרהילט
מיין בליק אין היינטיקע פרימאָרגן־שעהן...

ס׳גייט־אויף, מיין קינד, דיין שמייכל אין דער צייט
ווען זיינער האָט אויף שטענדיק זיך פֿאַרלאָשן,
זיין שטים האָט איינגעשטילט זיך אין דער צייט,
ווען דו אַנטדעקסט דעם ערשטן קלאַנג פֿון לשון.

דער קלאַנג פֿון רייד, וואָס ווערט דיר ערשט באַוווּסט,
קלינגט אָפּ פֿון זיינע ליכטיקע געווערן,
דער זיגערישער שטערן אויף זיין ברוסט
האָט דיך אַנטפּלעקט צום ליכט פֿון אַלע שטערן.

דיין שמייכל שיינט התפּעלותדיק מיט חן
ווייל ע ר האָט פֿון דער ערד פֿאַריאָגט דעם שאָטן,
פֿון איר געזיכט פֿאַרווישט האָט ער ס׳געוויין,
פֿאַרהיילט אויף איר דעם שראַמען־ריס פֿון דראָטן.

כאַפּסט אָן אַ שטראַל מיט נייגיר און פֿאַרלאַנג,
שטרעקסט אויס אַ הענטעלע צו ליכט און לעבן, —
צו אי ם שטרעק אויס דיין הענטעלע מיט דאַנק
וואָס האָט דיר ס׳ליכט און דיך צום ליכט געגעבן.

שטאַכעטן־צוימען האָט זיין האַנט צעשטערט
בכדי דורך דיינע בעטלע־שטאַכעטן
אַרויסקוקן זאָל זיין דיר איצט באַשערט,
אַהין וווּ ס׳האָט די צוקונפֿט דיך פֿאַרבעטן.

די שיף...

די וואַנע, ווו עס פּליעסקעט זיך דאָס קינד,
שפּריצט וואַסער מיט די הענטעלעך אויף זיך,
צוזאַמען אויך מיט פרייד אויף דיין געזיכט;
די וואַנע, דאַכט זיך מיר, זעט אויס אַצינד
אַ שיף — און ווי זי וואָלט אין שטוב געשטאַנען
ביי דייַנע אָרעמס — דעם געטרייען האַפן,
און שטיל געררוט בשלום און אין שלווה.
איז נאָך אַ שיף אַ פרידלעכע אַזאַ פאַראַנען?
האָט וועלכער ס'איז באַגילדטער אַדמיראַל ווו
זיך פאַר זיין פלאָט אַ שיף אַזאַ פאַרשאַפן?
זי רוט... באַלד שווימט זי, דאַכט זיך, אָפּ פון דאַנען
אין וויטן אָקעאַן פון האָפן און פון שטרעבן.
און שטיל איך הער זיך איין און האָרך, און האָרך,
— ווי מעוועס וואָלטן טראָגן זיך אַרום און שוועבן —
עס קומען דורות מיט אַ פאָרכטיקן געשאָרך,
געשטאַלטן הייליקע פון אַ פאַרלאָשן לעבן —
די שיף אין וויטן וועג אַריין אַרויסבאַלייטן.
פּאַטשיילעס, בערד און טיכלעך פאַכען, פליעסקען,
און פרייע, אויפגעבונדענע פון קייטן —
אַ נס באַוועגט די הענט, ווי נאָר אַ נס קען,
און ס'הייבן זיך די אויסגעברענטע קנאָכנס
מיט אויסגעוויינטע ווונטשן און מיט ברכות:

— דאָס לעבן, וואָס זי פירט אין צוקונפט איצט אַריין,
זאָל אונדזער לעבן אויך דאָס נישט־דערלעבטע זיין. —
און ס׳ציט אין וועג אַריין די שיף, זי ציט —
געפירט פון ליבשאַפט און פון דיכטערס ליד. —

וואָס זענט איר, שיפן מעכטיקע, אַנטקעגן איר,
פלאָטיליעס גאַנצע, לאַנגע קאַראַוואַנען,
מיט אויסגעשטערנטע, באַגילדטע קאַפּיטאַנען,
מיט לופּעס אָנגעשטעלט אין לויער און אין גיר,
ווי הערנער הונדערטער און ציין פון אומגעהויערס, —
יבשות פרעמדע איינצובייסן גרייט, פאַרסמען,
און מיט די הערנער צוקלעמען, פאַריאָכן;
וואָס זענט איר קעגן איר, ווו ס׳שטייען טאַטע־מאַמע
געבויגן ווי אַ לעבעדיקער טריאומף־טויער,
דורך וואַנען ס׳גייט די שיף — דער פרידלעכסטער נצחון.

דיין וויגל שטייט ביים טייך יאַלו...

פון אַלדאָס בייז און שלעכטס באַהיט,
אין מאַמעס הענט — דיין קעניגרייך,
כ'וועל זינגען דיר, מיין קינד, אַ ליד,
אַ ליד פון גאָר אַ וויטן טייך.
פון ים קומט יעדער טייך און גייט,
דער — קומט פון האַרצן מיר, ווי דו.
דאָרט, לעבן אים, דיין וויגל שטייט —
ביים טייך יאַלו...

כאָטש ווייט, דאָך נאָענט מיר איז ער,
ווי ס'וואַסער פון דער ווייסל וואָלט
געשטראָמט אין אים, דורך וועלכן כ'הער
מיין ווייטסטער זומער ווידערקולט.
פאַרברענט, ווי אונדזער יחוס־בריוו,
דער וועג צו אים איז ערגעץ־ווו;
די ערד אין צער פאַרזונקען טיף —
ביים טייך יאַלו...

קיין גוטער מלאך שפרייט נישט אויס
אויף דיר, מיין קינד, זיין שמירה דאָרט —
דער שווערער באָמבאַרדירער בלויז
פאַרשפרייטן קומט זיין פייער־מאָרד.

די שטערן ציטערן פֿאַר שרעק
ווען ער דיין וויגעלע דעקט צו,
עס וויינט מיט דיר דער וויסטער העק
ביים טייך יאַלו...

דער פרעמדער טייך איז מיר נישט פרעמד, —
מיר דאַכט, כ׳האָב שוין אַמאָל געבענקט
ביי זיינס אַ ברעג און ס׳האָט מיין העמד
מיין מאַמע אין זיין שטראָם געשווענקט.
איך קען זיין טעם — פון טרערן האַרב,
ס׳ווייסט מער זיין גאַנג נישט פון קיין רו,
פון פלאַם און בלוט איז רויט זיין פאַרב —
ביים טייך יאַלו...

דער ווייטער מענטש פון ווייטן לאַנד,
וואָס וואַכט — און היט דעם ווייטן טייך,
שטרעקט אויס דיר זיין השגחה־האַנט,
היט אויך דיין וועגעלע באַגלייך;
ס׳זאָל גיין אויף דרערד — און נישט דער טאַנק —
דער טייך זאָל וויגן דיך: איי־לו... —
דערפאַר באַגלייט דיך מיין געזאַנג
ביים טייך יאַלו...

1952

ביי דיין בעטעלע געבויגן...

מילקען

מיין מיידעלע, מאַך אויף צו מיר די אויגן
און זע, ווי טאַטע־מאַמע שטייען
פוןביידע זייטן בעטעלע געבויגן
איבער דיר — אַ באַלדאַכין,
וואָס דעקט דיך צו
און אויף דיין קעפּעלע שפּרייט אויס די רו,
ווי נאַכט שפּרייט אויס די רו אויף אַלע וועגן —
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן זי, דיין רו, צו שטערן?
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן?

עס שטייען איבער דיר פון ביידע זייטן
ווי בוים צו בוים געבויגן — טאַטע־מאַמע,
מיט קעפּ פאַרפלאָכטן איינער אינעם צווייטן,
ווי אַן אַלטאַנע — איבער דיר פאַרצווייגט,
און וואָס איר סכך אויף דיר אַ קילן שאָטן לייגט
אין צייט פון חמימה
און זי פאַרשטעלט דיך פונעם ווינט און רעגן —
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן זי דיר אָנצורירן,
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן?

מיין מיידעלע, מאַך אויף צו מיר די אויגן
און זע, ווי טאַטע־מאַמע שטייען,
ווי ס'וואָלט געוועזן איבער דיר פאַרצויגן

און אויף דיין בעטעלע פאַרלייגט — אַ בריק,
ווו אונטן פליסן כוואַליעס — די מעת־לעתן דיינע,
און ווי דער וואַסער־שטראָם — דאָס גליק,
פאַרגיסט און פלייצט פון בעטעלע די ברעגן —
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן דיר דעם שטראָם פאַרשטעלן?
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן?

צו וואָס נאָך, מיידעלע, זאָל איך פאַרגלייכן
טאַטע־מאַמעס שטיין ביי דיר פוןביידע זייטן,
וואָס איבער דיר זיך שטרעקן און דערגרייכן? —
זיי זענען איבער דיר געבויגן — ווי אַ דאַך,
ווו טויבן שטעלן זיך אויף אים און וואָרקען
אין שלווה און אין רו — ווי נאָר אַ טויבן־פּאָר קען —
דאָס ליד פון שלום און פון פרייד פאַר דיינעטוועגן —
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן דיינע טייבעלעך פאַרטרייבן?
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן?

מיין מיידעלע, מאַך אויף אויפסניי די אויגן.
דער אָוונט דעמערט אַרום דיר אין צימער,
און ס׳שטייען אין דער טונקלקייט געבויגן
טאַטע־מאַמע איבער דיר — ווי אַ טונעל,
דורך וואַנען ס׳פּאָרט אַ שיינענדיקער צוג אַרויס —
דיין בעטעלע — און ציט פאָרויס, פאָרויס,
און ס׳לויכט פון ווייט די צוקונפט אים אַנטקעגן —
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן אים אין וועג פאַרהאַלטן?
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן?

אייזיקל שרייער

אין ווינטער־נעכט לאַנגע דערגרייכט מיך זיין קול און ער לאָזט מיך
נישט רוען.
ווער איז ער דאָס, ווער? איך געדענק נישט זיין אויסזען, געשטאַלט,
צי אַ מינדעסטע תנועה.
ער פלעגט אין די ווינטער־באַגינענס צו אַרבעט און מסחר מיין
שטעטעלע וועקן, —
„שטייטס אויף צו עבודת הבורא!" — פלעגט ס'יעמערלעך קול זיינס
פון דרויסן מיך שרעקן.
ער טשוכעט זיך אויס היינט פון שנייַ פון מיין חרובן שטעטל אין פוילן,
ווי ס'ווידערקול זיינס פון זיין קאָזשוך, די שפּענצערס, די רימענס, קאַמזוילן.
און ביז צו מיין פענצטער קומט ווידער מיך וועקן היינט אייזיקל שרייער,
ווי דאַן, ווען די שויב איז געווען מיט פראָסט און די הרובע אָן פייער.
ווי דאַן אין די שנייען — ער וואַנדלט אַרום אין מיין דמיון אַצינדער,
און כ'הער ווי ער ראַנגלט זיך דאָרטן מיט ווינט און מיט ווענט,
ווי אַ בלינדער,
זיין אַלטיטשקער קאָזשוך געלאַטעט מיט נאַכט און פאַרשפּיליעט מיט
שטערן —
אַן אַלטער, אַ פּשוטער ייד, וואָס איך האָב אים געקענט בלויז פון הערן.
פון אַלץ, וואָס די צייט האָט פאַרדעקט און פאַרשאָטן —
זיין קול איז פאַרבליבן,
עס וועקט מיך, ס'וויל זיין אין מיין ליד כאָטשבי, ווי אין אַ פנקס, פאַרשריבן,
ווי ס'האָט אין די שנייען זיין לעבן פאַרשריבן זיין פראָסטער,
זיין דעמבענער שטעקן,
געחתמעט זיין נאָמען — באַקומען צוליב זיין מלאכה, זיין שרייען,
זיין וועקן...

פאַרדעקט איז דאָס שטעטל מיט שניי און מיט שלאָף און מיט חלום
פון וווּנדער
און אויף די געלעגערס, די שטרויזעק — אין צודעק פאַרוויקלט,
אַ יעדער באַזונדער.
דאָס קישן איז פול דאָרט מיט רענדלעך, צי גאָר מיט „נישטגוטע"
מיט קרומע העוויות,
עס יאָמערט אין קוימען דער ווינט ווי פאַרעקשנט געוויין,
נישט־געשטילטס, אויף לוויות.
עס קריכט אויף די שויבן געלאַסן דער פראָסט ווי אַ מאָדנע פיל־פיסיקע חיה.
און פּלוצלינג אין דרויסן רייסט עמעצער איבער די שטילקייט —
ס'איז אייזיקל שרייער.
ס'הערט יעדער זיין יעמערלעך קול און זיין ניגון, נאָר אים זעט נישט קיינער,
אַזוי ווי די גריל, וואָס מען הערט, נאָר מען זעט נישט — פאַרשטעקט
הינטער ציגל און שטיינער.
נאָר ווער האָט באַדאַרפט דען דאָס אייזיקלען זען גאָר, מ'האָט הערן
באַדאַרפט אים בלויז שרייען.
זיין קול איז ביי קהל געווען פאַר דער שטאָט אַ געצייג און צום שלאָף
אַ כּלי־זין.
ער האָט מיט זיין קול פון דער נאַכט — ווי אַ רידעל פון רויערד —
געגראָבן חיונה,
דאָס קול איז געווען ביי אים ווי צוגלייך ביי דעם קלעזמער דער
סמיטשיק, די סטרונע.
פאַר אייזיקלען האָט זיך קיין פּיפּס נישט געהערט — בלויז דער ווינט
האָט געקלאָגט אין די שנייען,
זיין קול איז געווען פאַרן האָן ווי אַ צייכן, אַ סימן צום אָנהויבן קרייען,
און ס'האָבן די שטערן געוווּסט, אַז דער טאָג הויבט זיך אָן צוליב
אייזיקל שרייער.
ער וועקט — און שוין קלימפּערט דער עמער אין ברונעם און ס'רירט
זיך דאָס שטרוי אינעם שייער.
שוין סקריפּעט אַ שליסל, עס גענעצט אַ טויער צעעפנט, פאַרשלאָפן, צעצויגן.
אַ רויך פון אַ קוימען שוין חנדלט זיך לאָקיק צו דער זייט און יענער
געבויגן.

שוין שרויפט זיך אַ קללה אַריין אין פאַרטאָג ווי אַ קניפּ אינעם לייב
אינעם דיקן,
עס מאָלט שוין דאָס ראָד פון דער מיל און עס מאָלט ווער אַ שחרית
אַ שנעלן בשתיקה.
שוין קלינגען צעגליטע די אייזנס אין קוזשניע און שיטן מיט גאָלד —
אַ פאַרמעגן,
שוין שפּאַנט מען די שליטנס און פערד צום יריד פאַר די ווייסע,
פאַרלוירענע וועגן.
פון הינטער די הייזער, די טירן, צו ביסלעך דאָס לעבן הויבט אָן
זיך אַנטפּלעקן,
ווי אייזיקלס קול וואָלט געוועזן אַ שפּרוך און פון כישוף זיין פּשוטער
שטעקן.

נאָר איינמאָל האָט עפּעס די שטאָט זיך פאַרשפּעטיקט און, נישט ווי
געוויינלעך, פאַרשלאָפן,
ווייל אייזיקלס ניגון כמעט נישט געהערט און זיך שפּעטער צוזאַמענגעלאָפן
אין מאַרק אַריין, וווּ ס'האָט זיך עפּעס געשוואַרצט, וווּ געפירט האָבן
קויטיקע פלעקן —
די שפּורן פון אייזיקלס טריט אינעם שניי, די סימנים, די שריפט
פון זיין שטעקן.
זיין באָרד האָט אַ ווייסע פון זיקנה און שניי, ווי אַ טענה אַרויף־צו
געשטרעקט זיך.
קיין וואָרט נישט געזאָגט. און דאָס שטעטל אַליין האָט מיט אייגענע
קולות געוועקט זיך.
מען האָט צווישן אייזיקלס לויזע, צעעפנטע שפּענצערס, קאַמזוילן
און רימען
געזוכט מיט עקשנות אַ צייכן פון לעבן, אַ שאָרך און אַ מינדעסטן סימן.
די שטאָט פלעגט ער יאָרנלאַנג וועקן — איצט האָט זי געוועקט אים,
געמינטערט, געשריגן,
נאָר איצט אינעם שניי — אין אַ ווייס־ציכטיק בעט, אין אַ זויבערס —
געלעגן איז ער און געשוויגן...

צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון י. ל. פּרץ

ווי אומעטום גרינט אויפן געגשער בית־עולם
ווען ס׳קומט־אָן דער פרילינג אין בליטן באַנייט,
דער מינדעסטער גראָז אונטער שטיינער פאַרהוילן
גערופן ווערט אויך פון די שליחים פון צייט.

אוןביימער פאַרצאַגטע שוין שטייען פאַרבליפטע,
אין אויסשטייער ווייסן די זון טוט זיי אָן;
זיי ווען באַשיטן דעם אוהל פון נפטר,
וואָס שטייט ווי אַן אַלטער, פאַרכישופטער טראָן,

וואָס אים האָט אויף אייביק דער מלך פאַרלאָזן,
באָר אייביק פאַרבליבן איז דאָרטן זיין רום,
און ווי עס באַנייען זיך צווייגן און גראָזן —
ער ווערט אויך אין פרילינג באַנייט אומעטום.

איך מאַך זיך אַ וועג דורכן ברוכוואַרג און צאַמען,
די בליטן פון אוהל כ׳שאַר זאָרגפעליק אָפּ,
און דאָרט, אין זיין טיף, ווי אין שויס פון אַ מאַמען,
אין שווייגן איך לאָז איצטער זינקען מיין קאָפּ.

איך מאַך זיך אַ וועג דורך די צאַמען פון צייטן,
כ׳שאַר אָפּ, ווי די בליטן, אַ יאָר נאָך אַ יאָר.
אַ גאַנצער יאָרהונדערט... איך לאָז מיך באַגלייטן
זיין גאַנג און זיין לעבן פון דור צו אַ דור...

6

דער נפטר שטייט־אויף און מיר לאָזן זיך שפּאַנען
דורך ליידיקע גאַסן אַוועק צו זיין היים.
אין האַרץ מיינס פאַרבאָרגן זיין הויז אויף צעגלאַנע
שטייט ווי אַ פאַרצויבערטער פּאַלאַץ, געהיים.

איך האָב עס נישט קיינמאָל געזען אין מיין לעבן
און כ׳וועל עס נישט זען... ס׳האָט מיין האַנט נישט באַרירט
זיין גלעקל אין טיר, נאָר מיר דאַכט זיך, עס שוועבן
די קלאַנגען אין חלל אַרום, וואָס וויברירט.

עס האָט זיך, דאָס גלעקל, אין האַרצן פאַרקליבן,
באַהאַלטן אַזוי ווי אַ גריל צווישן ווענט,
עס קלינגט ווי אַ ניגון פון יאָרן פאַרבליבן,
עס קלינגט ווי דער הערלעכסטער שפּיל־אינסטרומענט.

כ׳הער קלינגען די צייט: גאַרדאָוואָיען, נאַהייקעס,
דאָס פאָכען פון קנוט און פון פערדישן עק,
געפלאַטער פון פאָנען און לידער פון שטרייקערס,
צעריסענע ברוקן און טראָגען אין שרעק...

ער הערט אַלץ, ער הערט אַלץ, דער מאַן פון צעגלאַנע,
פאַרזונקען דאָרט אין זיין פּאַפּירענער וועלט,
ער האָט פאַרן דונער־געהילך פון טיטאַנען
מיט בויגנס פּאַפּיר זיין געהער נישט פאַרשטעלט.

דער מאַן איז גראָד איצט אויף גזשיבאָווסקע פאַרנומען,
פאַרזונקען אין אַנדערע בויגנס פּאַפּיר,
דער טינטער דערמאָנט אים אין קבר אין שטומען,
דאָס ווייס פון פּאַפּיר — אין תכריכים־קאָליר.

דער מאַן איז פאַרנומען מיט קרקעס, עגלות,
מיט פערד אין געוואַנטן אין טונקלע פאַרדעקט;
ווי ס׳פאָכען פון מלאך־המותעס פּאָלעס —
זיי וואַרפן אויף קינדער אַן אימה, אַ שרעק.

וואָס קומסטו מיר, טויטן־טוך, איצט אויפן זינען?
דער מאַן פון צעגלאַנע איז לעבן, איז מוט!
אַוועק! איך וויל זען בעסער זיין פעלערינע,
זיך איינטוליען שטיל אונטער איר איז מיר גוט.

ער האָט זי אויף אונדז, ווי דער אָדלער די פליגל
אויף עופּהלעך זיינע, פאַרשפּרייט און פאַרדעקט,
און דאָרט, פון איר וואַרעם, איז לעבן געשטיגן,
דאָס בלוט האָט געזונגען, דאָס ליד האָט געוועקט.

ער האָט זי פאַרשפּרייט אויף אַ ווייטן מהלך,
נאָר קיינמאָל פאַרדעקט, נישט די שיין, נישט די וואָר,
אפער איז, ווי פון אַ געווינערינס ליילעך,
דאָס שווייגן פון באַנטשען — געשריי פון אַ דור.

און ווי אַ בונטאַר הינטער פאַלעס פאַרבאָרגן,
ער טראָגט הינטער איר דעם נעמיראָווערס האַק,
פאַרעקשנט זי ברענגט, קעגן שפּראָץ פון פרימאָרגן,
די ליבשאַפט אין העלצער פאַרבונדן, פאַרפּאַקט.

געגאַנגען פון איר איז אַ וווּנדערלעך קלינגען,
וואָס אומעטום האָט עס דאָס ליד מיינס באַגלייט
דאָס האָט זי אין פאַליש צעריסן די רינגען
פון בלייכן, געשמידטן פאַרמשפּטנס קייט.

איך האָב פאַר דעם קלינגען אין וואָגל דורך צייטן
געטראָגן אין האַרצן מיין ליבשאַפט און דאַנק,
ווייל ווי קאָן דען זיין פון צעשמעטערטע קייטן,
צעריסן אויף הענט — נאָך אַ שענער געזאַנג?

— — — — — — — — — — — —

נאָך הער איך אין אוהל אַן אָפּקלאַנג פֿון פּאַליש,
כאָטש אויפֿן בית־עולם איז פּאַרכטיק און שטיל,
אַפּריל — און אַ פֿויגל זינגט־אויף מעלאַנכאָליש,
ווי זינגען וואָלט ער פֿון אַ צווייטן אַפּריל,

ווען ס׳האָבן אין פֿרילינג די ביימער געטרויערט,
ווייל ס׳האָבן קיין קנאָספּן שוין מער נישט דערבליט;
דער פֿלאַם־וואַרפֿער האָט פֿון די לעכער געלויערט —
פֿאַרשרפֿען דעם פֿרילינג, פֿאַרצערן דעם צוויט.

דער נפֿטר זיך שלייכט צו פֿאַרפּייניקטע קנאָכנס
פֿון גוססן געטאָ — מיט ברכה און טרייסט;
עס האָט אַלע וואָכן און ווענט דורכגעבראָכן
די שאַרף און דאָס שטראַליקע ליכט פֿון זיין גייסט.

צו פֿינצטערע בונקערס, פֿאַרבאַרגענע טיפֿן,
צו מורדים ער טראָגט דעם נעמיראָווערס האַק,
איר שאַרף האָט ביים צאָרן פֿון פֿאָלק זיך געשליפֿן,
צו פֿאַלן אויף שאַרבנס פֿון פֿיינט ווי אַ פּסק.

אין שטילקייט די טיפֿן דאָרט זידן און גרימען,
אַ פֿונק צו אַ פֿונק ווערט געקליבן צום שטרייט.
זיין שטים, דאַכט זיך, הערט מען אויך צווישן די שטימען:
דורך שטאַרבן מיט כבוד צום לעבן זיי גרייט!

די ביקסן אין אויפֿשטענדלער־הענט ווי מנורות,
באַלייכטן דעם וועג צו נקמה און טאַט,
פֿאַר לאַנגע געדולדיקע עוולות פֿון דורות
עס פּלאַצן די הערצער ווי ס׳פּלאַצט דער גראַנאַט.

און מויערן פּלאַצן צעפּליקטע אויף שטיקער,
עס שטיקט זיך דער ווילן אין רויך און אין בלוט,
עס פֿאַלן די ווענט פֿון דער גענשע און דזשיקע,
נאָר ס׳פֿאַלט נישט ביי קעמפֿער די גבורה, דער מוט.

און אָט איז דער גיבור דער לעצטער אויף דעכער,
מיט פאָן און מיט גלאָריע און פלאַם אויפן קאָפּ.
ער קלעטערט צום הימל — און אויב נישט נאָך העכער.
דער כסא הכבוד אַליין רוקט זיך אָפּ.

— — — — — — — — — — — —

און שטיל איז אין געטאָ, ווי אויפן בית־עולם,
די קעמפער די לעצטע פון לאַנג שוין אַוועק.
נאָר, דאַכט זיך, זיי גייען, פון שלאַכט־רוף באַפוילן,
צי אפשר פון מיינע מחשבות דערוועקט.

צום יאָרצייט אַהער זענען אַלע געקומען,
פון קראָמען און קעלערס. די פּרץ־שול גייט.
עס גייען די קינדער מיט העפטן און בלומען,
נאָר עפּעס אַ שווייגן זיי אַלע באַגלייט.

זיי האָבן צום יאָרצייט גענומען זיך גרייטן.
נאָר האָבן דאָס ליד נישט דערלערנט צום סוף,
די גרוב האָט זיי אַלע פאַרשאָטן באַצייטנס,
איין וואָרט פונעם ליד האָט געבעטן זיך: „האָף!"...

עס זאַמלען זיך אויף די סקעלעטישע ביינער
ביינאַכט אויפן אַלטן און חרובן מאַרק,
זיי שרעקן נישט קיינעם, עס שרעקט זיי נישט קיינער,
עס האָט זיי אַ קראַפט אַ געהיימע געשטאַרקט.

זיי ווערן שוין מער נישט פאַרשווונדן צעטראָגן,
ווען ס'קרייעט דער האָן אויפן פלויט בעת עס טאָגט,
דער נאַרישער האָן קאָן זיי מער נישט פאַריאָגן
זינט ס'האָט זיי דער דייטשישער טאַנק נישט פאַריאָגט.

זיי גייען אין טאָג אַריין אָפן, בפרהסיא,
עס שאַרכן תכריכים, עס קנאַקט דאָס געביין.
די חרובע שטאָט, וווּ עס ציט די פּראָצעסיע,
וועט מער שוין קיין הפקרע קרעטשמע נישט זיין...

און אָט איז די עדה דאָס טויער אַריבער,
פאַרפלייצט די אַלייען, די קברים פאַרדעקט,
אַ האַסטיקער טייך אין גערודער גייט איבער,
און מיך — ער פאַרשוועמט ווי אַ שטיינדל ביים ברעג.

אָט גייט פון דער קלויז דער פאַרקלערטער מקובל,
די נייטאָרין גייט מיט דער נאָדל און שער,
דער מאַן מיט דער זעג, מיטן האַמער און הובל,
דער מאַן מיט געהייליקטער פאָן און געווער;

די אויפשטענדלער גייען, די שטערנס געלעכערט,
נאָר אונטער די שטערנס אַ חלום איז גאַנץ,
דעם טאַש פון פאַטראָנען, די פלאַמען פון דעכער,
זיי לייגן ביים אוהל אַוועק ווי אַ קראַנץ.

זיי האָבן די ווענט פון דער ענגשאַפט צעבראָכן,
די אייגענע קעפ אויך צעבראָכן אין שטיין,
בכדי זייער טויט זאָל אויך זיין אַ נצחון,
דעם נפטר אין אוהל מודיע צו זיין:

מיר האָבן דיין נאָמען פאַר דורות געראַטעוועט,
מיר האָבן אַ פאָלק פון דער בושה באַפרייט,
מיר האָבן די אייזערנע קייטן צעשמעטערט —
צו טראָגן אויף אייביק די גאָלדענע קייט.

מיר הויבן דעם בעכער

אַ יאָר גייט אַוועק, נאָר עס ווערט נישט באַגלייט
צו אייביקער רו, ווי אַ מת,
עס ווערט נישט געפירט צום בית־עולם פון צייט
צום אין־סוף, צו שטויב און פאַרגעס.

אַ יאָר גייט אַוועק, נאָר עס פירט מיט זיך מיט
דעם חותם פון אונדזערע טעג,
עס פירט ווי אַ וואָגן די שפע — נאָך שניט —
צום שייער פון צוקונפט אַוועק.

וואָס שווערער דער וואָגן, אַלץ לייכטער ס׳געמיט —
עס שיינט פון זיין ליכט אונדזער מי,
עס שענקט אונדז דער פרילינג, וואָס האָט שוין פאַרבליט,
די זאָמען פון שפעטערן בלי.

עס גייט פון דער ערד אַ געזאַנג צו דער זאַנג,
אַ הימען צום קאָרן, צום גערשט,
פאַר דעם, וואָס פאַרגייט, און וואָס אין זיין פאַרגאַנג
איז אָנהויב פאַראַן און צומערשט.

אַ יאָר גייט אַוועק, נאָר מיר ווערן נישט אַלט,
פון יונגקייט און ברויז נישט פאַרלאָזט,
ס׳מעטאַל פון דער שטים, וואָס די חשכות צעשפּאַלט,
וועט קיינמאָל נישט ווערן פאַראָסט.

מיר הויבן דעם בעכער, מיר הויבן דעם כוס
אַזוי ווי אַ וואָרנונג צום טויט,
דער שפּונט פון די פעסער זאָל געבן אַ שאָס
אָנשטאָט פון קאַנאָנען — דער שרויט.

אַזוי ווי אַ שוימיקער שטראָם, ווי אַ שלעפּ,
זאָל גיסן דער ווייַן, אָנשטאָט בלוט;
דער ליכטיקער שטראַל איבער אונדזערע קעפּ
זאָל הענגען — שטאָט פינצטערן קנוט.

מיט חן זאָל די רויז אינעם טויאיקן גראָז
פאַרהויבן איר קלייד מיט אַ קניקס;
אַז אָנטרעפן זאָל זיך אַ גלאָז מיט אַ גלאָז
אין פרייד — אָנשטאָט ביקס מיט אַ ביקס.

מיר הויבן דעם בעכער, מיר הויבן די רויז
פאַר אַלץ, וואָס די ליבשאַפט באַנייט,
מיר הויבן דעם כוס, ווי אַ פאַקל פאָרויס,
וואָס ווייזט־אָן דעם גאַנג פון דער צייט.

מיר הויבן דעם בעכער, עס זאָל אין פאַרטאָג
אונדז וועקן דער האָן אויפן פלויט —
און נישט פון סירענעס אַלאַרעם־געקלאָג,
דער ויסטער געיאָמער פון טויט;

מיר זאָלן נישט זען אויפן יתום די טרער,
נאָר טראָפּנס פון טוי אויפן צווייט,
די שראַמען פון וווּנדן נישט זען זאָל מען מער,
נאָר בלויז פון דער פּרי דעם שניט.

לחיים! זאָל זיין אונדז פון גראָזן דער פלוש —
שטאָט קויט פון טראַנשייען — באַשערט;
אַז אָנטרעפן זאָל זיך אַ קוש מיט אַ קוש
אין פרייד — אָנשטאָט שווערד מיט אַ שווערד.

אַ לייטער צו דער זון

אַזויפיל וווּנדער־זאַכן
מיר האָבן שוין געטון,
איצט, לאָמיר, ברידער, מאַכן
אַ לייטער צו דער זון.

נישט בלויז אין דער מחשבה,
אין באָדן פון געדאַנק, —
אין טיפעניש פון עבר
איר שטאָם דערלאַנגט שוין לאַנג.

פון אונדזערע שוואַרצאַפּלען
אַ ליכטזייל — שטייגט זי אויף,
פון אָרעמס — אירע שטאַפּלען
זי פלעכט זיך ענג צונויף.

אַ דור וואָס איז פאַרגאַנגען
האָט איר זיין שפּור געלאָזט,
ס'געביין זיינס — אירע שטאַנגען,
פון צייטן נישט פאַראָסט.

דעם וואָלקן אויפן הימל
זי שפּאַלט, ווי שטראַלן ס'אייז,
איר אויפגאַנג איז דער סטימול
אין אונדזער מינדסטן שפּרייז.

עס האָבן שייטער־פלאַמען
פון דרערד זי נישט פאַרזענקט,
דורך ביקס און פעטליעס — צאַמען,
זי ציט זיך ווי פאַרבענקט,

ווי ס'קאָן אין מדבר ציען
ס'פאַרשרפעט מויל צום טרונק — —
דער קדוש אויף דער תליה
געצייכנט האָט איר שוונג.

מיט אים זיך אויפגעהויבן
האָט זי פון עשאַפאָט,
ס'האָט צוגעשמידט זיין גלויבן
צו דרערד זי, צום יסוד.

דער דונער פון בונטאַרן
איר האַמער איז געווען,
די בליצן אין געפאַרן —
מיט נעגל זי פאַרזען.

דער בליי וואָס האָט געהאָגלט
אין האַרצן יאָרנלאַנג,
האָט פעסטער צוגענאָגלט
די שטאַפּלען צו דער שטאַנג.

די הויכע שיין דערגרייכן —
מיר איילן זיך מיט זיי —
נישט גנבענען פון הייכן
דאָס ליכט ווי פראָמעטיי.

נאָר ברענגען עס פאַר יעדן,
דורך יעדנס מי באַשיינט,
מיט שטראַלן ווי מיט פעדעם —
פאַרבינדן אונדז ווי פריינט.

רייסט דורך די זון זיך העלער,
— דעם וואָלקן־צוים צעשטערט —
צו זיין דער יום־טוב־טעלער
אויף אונדזער טיש — די ערד.

יהודה המכבי

(דראַמאַטישע פּאָעמע אין זיבן בילדער)

פערזאָנען:

יהודה המכבי
עטרה — זיין געליבטע און נאָענטע מיטקעמפערין
קעניג אַנטיאָכוס עפיפאַנעס
קעניגין
מענעלאַאוס — פאַלשער כהן־גדול
אַריליוס — יידישער העלענער, פאָטער פון עטרהן
אָרפילאַ — ווייב פון אַריליוסן, שטיפמוטער פון עטרהן
יונתן
שמעון } ברידער פון יהודה המכבי
יוחנן
אליעזר
חולדה — נאָענטע מיטקעמפערין פון די מכבייער
דער מוהל
דער זקן אליעזר
חנה מיט די זיבן זין
אַזאַר — קנעכט ביי אַריליוסן
ליזיאַס — אַנטיאָכוסעס מיליטער־אָנפירער
מאַקראָן — שטאַטסמאַן און בעל־יועץ פון אַנטיאָכוסן
רופא

קאַמערדינער, הויפלייט, פליטים, פליטות, יונגעלייט, יידישע פרויען, שומרים, תלינים, סאָלדאַטן, שקלאַפן־הענדלער, קריגס־לייט, אַנטרונענע, דאַמען, שליחים.

אָרט פון דער האַנדלונג: יהודה.
צייט: זעכציקער יאָרן פון צווייטן יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט־רעכענונג.

בילד איינס

אין פּאַלאַץ פון אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס. טראָן־זאַל. אין זאַל — פּאַר־שידענע גריכישע געטער־סטאַטועז. אַ קאַמערדינער שטויבט אָפּ און פּוצט די קעניגלעכע שטול.

קאַמערדינער:

(זינגט)

דעם קעניג פאָלגט זיין חייל,
מיך פאָלגט מיין פלעדערוויש;
און ווו נאָר איך באַפעל אים
דערלאַנגט ער באַלד אַ וויש.

איינמאָל בין איך אויבנאָן —
ווען איך פוץ דעם קעניגס טראָן.
ווי דעם סצעפּטער האַלט איך מיר
דעם פלעדערוויש און כ'הערש, רעגיר.

דעם קעניג פאָלגט זיין חייל,
מיך פאָלגט מיין פלעדערוויש,
און ווו נאָר איך באַפעל אים
דערלאַנגט ער באַלד אַ וויש.

שמייסן שמייסט דעם שררהס רוט —
מיין פלעדערוויש — גלעט ווייך און גוט.
גרויס מיין זכיה, אָן אַ שיעור —
דאָס קעניגלעכע שטויב אויף מיר.

דעם קעניג פֿאָלגט זיין חייל,
מיך פֿאָלגט מיין פֿלעדערוויש,
און ווו נאָר איך באַפֿעל אים
דערלאַנגט ער באַלד אַ וויש.

(אַ צווייטער קאַמערדי־נער קומט אַריין)

צווייטער קאַמערדינער:

דו זינגסט זיך גאָר... כ׳האָב וויכטיקע ידיעות...

ערשטער קאַמערדינער:

(שרעקנדיק זיך)

איך וויל נישט הערן גאָרנישט, כ׳וויל נישט, וויל נישט...
רכילות האָב איך מורא אויסצוהערן.
איך בין אַן ערלעכער, געטרייער קאַמערדינער,
מיין טבע איז: נישט מישן זיך אין הויף־ענינים.
און מיטן קעניג אַנטיאָכוס, אונדזער האַר,
האָב דו צו טון...

צווייטער קאַמערדינער:

שוויג שטיל און הער מיך אויס.
עס האָט דער שטאַלמייסטער געזאָגט מיר אָקאָרשט
אַז ס׳האָט דער שר־המשקים אים פֿאַרטרויט
דאָס, וואָס די קעכין האָט אים גאָר בשתיקה
דערציילט...

ערשטער קאַמערדינער:

(נייגעריק)

אַז...

(כאַפּט זיך אָבער צוריק און האָט מורא צו הערן)

כ׳וויל נישט הערן גאָרנישט... כ׳וויל נישט...

(נאָך אַ פּויזע, נישט קאָנענדיק ביישטיין דעם נסיון)

אַז וואָס?...

צווייטער קאַמערדינער:

אַז אונדזער קעניג האָט שוין ווידער
געליטן אַ מפּלה אין מצרים.

ערשטער קאַמערדינער:

אַזוי?... הער־אויף, כ׳האָב מורא פאַר רכילות...
(נאָך אַ פּויזע, פאַרחידושט)
וואָס זאָגסטו...

צווייטער קאַמערדינער:

וואָס דו הערסט... מען שושקעט זיך אין פּאַלאַץ...

ערשטער קאַמערדינער:

אוי וויי... איך הער נישט, כ׳טו מיר מיין מלאכה...
(נעמט פּוצן דעם טראָן מיט התמדה און גיך. נאָך אַ ווײַלע)
וואָס נאָך?...

צווייטער קאַמערדינער:

פּוץ אָפּ דעם טראָן ווי ס׳דאַרף צו זיין.
זיין גרימצאָרן קאָן באַלד דער קעניג אַנטיאָכוס
נאָך אויסגיסן אויף אונדז. ווייל ווען ער ווערט
געשלאָגן פון אַ שטאַרקן, לאָזט ער אויס
דעם כעס אויף שוואַכערע פון אים. ווּעסט זען,
ער וועט, ווי שטענדיק, נאָך אַ ביטערער מפּלה,
זיך ווידער נעמען צו דעם לאַנד יהודה...

ערשטער קאַמערדינער:

(אין שרעק)
די געטער זענען עדות אַז איך הער נישט,
באַשיצן זאָלן מיך די מעכטיקע פון בייז...

צווייטער קאַמערדינער:

זע, היט זיך אויס, דער עיקר זאָלסט נישט היינט
דערצערנען מיט אַן איבריק וואָרט דעם קעניג.

ערשטער קאַמערדינער:

די געטער זענען עדות, אַז איך שווייג...

צווייטער קאַמערדינער:

און מיר אויך זענען עדות אַז די געטער שווייגן...

(הערט זיך צו און קוקט צום פענצטער. פלוצלינג)

פאַרענדיק שנעל, דער קעניג איז געקומען!

איך זע אים גיין אַהער מיט זיינע הויפלייט!

ערשטער קאַמערדינער:

(פאַרענדיקט שנעל, נעמט צונויף אין איילעניש זיינע מכשירים קוקנדיק צום פענצטער)

ער קאָן היינט אויסלאָזן דעם כעס אויף יעדן איינעם.

ס'איז גלייכער, ער זאָל אונדז נישט זען אַצינדער...

(ביידע קאַמערדינער אָפּ אין איילעניש. פויזע. דער הויפּט־איינגאַנג מאַכט זיך אויף. עס קומט אַריין אַנטיאָכוס, באַגלייט פון זיין סוויטע, אָנגעטון אין כלי־זין און פאַנצער. ער איז אויפגערעגט, פאַרביטערט און פאַרמאַטערט פון וועג)

ערשטער הויפמאַן:

(אַריינקומענדיק)

חכמים!... ווער האָט זיך געקאָנט דען ריכטן,

אַז רוים וועט פלוצים קומען גאָר צוהילף

מצרים...

צווייטער הויפמאַן:

אָבער אונדזער גרויסער קעניג

באַוויזן האָט דעם פיינט מיט חכמה און גבורה

בשלום אומצוקערן זיך מיט זיינע מחנות...

דריטער הויפמאַן:

און שעצן דאַרף דער קעניג וואָס מצרים

האָט נישט געקאָנט דעריאָגן אונדזער חייל...

ערטער הויפמאַן:

איין העלפאַנט איז געבליבן בלויזביים שונא שטעקן,
פאַרקרעקט זיך מיט אַ שפּיז, דער נאַרישער שלים־מזל.
ס'איז אויך נישט קיין פאַרלוסט, אַ קאַליקע, אַ זקן,
אַ קריכער, וואָס ער טויג שוין נישט צו גאָרנישט...

אַנטיאָכוס:

(פלוצלינג)

הערט־אויף מיט אייערע חניפה־רייד און שטותים!
לאָזט מיך צופרידן איידער כ'ווער דערצערנט!

די הויפלייט:

(דערשראָקן, איינער צום צווייטן, וועלנדיק חנפענען אַנטיאָכוסן)

— גערעכט.

— גערעכט.

— אוודאי.

— לאָמיר לאָזן

צופרידן אונדזער קעניג אַנטיאָכוס.

ערשטער הויפמאַן:

מען דאַרף דעם קעניג אויסטון.

(רופט)

קאַמערדינער!

קאַמערדינער:

(קומט אַריין)

אָט בין איך, מיינע פיל־געשעצטע האַרן.

ערשטער הויפמאַן:

טו אויס דעם קעניג די מלבושים און ס'כלי־זין!

קאַמערדינער:

(בוקט זיך טיף)

ווי ס'איז אייך ווילגעפעלן, מיינע האַרן.

(טוט אויס אַנטיאָכוסן מיט גרויס מי זיינע גאַרטלען, כלי־זין און פּאַנצער. אַנטיאָכוס עטעמט אָפּ פון דערלייכטערונג. קאַמערדינער צו זיך)

מען הייסט מיך אַנטון — טו איך אָן דעם קעניג,
מען הייסט מיך אויסטון — טו איך אויס דעם קעניג.

(אַנטיאָכוס באַזעצט זיך אויפן טראָן. די הויפּלייט גיבן זיך צייכנס אויף שטום־לשון צו פאַרלאָזן אים. שאַרן זיך אַרויס שטיל און פאַר־זיכטיק צוזאַמען מיטן קאַמערדינער)

אַנטיאָכוס:

(אַליין, צו די געטער־סטאַטועס)

הערט־אויס די שטים פון קעניג אַנטיאָכוס,
איר צאָרנדיקע געטער פון אָלימפּ,
וואָס איר האָט מיך אויפסנײַ געשטראָפט מיט חרפה!
אומשטערבלעכע! צי הערט איר נישט און זעט נישט
ווי פונעם שרה ביז צום לעצטן דינער
מען שפעט פון מיר, מען לאַכט פון מיר, מען חוזקט;
איך האַלט צום נאַר דעם סצעפּטער אויף מיין אַקסל
און ווי זיין נאַרישע פאַרוויילונגס־מיץ דער לץ —
איך טראָג די קרוין אויף לייטישן געלעכטער.
איך קאָן נישט קוקן קיינעם גלייך אין פנים,
חוץ אייך. אומשטערבלעכע און פול מיט גנאָד,
און דו, אָ צעאוס מעכטיקער, דו גאָט פון געטער!
צי וועט איר שפעטן אויך פון מיר און לאַכן?!
צי האָט איר נישט באַוויליקט מיינע תפילות
פאַר מיין אַוועקגיין אין מלחמה מיט מצרים?
צי איז אייך נישט געוועזן צום טעם דאָס בראָטפּלייש
פון מיינע בראַנדאָפּפער, וואָס כ׳האָב פאַר אייך געבראַכט?
צי אפשר קערט איר אָפּ פון מיר דאָס פנים
ווייל ס׳לעסטערט אייער רום דאָס לאַנד יהודה?
נאָך ברענט אין מיר דער כעס פאַר דער צעשטערונג
פון אייער מעכטיקייט אין שטעטל מודיעין,

וווּ ס'האָבן אומגעבראַכט מיין פריינט אַפּעלעס
דער אַלטער עובר־בטל מתתיהו
און זיינע זין, די רויבער און גזלנים.
און ווייסן זייט, אַז ווער עס לעסטערט אייך
דער לעסטערט אויך דעם קעניג אַנטיאָכוס;
דעם וועט באַגעגענען מיין האַרבסטע שטראָף.
אויך ווייסן זייט: די יידן, מיינע שונאים,
וואָס פרייען זיך אַצינד מיט מיין מפּלה,
וועט באַלד פאַרגיין די פרייד און די גדולה.
ווייל אויב האָב איך נישט בייקומען געקאָנט מצרים —
זיי וועל איך בייקומען מיט אייער הילף.
און ווייסן זאָלן זיי, פאַר זיי בין איך דערווייל נאָך
דער קעניג אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס!

(פאַרזינקט אין שווערן שווייגן)

קעניגין:

(קומט אַריין, בלייבט שטיין נישט דרייסט. אַנטיאָכוס באַמערקט זי נישט)

רק בייז איז ער און פינצטער, געטער מיינע!

אַנטיאָכוס:

(הייבט אויף דעם קאָפּ. שווייגט)

קעניגין:

עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק, און מורא האָב איך
זיך צורירן צו דיר, גלייך ווי איך וואָלט
נישט זיין דיין ווייב, נאָר דיינס אַ דינסט, אַ שקלאַפין.
דיין האַרץ איז תמיד קאַלט, ווי דיין כלי־זין.
פון בענקשאַפט גיי איך אויס, מיין שיינער הערשער.
פאַרפאַלן ווערסטו אין די שלאַכטן דיינע
און איך בלייב איינזאַם אין מיין רייכן פּאַלאַץ.
דאָס קעניגלעכע בעט איז קאַלט און ליידיק.
צוליב דיין טראָן האָסטו ס'געלעגער מיינס פאַרלאָזן.

דו רירסט זיך, זע איך, גאַרנישט צו צו מיר,
ביסט ווייט פון מיר און רק פאַרנעמסט זיך שטענדיק
מיט שונאים, חייל, רייטוואַגנס און פאַנצערס
און אויך מיט קעמלען, העלפאַנטן אַפילו,
נאָר נישט מיט מיר, דיין ווייב. זאָל אפשר גאָר
פאַרנעמען זיך מיט מיר דער קאַמערדינער?

אַנטיאָכוס:

ביסט קעניגין און טראָגסט צוגלייך מיט מיר
דעם עול פון מלכות, פון מיין גרויסער הערשאַפט.
מיט מיר צוגלייך באַדאַרפסטו אויך צו טיילן
די פלאָגן מיינע און נישט בלויז דעם תענוג.
דיך גייט נישט אָן, זע איך, וואָס אַ באַזיגטער
האָב איך זיך אומגעקערט פון קריג און וואָס מצרים
האָט נישט געלאָזט זיך איינגעמען. אויך זע איך
ווי ס׳גייט דיך גאָרנישט אָן וואָס אין יהודה
די יידן ווערן חוצפּהדיקער, פרעכער,
און קאָנען ווערן נאָך אַ שלעכטער ביישפּיל
פאַר די מדינות וואָס מיין מאַכט באַוועלטיקט.

קעניגין:

מיין מעכטיקער, מיין גרויסער, שיינער הערשער,
דו וועסט נאָך איינעמען אַ סך מדינות
און בייקומען אוודאי און אוודאי
וועסט קאָנען די עקשנות פון יהודה.
עס וועלן נאָך די גרעסטע שטעט און לענדער
פאַר דיר זיך גנעדיק בוקן און זיך שפּרייטן,
דערווייל שפּרייט אויס פאַר מיר די אָרעמס דיינע
און מיך נעם איין און איבער מיר געוועלטיק...

אַנטיאָכוס:

(ווערט אַביסעלע צוגעלאָזענער)

קעניגין:

(וויל אים אַרויסנעמען דעם סצעפּטער פון האַנט. צערטלעך)

לאָז אָפּ דעם סצעפּטער... מיך, דיין ווייב, נעם ליבערשט
אין דיינע הענט אַריין, אין דיינע אָרעמס...

(פּויזע. עס קומט אַריין אַ קאַמערדינער)

קאַמערדינער:

צום קעניג, אונדזער גרויסן האַר פון האַרן.
עס וואַרטן צוויי סאָלדאַטן פאַר דער טיר
מיט גאָר אַ וויכטיקער, געטרייער שליחות.
באַוויליקט זיי דער קעניג אויסצוהערן?

אַנטיאָכוס:

(גיט אַ צייכן מיטן סצעפּטער אַז די סאָלדאַטן זאָלן אַריינגיין. קאַמערדינער אָפּ. עס קומען אַריין די צוויי סאָלדאַטן. איינער פון זיי האַלט אַ ווייס טוך)

ערשטער סאָלדאַט:

איך האָב דעם גרויסן כּבוד צו דערלאַנגען
דעם קעניג אַט־דעם יידישן טראָפּיי,
וואָס מיר האָבן פאַרכאַפּט,

(ווייזט אויפן צווייטן סאָלדאַט)

מיר ביידע.

(צווייטער סאָלדאַט שאָקלט מיטן קאָפּ אויף באַשטעטיקונג)

דאָס איז דאָס שלייער־טוך פון גאָר אַ דרייסטער יידין,
וואָס אונדז, די אונטערטעניקע, געלונגען
איז צו פאַרכאַפּן. ליידער, אָן דער יידין.

קעניגין:

(אַרויסגייענדיק אָן אומצופרידענע)

רק שטענדיק די ענינים פונעם מלכות...

(אָפּ)

אַנטיאָכוס:

(אויפגעלעבט און באַקוקנדיק דאָס טוך, צו ביידע סאָלדאַטן)

דערציילט, דערציילט, געטרייע דינער מיינע.

ערשטער סאָלדאַט:

דאָס איז געווען נישט ווייט פון בית־המקדש,
דעם טעמפּל זייערן, ביים שטעלן אַ מזבח
פאַר צעאוס דעם אַלמעכטיקן. אַן עולם יידן
האָט נישט דערלאָזט, און מיר זענען געווען געצוואונגען
באַנוצן דאָס געווער. אַ יונגפרוי זייערע,
אַ שיינע און געגליכן צו אַ געטין,
מיט אָט־דעם שלייער־טוך אויף איר געזיכט,
האָט אָנגערעדט צו שטעלן זיך אַנטקעגן.

צווייטער סאָלדאַט:

מען זאָגט, זי גייט אַרום אויף אַלע מאַרקן
און לידער זינגט זי וועגן זייער גאָט,
פאַרכישופט יעדן מיט איר שיינער שטימע
און רופט צו לעסטערן דעם קעניג און די געטער.

ערשטער סאָלדאַט:

מיר שיינט, דאָס איז די טאָכטער פון אַריליוס,
דעם קעניגס פריינט, דעם יידישן העלענער
און גרויסן עושר פון ירושלים.

אַנטיאָכוס:

עטרה?

צווייטער סאָלדאַט:

יאָ, עטרה, דאַכט זיך, איז איר נאָמען.

ערשטער סאָלדאַט:

הכלל, ביי דעם געשלעג איז זי אַנטרונען.
איך האָב באַוויזן בלויז דאָס טוך צו כאַפּן...

צווייטער סאָלדאַט:

(פאַלט אַריין אין די רייד)

צוזאַמען מיט אַ פּאַטש פון אירע הענטלעך...
אַ מזל פון אַ יונג, ווייל ס׳איז עטרה
אַ שיינהייט, זאָגט מען, איינע אין יהודה,
וואָס אירע אויגן פינקלען ווי די שטערן
און ס׳לייכט איר פּנים ווי די מאָרגנזון
און...

אַנטיאָכוס:

(רייסט איבער פּלוצלינג)

שטיל! גענוג! איך וויל דאָס מער נישט הערן!
ס׳האָט אַ פאַרשאָלטענע און פרעכע מויד
באַליידיקט און פאַרשוועכט די גרויסע ערע
פון גריכישן סאָלדאַט און איר, וואָס טוט איר?
איר לאַכט זיך גאָר דערפון, איר שפּעט און חוזקט!
כ׳קאָן הייסן טייטן אייך!...

(נאָך אַ פּויזע און באַרואיקונג)

איר קאָנט שוין גיין!

ביידע סאָלדאַטן:

(בוקן זיך. אָפּ)

אַנטיאָכוס:

(באַטראַכטנדיק פון אַלע זייטן דאָס טוך. מיט אַ ווייכן, הנאהדיקן טאָן אימיטירנדיק דעם סאָלדאַט)

כי, כי, און אירע אויגן פינקלען ווי די שטערן,
און ס׳לייכט איר פּנים ווי די מאָרגנזון...

(נעמענדיק נעענטער צו זיך דאָס טוך, גלעטנדיק עס און שפּילנדיק זיך דערמיט)

עס שמעקט מיט רויזנזאַפט און אירע זאַלבן,
איך שפּיר דעם אָטעם פון דער שיינער יונגפרוי,

(דריקט צו זיך דאָס טוך)

דו ביסט מיר ווי אַ באַלזאַם צו מיין האַרצן...
איך שפיר, זי וועט מיר שוין קיין רו נישט געבן...

(קעניגין קומט אַריין ביי די לעצטע ווערטער)

קעניגין:

וואָס הער איך פון מיין טרייען אַנטיאָכוס?...

אַנטיאָכוס:

(אַביסל פאַרלוירן. ענדערט דעם טאָן)

איך זאָג, זי וועט מיר שוין קיין רו נישט געבן,
די... שטאָט ירושלים, אויב זי האָט נאָר
אַזעלכע דרייסטע מוידן ווי עטרה...

קעניגין:

מיין געטלעכער, זי איז נישט ווערט אפילו
אַז דו זאָלסט האַלטן אין דיין האַנט איר טראַנטע,
עס פאַסט נישט פאַרן קעניג אַנטיאָכוס,
אַן אומכבוד...

אַנטיאָכוס:

(צביעותדיק)

יאָ, איך מיין אויך אַזוי...

קעניגין:

(נעמט אַרויס פון זיין האַנט דאָס שלייער־טוך מיט גרינגשעצונג און פאַראַכטונג, שליידערט עס אַוועק אין אַ זייט)

נעם בעסער מיינע שטעטער אין דיין האַנט,

(ווייזט אָן אויף אירע קליידער)

נאָ, זע, אַ פּראַכט...

(עס קומט אַריין אַ קאַמערדינער)

קאַמערדינער:

ס׳פאַרלאַנגט צו זען דעם קעניג
דער יידישער העלענער מענעלאַאוס
און נאָך אַ מאַן, וואָס איז מיט אים געקומען.

אַנטיאָכוס:

ניין, נישט אַריינלאָזן.

קאַמערדינער:

(אומקערנדיק זיך)

איך פאָלג, מיין האַר.

(פאַר זיך)

מ'הייסט נישט אַריינלאָזן, איז לאָז איך נישט אַריין.

(איז זיך מיישב פאַרן אַרויסגיין. צו אַנטיאָכוסן)

ס'ברענגט מענעלאַאוס פונעם כהן־גדול יאַזאָן

דעם שטייער־אָפּצאָל פונעם לאַנד יהודה.

אַנטיאָכוס:

לאָז אים אַריין.

קאַמערדינער:

(אַרויסגייענדיק)

איך הער און פאָלג, מיין קעניג.

(פאַר זיך)

מ'הייסט מיך אַריינלאָזן, איז לאָז איך גלייך אַריין...

(אָפּ)

אַנטיאָכוס:

(נעמט דעם סצעפּטער אין האַנט, מאַכנדיק אַ שטרענגע, גאווהדיקע מינע)

קעניגין:

(אַרויסגייענדיק אַן אומצופרידענע)

שוין ווידער די ענינים פונעם מלכות...

(אָפּ. עס קומען אַריין מענעלאַאוס און אַריליוס. בוקן זיך טיף)

מענעלאַאוס און אַריליוס:

געלויבט זאָל זיין דער קעניג אַנטיאָכוס.

מענעלאַאוס:

(אָנווייזנדיק אויף אַריליוסן)

דאָס איז מיין פריינט אַריליוס, דער העלענער,
דעם קעניגס אונטערטאַן, אַמאָל געהייסן אהרון,
און גרויסער עושר פון ירושלים.

אַנטיאָכוס:

אַריליוס... און דיין טאָכטער הייסט עטרה?

אַריליוס:

(מיט בושה)

עטרה, יאָ, נישט אַנדערש נאָר אַזוי גאָר
וויל זי מען זאָל זי רופן...

אַנטיאָכוס:

גוט, אַריליוס,
אַך, זייער גוט וואָס ביסט אַהערגעקומען,
כ'האָב וויכטיקס גאָר מיט דיר צו רעדן. שפּעטער.

אַריליוס:

אַ דאַנק, אַ דאַנק דעם קעניג פאַרן חסד.

אַנטיאָכוס:

(צו מענעלאַאוסן)

וואָס האָט דיך אייגנטלעך אַהערגעבראַכט צו מיר?

מענעלאַאוס:

(ווייזנדיק אַנטיאָכוסן אַ זעקעלע געלט)

ס'האָט מיך געבראַכט אָט דאָס, וואָס כ'האָב געבראַכט.
כ'דערפיל די שליחות פונעם כהן־גדול יאַזאָן.
איך האָב דעם כבוד איבערגעבן אונדזער קעניג
דעם יאָר־אָפּצאָל, די שטייערן פון לאַנד יהודה.
(דערלאַנגענדיק דאָס זעקעלע געלט מיט אַ קלונג)
דער קעניג וועט באַוויליקן מסתמא...

אַנטיאָכוס:

(נעמענדיק דאָס געלט און אַוועקלייגנדיק עס אין אַ זייט)

דאָס געלט אַליין איז נישט גענוג. וואָס טויג מיר
דאָס זיצן אויף אַ זאַק מיט גאָלד און זילבער,
אַז אונטער מיר באַגלייך איז האַס און שנאה.
עס זענען אונטערטעניק מיר מדינות
און פעלקער גאַנצע האָבן זיך פאַר מיר געבויגן,
נאָר בלויז דאָס לאַנד יהודה איז פאַרעקשנט
און ווידערשפעניקט מיר און שטעלט זיך מיר אַנטקעגן.
וואָס טוט דערויף מיין כהן־גדול יאַזאָן?
ער שיקט מיר געלט? — ס'איז ווינציק נאָך, ס'איז ווינציק!

מענעלאַאוס:

(ווייזט אויף אַריליוסן, וועלכער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף הסכמה)

כ'האָב גראָד געוואָלט אַ שמועס טון דערוועגן
מיט אונדזער האַר, דעם קעניג אַנטיאָכוס.
ווי כ'זע עס, און ווי ס'זעט עס אויך מיין פריינט,
באַמיט זיך יאַזאָן גוט צו זיין מיט יעדן,
כדי צו ווילגעפעלן אַלע צדדים.
איין אויג זיינס שמייכלט, כלומרשט, טריי צום קעניג,
דאָס צווייטע שמייכלט צום געמיינעם פאָלק,
צו די קבצנים און די דאָרפסלייט פון יהודה.
סיי ווי איז דער המון אים אומגעהאָרכזאַם,
מען שעלט אים און מען לאַכט אים אויס מיט חוזק,
מען שפּעט פון אים, און אַז מען שפּעט פון אים —
במילא שפּעט מען אויך פון אונדזער קעניג.
און אויב ס'איז יאַזאָן פריינטלעך צום המון
און נאָכגיביק — איז ער, ווי דער המון,
אַ פריינט פון אונדזער שונא — פון מצרים.

אַנטיאָכוס:

איז וואָס דיין מיין דעריבער, מענעלאַאוס,
מיין טרייער אונטערטאַן? רעד ווייטער, כ'הער דיך.

מענעלאַאוס:

איך מיין, אַ כהן־גדול דאַרף דער קעניג
אַזאַ, וואָס דינען זאָל געטריי זיין הערשאַפט;
אַ כהן־גדול מיט אַ שטאַרקן אָרעם,
אַ שטרענגער מאַן, וואָס מורא האָבן זאָלן
פאַר אים די יידן פון ירושלים.

אַריליוס:

גערעכט איז מענעלאַאוס, אונדזער פריינט.
אַ שטרענגער כהן־גדול איז אונדז נויטיק,
אַזאַ, וואָס מיט דער הילף פון אונדזער קעניג
זאָל שיצן אונדזער לעבן און פאַרמעגן.
ווייל וויסן זאָל דער קעניג, אונדזער האַר,
ס'ווערט באַלד פאַר יעדן אָרנטלעכן בירגער
און אַדלמאַן אוממעגלעך פריי צו לעבן.
די יונגען, די פאַרבאַרגענע גזלנים
פון אַלטן מתתיהו חשמונאי
באַנוגן זיך נישט בלויז מיט ליגן אין די היילן;
זיי פאַלן פלוצים אָן אויף אונדז ביינאַכט
און נעמען צו ביי אונדז דאָס האָב־און־גוטס.
זיי נעמען שפייז און געלט און אויך צומאָל
אַן אייזל, צי אַן אָקס און אויך אַפילו
דאָס לעבן פון אַן אַדלמאַן אַ הויך־געשעצטן,
וואָס דינט געטריי דעם קעניג אַנטיאָכוס.
דערפאַר, מיין האַר, גערעכט איז מענעלאַאוס,
מען דאַרף שטאָט יאַזאָנען באַשטימען תיכף
אַן אַנדערן, אַ שטרענגן כהן־גדול.

אַנטיאָכוס:

און ווער וועט זיין דאָס אַט־דער כהן־גדול?

אַריליוס:

מיין האַר, דער קעניג, דאַרף אים ווייט נישט זוכן,
ער שטייט דאָ פאַרן טראָן און מענעלאַאוס הייסט ער...

אַנטיאָכוס:

אַזוי גאָר? מענעלאַאוס? מענעלאַאוס,
דו שטאַמסט דאָך נישט צומאָל פון דעם כהנים־יחוס!
(פויזע. כמעט ווי פאַר זיך, אין אַ זייט)
וואָס אייגנטלעך באַדאַרף איך גאָר אַליין
זיך קימערן פאַר זייער כהן־גדול?
(מיט איראָניע)
ס׳איז נישט צוליב יעהאָוואָ און זיין טעמפּל...
כ׳וואָלט אָן דעם כהן־גדול אויך געקאָנט
געוועלטיקן, ווי אומעטום, אין לאַנד יהודה,
נאָר כ׳האָב פון תמיד אָן געזוכט אַ מאַן
אין וועמען ס׳האָט פאַרטרויען דער המון
און וועמען איך פאַרטרויען קאָן אינגאַנצן.
דאָס פאָלק, וואָס האָט מיך פיינט, זאָל שעצן אים,
דאָס פאָלק זאָל מיך נישט זען, נאָר זייער כהן־גדול...
היינט ווי־זשע קאָן עס טויגן, מענעלאַאוס,
דו שטאַמסט צומאָל נישט פון כהנים־יחוס?

מענעלאַאוס:

פאַרביי די צייט ווען עמעץ וואָלט מיט גוטן
געקאָנט דעם צוטרוי פון המון געווינען.
אויך יאַזאָנס פאַלשע שמייכלען און חניפה
פאַרבלענדן קאָנען אים נישט מער. איצט דאַרף מען
בלויז ווייזן דעם המון דעם בלענד פון קעניגס וואָפן...
(באַווייזט נאָך אַ זעקעלע געלט)
מיין יחוס? הע, הע, הע... אָט איז מיין יחוס...
(דערלאַנגט אַנטיאָכוסן דאָס זעקעלע געלט מיט אַ קלונג)
כ׳בין זיך מתחייב צו דעם קעניג אַנטיאָכוס
צו העכערן דעם שטייער־אָפּצאָל פון יהודה
און פאַרן געלט איז ערוב אונדזער פריינט אַריליוס.

אַריליוס:

כ׳בין ערוב און איך האָב, אַ דאַנק די געטער,
מיט וואָס, מיין גרויסער האַר.

אַנטיאָכוס:

ס'וועט פועלן יענער
וואָס אונטערטעניק מאַכן וועט יהודה.

מענעלאַאוס:

מיין האַר, איך וועל דאָס מאַכן. הער די עצה
פון דיין געטרייען דינער ווי אַזוי נאָך
אַריינצונעמען אויך דאָס לאַנד יהודה
אין קרייז פון דיין באַוועלטיקונג און הערשאַפט.
דאָס, וואָס עס מאַכט האַרטנעקיק און פאַרעקשנט
דאָס פּראָסטע פאָלק, די דאָרפסלייט און אביונים,
דאָס איז יעהאָוואַ, זייער גאָט, און זייער תורה
פון עפּעס אַ גערעכטיקייט און יושר...

(אין אַ זייט, דרך אגב, צו אַריליוסן, און מיט חניפה צו אַנטיאָכוסן)

זיי גייען לערנען גאָר גערעכטיקייט און יושר
דעם קעניג אַנטיאָכוס, הע, הע, הע...

אַנטיאָכוס:

רעד ווייטער, קלוגער מענעלאַאוס, כ'הער דיך.

מענעלאַאוס:

דעריבער מיין איך, דאַרף מיין האַר וואָס גיכער
פאַרביטן זייער תורה אָן רחמנות.
אויב ס'קאָן די שווערד פון קעניג נישט דערגרייכן
יעהאָוואַ אין זיין הימל, וועט זי זיכער
דערגרייכן גלייך זיין תורה אויף דער ערד.
דער מעכטיקער און צאָרנדיקער צעאוס
וואָס דו וועסט זיי אַריינשטעלן אין בית־המקדש,
ער זאָל זיי זיין אַ וואָרנונג און אַ שרעקבילד,
און אויך די גבורה פונעם קעניגס וואָפן
צעברעכן וועלן די עקשנות פון יהודה.
די אימה, ווי די שווערד, זאָל שטיין פאַר אירע תושבים.
זאָל גלייך דער קעניג, אונדזער האַר, באַפעלן

אַן אָפּטײלונג באַוואָפנטע סאָלדאַטן
אַרײַנמאַרשירן אין דער פעסטונג אַקראַ
מיט פּאַנצערן, מיט קאַסקעס און כלי־זין.
דער עולם זאָל זײ זען און מורא קריגן.
דער עיקר, די סאָלדאַטן זאָלן גײן און גײן,
ס׳זאָל אויסזען, אַז זײ זענען אָן אַ שיעור,
און בלאַנקען זאָל דאָס וואָפן און די פּאַנצערס.
וואָס מער עס בלאַנקט, אַלץ גרעסער איז די אימה.
דעם עולם שרעקט מען אָפּ דערמיט, הע, הע...
ס׳וועט אויך יהודה זײן העלעניש אויב דער קעניג
וועט מיך באַשטימען פאַרן כהן־גדול.

אַנטיאָכוס:

דו ביסט באַשטימט, געטרײַער מענעלאַאוס.

מענעלאַאוס און אַריליוס:

(בוקן זיך טיף, פאַרנעמען זיך אַרויסצוגײן)

אַנטיאָכוס:

וואַרט צו, וואַרט צו, פאַרבלײַבט, ס׳איז נאָך נישט אַלצדינג.
(ווײַזט אַריליוסן עטרהס שלײַער־טוך)
איז אפשר דיר באַקאַנט דאָס טוך, אַריליוס?

אַריליוס:

(באַקוקט דאָס טוך. אַנטשלאָסן)
לגמרי נישט. מיר אומבאַקאַנט אינגאַנצן.

אַנטיאָכוס:

דאָס איז דײַן טאָכטערס שלײַער־טוך...

אַריליוס און מענעלאַאוס:

עטרהס?

אַנטיאָכוס:

און ווילט איר וויסן ווי עס קומט צו מיר?

מענעלאַאוס און אַריליוס:

נו?

אַנטיאָכוס:

ס׳האָבן מיר געבראַכט דאָס מיינע זעלנער,
זיי, ווען זי האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן
ביים אויפשטעלן פאַר צעאוס אַ מזבח.

(צו אַריליוסן, אַנווייזנדיק אויפן טוך)

דערקענסט דאָס נישט?

אַריליוס:

ווי קום איך דען, מיין האַר,
צו קענען אַלצדינג פון איר פרויען־קליידונג?
כ׳זאָל אַכטונג געבן אויף אַ טוך? צי דען
בין איך אַ פרויענצימער, כ׳זאָל זיך מישן?

אַנטיאָכוס:

(ווייזט אויף אַ ראַנד פון טוך)

וואָס איז דאָס פאַר אַ צייכנס אויסגעהאָפטן?

(אַריליוס און מענעלאַאוס באַקוקן דאָס טוך)

מענעלאַאוס:

דאָס זענען ראשי־תיבות, האַר: „יוד״ „מם״.

אַנטיאָכוס:

וואָס זאָלן זיי באַדייטן? אפשר גאָר
דער נאָמען פון אַ חתן צי געליבטן?
מען זאָגט, זי האָט צו טון מיט די גזלנים
פון אַלטן מתתיהו.

אַריליוס:

וואָס, מיין טאָכטער?
איך גלויב עס נישט... נאָר אפשר, ווער קאָן וויסן
פון אַלע אירע דרכים די געהיימע.

אָפּט קומט זי נישט אַהיים, ווייל מיט מיין ווייב,
איר שטיפמוטער, איז זי נישט גאָר בשלום.

אַנטיאָכוס:

אַזוי... דו ווייסט נישט, זאָגסטו מיר... אַריליוס,
דו וועסט עס מוזן וויסן פון היינט אָן!
כ׳נעם דיינע גיטער און פאַרמעגן פאַר משכנות
אויב זי וועט זיך נישט אָפּגעפינען תיכף.
האָסט דריי מעת־לעת צו זוכן!...

אַריליוס:

געטער מיינע!
עטרה איז דאָך נישט קיין קינד, צי קאָן איך
דען ערוב זיין פאַר אירע גענג און מעשים?

מענעלאַאוס:

(גיט אַ צייכן אַריליוסן, ער זאָל נישט רעדן אַזוי שאַרף. צו אַנטיאָכוסן פשרותדיק)

נישט בויטיק וואָרענען, מיין האַר. אויב ס׳איז עטרה
אַזאַ, וועט אונדזער פריינט אַליין זי ברענגען...

(גיט אַ צייכן אַריליוסן, ער זאָל שווייגן. קוקט זיך איין אינעם ראַנד פון טוך מיט די ראשי־תיבות, ווי וועלנדיק זיך דערמאָנען און טרעפן)

„יוד" „מם"... „יוד" „מם"... דעם נאָמען מוז איך קענען...

אַנטיאָכוס:

(צו אַריליוסן)

כ׳שיק אויסקוקערס אַרויס, איר נאָכצושפּירן
אויף אַלע מערק און גאַסן. טאָמער קומט זי
אַהיים, גיב תיכף מיר דערפון צו וויסן.

אַריליוס:

זיי זיכער, קעניג.

(וויל נעמען דאָס שלייער־טוך)

זאָל מיר זיין דערלויבט
צו ווייזן איר דאָס טוך ביי מיין פאַרהערן.

8

אַנטיאָכוס:

דאָס בלייבט ביי מיר... ביי מיר... און איך אַליין
וועל איר שוין ווייזן דאָס און זי פאַרהערן!...

(האַלט דאָס טוך ווי אַ דעראָבערונג. גייט אַראָפּ האַסטיק פון טראָן מיט זעלבסטזיכערקייט און טריאומף)

ביי מיר!... דאָס וועט מיך פירן אויף די שפורן
פון מיין פאַרשווערערין און שיינער יונגפרוי
און פון די רויבער, די באַשיצער אירע!

(מיט כעס)

זי האָט געוואַגט מיין מאַכט און רום צו שטערן!

(צו די געטער־סטאַטועס)

אומשטערבלעכע! זי האָט אייך ווידערשפעניקט, —
דאָס ווידערשפעניקן זיי מיך כסדר!
דו צעאוס, גאָט אַלמעכטיקער פון געטער,
דורך דיר וועל איך זיי זיין אַ שרעק און וואָרנונג
אין טעמפּל זייערן, אין זייער בית־המקדש!
באַפעלן גיב איך גלייך די הויפטלייט מיינע.

(צו אַריליוסן און מענעלאַאוסן)

וואָס שטייט איר?! כ'האָב אייך דריי מעת־לעת געגעבן!...

(לאָזט זיך אַוועקגיין שנעל און האַסטיק. אין דער זעלבער צייט לאָזן זיך אַוועק אין אַן אַנדערער ריכטונג מענעלאַאוס און אַריליוס. אַנטיאָכוס אַרויסגייענדיק)

זי האָט געוואַגט מיין מאַכט און רום צו שטערן!...

●

בילד צוויי

אין די בערג פון יהודה. מיט זייטנשטעגן און באַרגשפּאַלטן קומען אַן פּליטים און פּליטות.

פּליטים און פּליטות:

(זינגען)

דורך טאָל, דורך באַרג און פעלדזן,
מיר ציען מיד און שווער.
דער דורשט אויף אונדזער גומען,
אין אונדזער אויג די טרער.
מיט זעק און שטויב אויף לענדן,
די קעפּ אין אַש און בראָך,
אַבי נישט טראָגן קיינמאָל
די בושה און דעם יאָך.

אוי, וויין, ירושלים!
דיין פּראַכט איז היינט פאַרמיאוסט,
און דיינע הייליקטימער
צעטראָטן און פאַרוויסט.
געגליכן צו אַ שקלאַפין
ביסטו, געליבטע שטאָט,
געבליבן ביסט אויף הפקר
און אויפן פיינטס באַראָט.

מיר קאָנען מיטן אכזר
נישט הויזן מער צוזאַם,
ער וויל מיט שווערד און פייער
פאַרלענדן אונדזער שטאַם.
דרום האָבן מיר געזעגנט
דעם אַקער און די צוואַנג.
אַליין אין בית־המקדש
די האַרפע יאָמערט באַנג.

מיר האָבן אונדזער ווינאָרט
פאַרלאָזט מיט קינד און רינד.
אויף אַלע וועגן וואָגלט
ישראלס הויזגעזינד.
אַוועק, אַוועק וואָס ווייטער
פון רשע און זיין גזר —
מיר וועלן זיך נישט בוקן
צום אָפּגאָט און צום האַר.

(אויף דער בינע בלייבן עטלעכע פון די אָנגעקומענע פליטים און פליטות, מידע פון וועג. מאַנכע צעזעצן זיך אויפן באָדן. צווישן זיי — דער זקן אליעזר)

אַ פּליט:

געלויבט צו גאָט, אַז מ׳איז שוין אָנגעקומען...

אַ פּליטה:

קוקט־אָן אַ וויסטעניש, בלויז בערג און פעלדזן.
און ווי דער האַרטער פעלדז, וועט זיין מסתמא
געננוג דאָס לעבן אונדזערס האַרט און שווער.

דער זקן אליעזר:

דו זינדיקסט, אשה, מיט די רייד, דו זינדיקסט.
זאָג כאָטש אַ לויב צו גאָט וואָס דו געפינסט זיך דאָ,
און נאָך אַמאָל פאַרשעם נישט זיינע פעלדזן.

צי דען געהערט נישט יעדער פעלדז צו זיין באַשאַף?
צי האָט ער דען נישט אין ששת ימי בראשית
מיט יעדן שטיינדעלע זיך אָפּגעגעבן?

אַ פּליטה:

ס'איז וואָר, נאָר וואָס דערלאָזט ער, גאָט אין הימל,
אַז מאַכן זאָל מען איצט פון זיינע שטיינער
מזבחות פאַרן מיאוסן אָפּגאָט צעאוס,
צי אין די פעלדזן, וואָס ער האָט באַשאַפן,
צו לאָזן קינדער־קעפּלעך יידישע צעפּלעטן,
(זי ווייזט־אָן אויף אַן עופּהלע, וואָס עס טראָגט אַ פּליטה)
אומשולדיקע, אַזעלכע־אָ... אוי ווי מיר,
איך זאָל נישט זינדיקן מיט מיינע רייד.

דער זקן אליעזר:

באַדענק זיך וואָס דו רעדסט גאָר, אשה. זינדיקסט.
אַ גאָטספאָרכטיקער ייד באַדאַרף אַזוי נישט פרעגן.
ווי דער באַשעפער טוט, מסתם דאַרף זיין אַזוי,
און קיינער דאַרף אים נישט קיין דעה זאָגן.

פּליטה מיטן קינד אויף דער האַנט:

נאַט זעט, איר האָט מיר אויפגעוועקט דאָס קינד,
דאָס האָט איר אויפגעטון מיט דעם גערודער.
(קינד וויינט)
נו, שאַ, מיין ייִנגעלע, דיין מאַמע האַלט דיך
און נישט דער רשע, שאַ... יהודה המכבי
וועט ברענגען דיר אַ שפּילעכל פון שלאַכט.
וועסט זען, ס'וועט אַרום דיר דער אָדלער קרייזן,
דיר אויף דיין קעפּעלע אַ ברכה ברענגען;
דיין וויגעלע וועט זיין דער פעלדזן־שפּאַלט,
די ווינטן וועלן דיך צום שלאָף פאַרוויגן,
אַבי זאָלסט נישט באַדאַרפן וואַקסן אונטן
אַ מיאוסער געצנדינער און אַ שקלאַף.

ווערסט מאָרגן אַלט אַ וואָך, מיין שיינער בחור,
און ווערסט געמלהט צו דער צייט. וואָס פעלט דיר?
וואָס דאַרפסטו נאָך? פאַרוואָס־זשע זאָלסטו וויינען?

אַ פּליט:

מען זאָגט, אַז פאַרן טויט האָט מתתיהו
באַשטימט פאַר קינדער אין די בערג אַ מוהל
פאַר ניי־געבוירענע, און אַז מען רופט אים
דער מוהל פון דער ווידערשפּעניקייט...

דער מוהל:

(קומט־אָן, ציט אַרויס דאָס מעסער פון זיין גאַרטל)

אָט בין איך דאָ, מען זאָל מיך נאָר באַדאַרפן,
דאָס פאָלק זאָל נאָר זיך פּרוכפּערן און מערן.

(רופט אויס)

ווער דאַרף עפּעס?

פּליטה מיטן קינד:

דער ברית געפאַלט אויף מאָרגן.

דער מוהל:

מיין מעסער האָט נישט ליב צו וואַרטן, לויט זיין טבע,
ער קאָן נישט איינרוען, פאַרשטעקט ביי מיר אין גאַרטל.
דער פאָטער מתתיהו פאַר זיין שטאַרבן
געגעבן האָט אַ היתר פאַר מיין חלף,
ער זאָל, חוץ מלה זיין, אויך מעגן אין אַ בויט־פאַל,
די מערדער ממיתן און די רשעים
און ס׳זאָל אויף אים נישט בלייבן קיין פּגימה...

(ווייזט אויפן מעסער)

וועל איך מיט אים אַ בונד מיט גאָט פאַרשניידן
און שניידן אויך מיט אים די רוצחים און העלענער.

(פויזע)

איי, וואָסערע נגישות און אכזריות
זיי טוען אָן די קינדער פון ישראל...

אַ פּליט:

פאַרברענען פאַרמעטן מיט אונדזערע געבאָטן.

אַ צווייטער:

און נעמען צו פון מויל דעם לעצטן ביסן.

אַ פּליטה:

און נעמען צו די כלות ביי חתנים.

דער זקן אליעזר:

איי, ברענען וועט מען זיי און בראָטן אין גיהנום
און אויך די יידישע העלענער, די פאַרעטער,
וואָס העלפן צו דעם רשע.

ערשטער פּליט:

די יחסנים,
די פּני, די יידישע עשירים און די שררות...

צווייטער פּליט:

פון אונדזערע מנהגים ווייכן זיי, אַנטלויפן.

דער זקן אליעזר:

זיי לייקענען אין גאָט דעם איינציקן, גערעכטן.

דריטער פּליט:

פון אונדזער לשון שפּעטן זיי און לאַכן.

ערשטער פּליט:

זיי שטייט נישט אָן צו רעדן ס'זעלבע לשון
וואָס מיר...

פּליטה מיטן קינד:

פאַר שווילטאָג איז דאָס אַלץ, פאַר שווילטאָג...

דער זקן אליעזר:

וואָס דאַרפן זיי דען האָבן אַ געֶרעכטן גאָט?
זיי דאַרפן אַ שטיק האָלץ, אַ געץ, אַן אָפּגאָט,
וואָס זאָל נישט קאָנען קוקן זיי אויף די ידים;
נישט קאָנען שטראָפן זיי פאַר זייערע גזילות,
פאַר אָנטון צרות ביטערע און עוולות
צו אונדז, די פשוטע און פראָסטע לייט.

ערשטער פּליט:

יהודה, אונדזער גואל, וועט זיי גאָרנישט שענקען.
נישט שענקען מענעלאַאוסן פאַר זיין באַרויבן
דעם אוצר פון די אָרעמע אין בית־המקדש.
אַזאַ מין זאַך, אַזאַ מין זאַך גאָר אָפּטון...

צווייטער פּליט:

דאָס איז נאָך קיינמאָל נישט געהערט געוואָרן...

דריטער פּליט:

דער שרץ טוט דאָס אַלץ כדי געפינען
לייטזעליקייט און חן ביי אַנטיאָכוס רשע
און צו געפינען טאַקע אויך אין איינוועגס
מיט וואָס צו צאָלן אים די צינזן פון יהודה.

דער מוהל:

איך פיל, רבותי, ווי מיין מוהל־מעסער
קאָן מער נישט איינרוען ביי מיר אין גאַרטל!

צווייטער פּליט:

יהודה מוז עס וויסן!

עטלעכע:

צו יהודהן!

(עס קומט־אָן הולדה)

אַ שטים:

אָט איז זי, חולדה...

אַלע:

פיר אונדז צו יהודהן!

חולדה:

איך פיר אייך באַלד...

אַ פּליטה:

(הערט זיך איין)

מיר דאַכט, איך הער עטרהן...

(אַלע הערן זיך איין. עס דערט־אָגט זיך פון ווייטן עטרהס זינגענדיקע שטים)

צווייטע פּליטה:

איך זאָג אייך, יידן, כ׳קאָן דאָס נישט באַנעמען:
עטרה, ס׳טעכטערל פון גביר אַריליוס,
זאָל זיין מיט אונדז, די אָרעמע און טרייע יידן.

ערשטע פּליטה:

(אַלע הערן זיך איין. עס דערטראָגט זיך פון ווייטן עטרהס זינגענדיקע
ווי מיינסטו, חולדה?

חולדה:

כ׳ווייס נישט, פרעגט יהודהן...
קיין אַנדער דאגה האָט איר שוין נישט איצטער.
וואָס האָט איר נישט אַהערגעבראַכט די מאַנסלייט,
די מענער אייערע?

צווייטע פּליטה:

זיי קומען תיכף.

(פויזע)

נאָר מאַנסלייט גיב איר, נאָר די מענער דאַרף זי...
האָסט אויך געקאָנט יהודהן ווילגעפעלן,
ביסט שיין אויפן געזיכט און אויפן אויסזען...

חולדה:

איך וויל די חכמות אײַערע נישט הערן.
קומט, לאָמיר גיין. איך פיר אײַך צו יהודהן.

אַלע:

(אָפּגייענדיק)

צו יהודהן, צו יהודהן, צו יהודהן!

(אַלע אָפּ. עטרה קומט אָן, זעצט זיך צו אויף אַ פעלדזן־שטיין)

עטרה:

(זינגט)

איך האָב פון זיך אַראָפּגעוואָרפן
עשירות, אוצרות, גלאַנץ פון גאָלד,
און פון מיין האַלדז דעם צירונג־האַלדזבאַנד —
אוי, האַלדז מיך דו, וואָס האָסט מיך האָלט.

אַך, ווי קאָן איך דען צירונג טראָגן
ווען ס׳טראָגט דאָס פאָלק די שקלאַפן־קייט;
ווען ס׳טראָגט אויף זיך ירושלים
אַ זאַק מיט אַש, אַנשטאָט אַ קלייד.

איך האָב מיין בעט פאַרטוישט אויף שטיינער,
פּאַלייען — אויף אַ פראָסט געצעלט,
אין שוואַרצער הייל, מיט מיין באַשערטן,
אוי, ליכטיק וועט מיר זיין מיין וועלט.

איך וועל צום אָפּגאָט זיך נישט בוקן —
צום ליבסטן בוייגן כ׳וועל מיין קאָפּ,
די שווערד באַ זייט, ווי שענסטע צירונג —
צוזאַמען וועלן מיר אין שלאַכט אַראָפּ.

יהודה:

(קומט אָן)

עטרה! כ׳האָב דערהערט דיך נאָך פון ווייטן!
ס׳דערטראָגט צו מיין געהער אַ יעדער פעלדז

די שיינקייט פון דיין קול און די מתיקות.
אָ, זע ווי אַלצדינג פרייט זיך מיט דיין קומען,
דער מינדסטער קוסט און דאָרן בייגט זיך אָן
צו דיר אין ליבשאַפט, אָפּשיי און אין שמחה.

עטרה:

און דו?

יהודה:

איך אויך! און טאַקע מער פון אַלעם!
הגם אַ וואָך נישט מער איז פון מיין פאָטערס טויט
און ס'הויערט נאָך דער צער אויף מיין נשמה,
ווערט פול מיין האַרץ מיט פרייד ווען איך דערזע דיך.
ווי אַלץ באַגעגנט דיך מיט גרויס התלהבות,
מיט מיר בראש. און העכער נאָך פון אַלץ און אַלע —
איך זאָג צו דיר: זאָל זיין געבענטשט דיין אָנקום!

עטרה:

יהודה! ליבסטער מיינער, פון גאָר ווייט
דערזע איך דיך. די שיין פון דיינע אויגן
און אויך דער בלענד פון דיין גבורה־שווערד
דערגרייכן מיך ווו כ'זאָל זיך נישט געפינען;
זיי זענען מיר אַ ליכטיקייט אויף אַלע וועגן
און אויך אַ טרייסט אין צייטן פון סכנה.
דו זאָגסט, אַז אַלצדינג פרייט זיך מיט מיין קומען.
דאָס פרייט מיך גאָר. נאָר איך, איך זע גאַנץ אָפּט:
נישט אַלע פרייען זיך. די לייט פון אונטן
וואָס קומען זוכן דאָ אַ מקום־מקלט
און די, וואָס גרייטן זיך צום שווערד און פייל־און־בויגן,
מיר קוקן נאָך מיט האָס פאַרשטעלטן. און אויך חולדה,
זי רעדט צו מיר ווי צו אַ פרעמדער, צו אַ שונא.
ווער בין איך, פרעג איך זיך, און ווו באַלאַנג איך?
עס קוקט אויף מיר מיין פאָטערס הויז מיט חשד,
מיט שטראָף־רייד און מיט מוסר, ווייל איך ווייך עס,

און ס׳קוקט דער באַרג אויף מיר מיט אומפאַרטרויען
ווי אויף דער טאָכטער פון אַריליוס דעם העלענער;
עס קוקט דער באַרג מיט רוגזה און פאַראַכטונג
ווי כ׳וואָלט זיך גאָרנישט אָנגעקערט מיט אים
און נישט באַלאַנגט צו אים מיט לייב־און־לעבן.

יהודה:

פון מענטשן־שנאה מאַך זיך נישט קיין צער.
איך ווייס ווי טריי עס איז דיין האַרץ און ערלעך,
און דאָס דאַרף זיין פאַר דיר דער סאַמע עיקר.
דו זאָלסט נישט דאגהן זיך ווי ס׳קוקט אויף דיר
דיין פאָטערס הויז פון רייכטום און בגידה
און ווי עס קוקט אויף דיר דער באַרג פון רעטונג.
צי איז דיר ווינציק ווי אַזוי איך קוק אויף דיר?
איך גלויב, אַז חולדה האָט נישט פיינט אין דיר
די טאָכטער פון אַריליוס דעם העלענער,
נאָר גיכער די באַשערטע פון יהודהן.
איין פרוי דער אַנדערער פאַרגינט נישט, ווי דער שטייגער,
און נישט אומזיסט געזאָגט האָט שלמה אונדזער מלך,
אַז צווישן טויזנט ווייסטו נישט געפינען
קיין איינע נישט קיין לייטישע און רעכטע...

עטרה:

און איך?

יהודה:

דו ביסט די ערשטע נאָך די טויזנט...

(פויזע)

איך האָב געשפּאַסט, נאָר איצט איז נישט, עטרה,
די צייט פאַר שפּאַס. עס רופט אונדז די אחריות...

עטרה:

איך ווייס, איך ווייס...

יהודה:

דאָס פאָלק איז אויפגעצאָרנט
צוליב דער שאַנד און רויב אין בית־המקדש,
עס רופט מיך ס'פאָלק צו שטראָף און צו נקמה.
און בלויז אין שלאַכט קאָן איך די שטראָף דערגרייכן.
אין די פאַרטרויטע אָפּגעשפּאָרטע פּרוטות
אין אוצר פון די אָרעמע אין בית־המקדש
געלעגן איז די מי פון דאָרפסלייט און געזעלן,
די האָפענונגען פון אלמנות און יתומים
און טרוים פון כלה־מיידלעך און חתנים.
כ'זאָג צו, עס וועט נישט זיין געשענקט, עטרה!

עטרה:

ס'דאַרף יעדע פּרוטה ווערן אויפגעמאָנט.
צו מענעלאַאוסן און זיינע גרויסע האַרן
באַדאַרף מען רעדן גאָר די שאַרפסטע רייד.

יהודה:

ווער קען נאָך רעדן אַזוי שאַרף, עטרה,
ווי אונדזער שווערד!... אַמבעסטן, גלויב מיר, רעדט זי
צום האַרץ פון די רשעים און פאַרעטער!
איך וועל זי מאָרגן געבן זיי צו פילן,
באַצאָלן זיי פאַר אַלץ. מען האָט דערוווסט זיך,
זיי האָבן אונדז בדעה מאָרגן צו באַפאַלן...

עטרה:

ווי שיין דו רעדסט, יהודה, ליבסטער מיינער.
ס'איז שאַרף דיין צונג ווי שאַרף עס איז דיין שווערד.
ס'מעג ציטערן באַצייטנס אַנטיאָכוס
פאַר דיין גבורהדיקן אויסגעשטרעקטן אָרעם
אַפילו איצטער ווען דו וואָלסט באַדאַרפט
אין טרויער רוען נאָך דיין פאָטערס טויט.

יהודה:

ווי קאָן איך זיצן איצטער אין מיין טרויער
פאַרזונקען, ווען מיך דאַרף דאָס פאָלק, דער ציבור?
אַליין מיין פאָטער וואָלט אין קבר נישט געהאַט
קיין רו, ווען איך זאָל רוען צוליב אים
אין צייט פון שלאַכטן, און דורך אָט־דער רו
די שונאים געבן רו. מיין פאָטער קאָן איך
בלויז מיט מיין שווערד און פייל אין קאַמף באַערן.
געוועזן זיין צוואה איז צו מיר:
זאָלסט קיינמאָל נישט קיין רו דעם שונא געבן,
סיי ווען ער גייט באַפאַלן דיך, סיי ווען ער רוט,
סיי ווען ער הוליעט פרעך אין לוסטיקע תענוגים;
זיי וואַך! זאָל ער אין ערגעץ דיך נישט זען,
נאָר שפירן זאָל ער, דו ביסט אומעטום פאַראַנען
און פאָרכטן זאָל ער טאָג און נאַכט אַפילו
פאַר יעדן שטיין, פאַר יעדן בוים און קרייטער.
צופרידן וואָלט געוועזן פון מיין טרויער
דיין פאָטערס הויז.

עטרה:

ווי אַנדערע, זיינס גלייכן.

יהודה:

זיי פאָרזיכטיק, עטרה, היט זיך אויס
מען זאָל נישט וויסן דאָרט פון דיינע דרכים.

עטרה:

מיר שיינט, זיי ווייסן נישט ביז איצטער, נאָר...

יהודה:

וואָס נאָר?...

עטרה:

כ׳מיין, גאָר׳נישט...

יהודה:

וואָס ביסטו באַטריבט?
וואָס איז דער מער מיט דיר? דערציילֿ, עטרה.

עטרה:

ס'האָט נישט קיין שייכות מיט מיין פאָטערס הויז.
ס'איז גאָר פון דיין מתנה דער געשעצטער,
פון שלייער־טוך... איך קלער גאַנץ אָפּט, צי דאָס
וואָס איך האָב עס פאַרלוירן, קאָן נישט זיין
אַ שלעכטער סימן גאָר פאַר אונדזער בונד פון ליבע...

יהודה:

הער־אויף און מאַך זיך נישט קיין צער דערוועגן.
ס'האָט צוגענומען ס'טוך דער זעלנער, בייערט
די ליבע אונדזערע פאַרבלייבט אין האַרצן.
וואָס מיינסטו האָט געטון דער פרעכער זעלנער
מיט מיין מתנה, מיטן טוך? מסתמא
האָט ער דערמיט געגרויסט זיך פאַר זיין מויד,
די ראשי־תיבות מיינע אויסגעריסן
און איר דערנאָך דאָס טוך אַוועקגעגעבן.

עטרה:

מער גאָרנישט, מיינסטו?

יהודה:

גאָרנישט מער... עטרה...
וואָס פרעגסטו מיך דען אַזויפיל דערוועגן?
כ'הויב אויך שוין אָן אין דעם אַריינצוקלערן...
צי האָסטו עפּעס וועגן דעם פאַרבאָרגנס
און דו באַהאַלטסט עס אויס פאַר מיר, עטרה?

עטרה:

איך וועל דערציילן דיר דעם גאַנצן אמת.
אַ בייזער חלום האָט זיך מיר געחלומט:

אַן אָפּגאָט, אַ פּאַרזעניש אַ מיאוסער
האָט מיר דאָס שלייער־טוך געבראַכט און פּלוצים
פאַרוויקלט ער מיט אים מיין האַלדז און שטיקט מיך.
יהודה! — שריי איך מיט די לעצטע כוחות —
דאָס שלייער־טוך! דאָס שלייער־טוך! יהודה!... —
דאָס ערגסטע פון דעם חלום איז געווען —
מיין פאָטער וועקט מיך אויף און פרעגט: עטרה,
וואָס פאַר אַ שלייער־טוך און וואָס פאַר אַ יהודה?!...

(עס קומען אַן די פּליטים און פּליטות, חולדה, דער מוהל, דער זקן אליעזר, און יהודהס ברידער: יונתן, יוחנן, שמעון און אליעזר)

שטימען:

גערטראָפן צו יהודהן!
צו יהודהן!

אַ פרוי:

אַבי מען זעט יהודהן!

אַ צווייטע פרוי:

אַז איך זע אים,
יהודהן, ווערט מיר לייכטער אויפן האַרצן.

אַ דריטע פרוי:

יהודה, רעטער אונדזערער, הער צו,
באַרויבטע זענען מיר פון בית־המקדש.

אַ צווייטע פרוי:

יהודה, זע ס׳זאָל תיכף מענעלאַאוס
דאָס האָב און גוטס אונדז אומקערן, באַצאָלן.

יהודה:

באַרויבט איז איצטער יעדער ייד, וואָס וויל
נישט אָפּקערן פון גאָט, פון פאָלק און פרייהייט.
צי מענעלאַאוס וועט אייך אומקערן, באַצאָלן
דאָס האָב־און־גוטס, דאָס געלט, בין איך מסופק,

נאָר אַז באַצאָלן אים וועל איך, דאָס שווער איך
ביי אָט דער שווערד, וואָס כ׳האָב אין קאַמף דערוואָרבן
ביי אַפּאָלאָניוסן דעם אויבערהאַר און שררה.
איך שווער, ווי כ׳האָב מיין פאָטער צוגעשווירן
ווען כ׳האָב צום לעצטן מאָל, מיט מיינע ברידער,
באַגלייט אים צו זיין רו קיין מודיעין.

(הייטערקייט און התלהבות צווישן די פאַרזאַמלטע)

אַלע:

יהודה אונדזער טרייסט און אונדזער רעטער!

עטלעכע פרויען:

יהודה, אונדזער האָפענונג און גלויבן!

יהודה:

וואָס פירט איר נישט אַהער די מאַנסלייט, פרויען?

אַ פרוי:

זיי וועלן קומען צו דערצייט מסתמא.

יהודה:

כ׳זע ווינציק מאַנצבילן. וואָס וואַרטן זיי נאָך?
עס זאָל זיי אויספאַנגען דער רשע אַנטיאָכוס?
צי אפשר גלויבט נאָך ווער זיין דינער מענעלאַאוס
און נאַרן נאַרט אים גאָר זיין נאָמען כהן־גדול?

אַ פרוי:

ביז איצטער פלעגט מען הערן נאָך פון לייטן:
ס׳איז זיכער מענעלאַאוס נישט דאָס זעלבע
וואָס אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס רשע,
ס׳שלאָגט פאָרט אין מענעלאַאוסן אַ יידיש אָדער,
בלויז ער איז זיך מתעסק מיטן בית־המקדש, —
ביז...

יהודה:

(רייסט איבער)

מענעלאַאוס האָט זיך אָנגעהויבן בלויז
מתעסק זיין מיט די פּאַרטרויטע געלטער
אין אוצר פון אלמנות און יתומים...

אַלע:

(התלהבותדיק)

יהודה, אונדזער ליכט און אונדזער חכמה!
יהודה, אונדזער אויסגעשטרעקטער אָרעם!

(צדיקת חנה קומט אָן ראַפּטום, פאַרברעכט די הענט אין גרויס צער,
אַלע איבעראַשט און שווער געטראָפן צוליב איר מצב)

חנה:

אַן אומגליק, יידן, וויינט און קלאָגט, אַן אומגליק!

(פאַלט מיטן פנים צו דער ערד)

יהודה:

וואָס האָט אַזוינס פּאַסירט, צדיקת חנה?!

חנה:

(אונטערגעהויבן דורך עטרהן, חולדהן, און אַנדערע פרויען)

דער אָפּגאָט צעאוס אינעם בית־המקדש!

אַלע:

וויי, וויי, דער אָפּגאָט אינעם בית־המקדש.

(חנה פאַלט ווידער צו דרערד)

דער זקן אליעזר:

וואָס כ'האָב דערלעבט אויף מיינע אַלטע יאָרן.
וויינט, יידן, וויינט און קלאָגט און פאַסט תעניתים.

שמעון:

איך דענק, אַז בעסער איז צו גיין זיך שלאָגן
אַ זאַטער און נישט אויסגעשעפּט פון פאַסטן...

דער זקן אליעזר:

ווײ, ווײ, דער אָפּגאָט אינעם בית־המקדש...

יונתן:

דעם אוצר פון די אָרעמע אַרויסגענומען,
אַרײנגעשטעלט דערפאַר דעם אָפּגאָט צעאוס...

שמעון:

— מיר קאָנען דאָס נישט מער אַריבערטראָגן!
— מיר קאָנען דאָס נישט שווײַגן מער, יהודה!

יהודה:

מיר װעלן דאָס נישט שווײַגן, ברידער מײַנע.
(צו חנהן וואָס ליגט אויף דרערד)
שטײ אויף, שטײ אויף, צדיקת חנה! איצטער
איז נישט די צײַט פון נידערן אין יאָמער.
עס איז די צײַט פון אויפשטײן! קער זיך אום
און ברענג מיר דײַנע זיבן זין צו אונדזער מחנה.

חנה:

איך גײ און ברענג זײ גלײַך.

יהודה:

און װער עס װיל נאָר
זאָל גײן און רופן אַלעמען צום װאָפן.

דער זקן אליעזר:

איך, איך װעל גײן, יהודה, און װעל רופן.
און אויב עס איז באַשערט מיר אַ סכנה,
בין איך שוין אַלט, זאָל בעסער מיך דאָס טרעפן.

יהודה:

מײַן אָפּשײ פאַר דעם חסד, אליעזר.

(אָפּגײיענדיק אין אַ זײַט מיט זײַנע ברידער, מיט עטרהן, חולדהן
און מיטן מוהל)

חוץ מונטערן דאָס פאָלק באַדאַרף מען אויך
אַ טרייען מענטש, וואָס זאָל ביים שונא זיין
אַן אויסקוקער, זאָל מיט געניטשאַפט פאָרשן
ווי שטאַרק עס איז דער פיינט און וויפל ציילט ער,
וווּ שטייט ער און אין וועלכע זייטן ציט ער.
איז עמעץ גרייט צו גיין פון גוטן ווילן?

עטרה:

איך.

חולדה:

איך.

שטימען:

— איך
— איך.

עטרה:

(צו יהודהן)

איך האָב געזאָגט די ערשטע.

יהודה:

(שוויגט אַ ווײַלע ווי אין פאַרלעגנהייט. אַנטשלאָסן)

איז גוט, עטרה, גיי און זיי מצליח.

עטרה:

(צו יהודהן)

כ'וועל אויסקוקן דעם פיינט און קודם־כל
מיין פאָטערס הויז, וווּהין עס קומט כסדר
דעם קעניגס טרייער דינער מענעלאַאוס.
כ'האָב נעכטן זיך דערוווּסט, אַז ביי מיין פאָטער
האָט ער אַ שפייכלער עסן איינגעהאַנדלט
פאַר די סאָלדאַטן פונעם קעניג אַנטיאָכוס.
מיר דאַרפן זען באַצייטנס, אַז די שפייז
זאָל עסן מיט הנאה אונדזער חייל.

יהודה:

עטרה, ווּעסטו טאַקע קאָנען שלעכטס פֿון
דיין פֿאָטערס הויז אָן מינדעסטער חרטה?

עטרה:

דאָס שלעכטס, וואָס ווערט געטון צוליב דעם גוטן,
איז גוט און איז נישט מער קיין שלעכטס במילא.

יהודה:

מען קאָן פֿאַרטרויען דיר שליחותן, עטרה.
(צו אַלע אַרומיקע)
און אַלע איר געטרייע קעמפֿער מיינע,
באַווייזט עס אויך מיט גבורה ווי עטרה,
זאָל אייער וואָפֿן זיין געגרייט אויף מאָרגן.
(אַלגעמיינע התלהבות און האָפֿערדיקייט)

אַלע:

יהודה, אונדזער האָפֿענונג און גלויבן!

דער זקן אליעזר:

דערבאַרעם זיך, יהודה, און געדענק,
ס׳איז שבת באַלד. מיט דיין מלחמה־פֿירונג
ווּעסטו מחלל שבת זיין, חלילה.

יהודה:

מיין פֿאָטער מתתיהו איז געווען
מוּתּר אויפֿן שבת און ער האָט געבאָטן:
אויך גאָט אַליין וועט מוחל זיין דעם חטא.
אויב וועט איר נידערן צו דרערד דאָס וואָפֿן
וועט אייך אום שבת מנצח זיין דער שונא,
פֿאַרטיליקן אויף שטענדיק, ס׳זאָל נישט בלייבן
קיין איינציק נפֿש אויף צו דינען גאָט און היטן
זיין שבת. און צי שלאָגט זיך נישט דער קריגער
אויך פֿאַר זיין שבת און פֿאַר אַלע טעג און יאָרן?!

(צו חנהן)

שטיי אויף, צדיקת חנה, פון דער ערד
און צינד אַ פייער אָן לכבוד שבת!
זאָל זיין דאָס ליכט אַ צייכן פאַר יהודה!

(חנה הייבט זיך אויף און צינדט־אָן אַ פייער)

און בענטש דאָס ליכט און בענטש אונדז דאָס כלי־זין!

(דאָס פייער ווערט העלער און גרעסער)

און איצט זאָל יעדן איינעם זיין באַוווסט:
ווער גאָט אין האַרצן האָט און אין דער האַנט
אַ שווערד, אַ שפּיז, אַ בויגן צי אַפילו
אַ האַק, אַ שטאַנג, אַן אייזן, דער זאָל גרייט זיין!
באַגינען גייען מיר זיך שלאָגן מיטן שונא.
אַקעגן גייט אים, שולטער ביי אַ שולטער,
ווי מענער מיט נקמה־לוסט און גבורה.
און ווען איר טרעפט אים אָן, געדענקט כסדר
די עופּהלעך צעשיידטע פון די מוטערס,
געליבטע שוועסטער אונדזערע פאַרשעמטע,
געדענקט די הייליקייטן די פאַרשוועכטע,
די שאַנד און שמאַך און חלול פון ישראל,
און שאַלט אַ שאַלונג הויך אין אַלע שופרות.
די שלאַכט באַגינט! צום וואָפן, ברידער מיינע!

(שופרות שאַלן. דאָס ליכט ווערט העלער און העלער)

אַלע:

(אויפהויבנדיק הענט און כלי־זין)

יהודה, אונדזער אויסגעשטרעקטער אָרעם!
יהודה, אונדזער גואל, אונדזער רעטער!

בילד דריי

אין הויז פון אַריליוסן. לינקס אַ טעראַסע. אויף דער טעראַסע — יינגלעך און מיידלעך, וואָס פלעכטן בלומען־קראַנצן פאַרן גאָט פון ווײַן און שיכרות, באַקכוס. לעבן זיי — דער קנעכט אַזאַר, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט צוברענגען קערב בלומען. ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, הערט מען זינגען די מיידלעך און יינגלעך, אויפגעלייגט און לוסטיק־צעלאָזט צוליב דעם מאָרגנדיקן יום־טוב לכבוד דעם גאָט באַקכוס.

געזאַנג פון די יינגלעך און מיידלעך:

די בלום ווערט אויסגעריסן,
דעם דאָרן לאָזט מען שטיין,
מיר פלעכטן בלומען־קראַנצן
פאַר אונדזער גאָט פון ווײַן.
אַ יום־טוב וועט דאָס זיין
פאַר אונדזער גאָט פון ווײַן!
יעהאָוואַ בלויז אין הימל
אַ ניכטערער וועט זיין!...

יעהאָוואַ האָט געשווירן:
ס'וועט מער קיין מבול זיין,
געמיינט האָט ער פון וואַסער,
פון וואַסער — נישט פון ווײַן!
אַ מבול וועט דאָס זיין
פון בראָנפן און פון ווײַן,

ווייל שיכור זיין באַפוילן
האָט אונדזער גאָט פון וויין!

(הייבן זיך אויף, מאַכן אַ ראָד, אַריינציענדיק דעם קנעכט אין דער מיט, כדי צו שפּאָטן פון אים. זינגען ווייטער)

די צונג, מעג זיין ווי שטומפּיק,
ווערט שאַרפער נאָך אַ טרונק,
נאָך משקה שלאָגט זיך בעסער
דעם חשמונאים־יונג.
נאָך משקה שלאָגט זיך פיין!
אַן אָפּן פאַס וועט זיין
דאָס גאַנצע לאַנד יהודה
פאַר אונדזער גאָט פון וויין!

(לאַנגע צעלאָזטע געלעכטערס. עמעץ באַלייגט אין שפּאַס אַזאַרס קאָפּ מיט בלומען־קראַנצן און דערנער)

שטימען:

— אַזאַר, זיי פריילעך, ווי ס'האָט גערן באַקכוס,
דער גאָט פון וויין!
— זיי פריילעך, באַלד איז יום־טוב!

אַזאַר:

מען טאָר נישט חוזק מאַכן פון אַ קנעכט,
פאַרשייטע יונגעלייט... ווי קום איך דען
גאָר פריילעך זיין, אַז טרינקען טרינק איך נישט
דעם וויין פון באַקכוס, אונדזער גאָט פון שיכרות?
מען טאָר נישט חוזק מאַכן פון אַ קנעכט,
עס וועלן אייך די געטער דאָס נישט שענקען...

(די יונגעלייט ענטפערן אויף אַזאַרס רייד מיט שפּאָטישע געלעכטערס, פאַרהילכן אים מיט זייערע קולות. זינגען ווייטער)

די מיידלעך און ייִנגלעך:

אַ יום־טוב וועט דאָס זײַן
פֿאַר אונדזער גאָט פֿון ווײַן!
יעהאָוואַ בלויז אין הימל
אַ ניכטערער וועט זײַן!

(זעצן זיך צוריק אַוועק פֿלעכטן זייערע בלומען־קראַנצן. עס באַ־
ווײַזן זיך אַריליוס און אָרפּילאַ)

אָרפּילאַ:

אַ פֿאַרגעניגן ווי די קינדער מאַכן פֿריילעך.
אין הויז איז הײַנט אַ נחת, געטער זיסע!
(דערהערט קולות פֿון דרויסן)
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טומל דאָרט, אַריליוס?

אַריליוס:

דאָס קומען די קבצנים שוין צו מיר,
איך זאָל זיי טון די טובה און זיי לאָזן
בײַ מיר פֿאַרזעצן זייערע משכּנות.

אָרפּילאַ:

איך וועל דערווײַל אין ווײַנגאָרטן זיך דורכגיין
ביז וואַנען ס'וועט דאָס ערב־רב אַוועק.
זיי קענען אומרײַן מאַכן מיר דאָס הויז,
שפּריץ אויס נאָך זיי מיט רויזנזאַפּט דאָס חדר,
צי הערסטו וואָס איך רעד צו דיר, אַריליוס?
(אַרויסגייענדיק)
פּאַס אויף און קוק זיי שטאַרק אויף די ידים...
(אָפּ)

אַריליוס:

נו, פֿיר זיי שוין אַרײַן, אַזאַר, וואָס שטייסטו?!

(אַזאַר לאָזט אַרײַן עטלעכע אָרעמע ייִדישע פֿרויען)

אַריליוס:

(צו דער ערשטער פרוי)

נו, וואָס פאַרלאַנגסטו, פרוי?

פרוי:

כ׳בין אָן אַ פּרוטה...

וויל איך אויף ברויט דאָס שבת־קלייד פאַרזעצן,

איך דאַרף אויף שבת...

די מיידלעך און יינגלעך:

(מיט שפּאָט און ביטול)

כאַ, כאַ, כאַ, אויף שבת!...

אַזאַר:

מען טאָר פון אָרעמע נישט חוזק מאַכן,

פאַרשייטע יונגעלייט...

אַריליוס:

אַזוי, אויף שבת...

נישטאָ קיין שבת מער!

(באַקוקט דאָס קלייד און וואַרפט עס צוריק דער פרוי מיט גרינגי־שעצונג)

קיין קליידער דאַרף איך נישט,

אויף קליידער האָט מיין שאַצקאַמער קיין אָרט,

אויף גאָלד און זילבער בלויז!...

(פרוי אָפּ אַ פאַרביטערטע. אַריליוס צו דער צווייטער פרוי)

און דו, וואָס האָסטו?

צווייטע פרוי:

כ׳האָב אַ קידושין־פינגערל געבראַכט

פון לויטער גאָלד...

אַריליוס:

דאָס וועל איך זען אַליין.

(באַקוקט דאָס פינגערל, וואַרפט עס ערגעץ אַריין, דערלאַנגט דער פרוי געלט און פאַרצייכנט עפּעס. פרוי אָפּ)

אַריליום:

(צו דער דריטער פרוי)

און וואָס האָסטו?

דריטע פרוי:

איך האָב אַ שלאָפן פּאָטער...

אַריליום:

(רייסט איבער)

דאָס דאַרף איך נישט, דאָס האָט ביי מיר קיין ווערדע.

דריטע פרוי:

איך האָב געבראַכט דאָס קישן פונעם חולה,

ווייל דאַרפן דאַרף איך אַ רפואה־שלמה.

(וויל דערלאַנגען דאָס קישן)

אַריליום:

(נישט וועלנדיק עס אָנרירן. מיט גרינגשעצונג און צביעות)

איך נעם נישט צו דאָס קישן פון קיין חולה,

און קיין רפואה־שלמה האָב איך נישט,

פּרוביר דאָס קישן צו פאַרזעצן ביי יעהאָוואַ!...

(דריטע פרוי אָפּ. מיידלעך און יינגלעך אויף דער טעראַסע לאַכן)

פערטע פרוי:

אַ זילבער־בעכער האָב איך פון דור־דורות...

אַריליום:

(נעמענדיק דעם בעכער און באַטראַכטנדיק אים)

דעם יחוס דאַרף איך נישט, איך דאַרף דעם ווערט.

(לייגט אַוועק דעם בעכער ווי עפּעס מינדערווערטיקס, ציילט אויך געלט דער פרוי, פאַרצייכענענדיק עפּעס)

ווי הייסטו, פרוי?

פערטע פרוי:

בת־שבע איז מיין נאָמען.

אַריליוס:

בת־שבע, הערסטו גאָר!

די מיידלעך און יינגלעך:

(מיט שפּאָט)

כאַ, כאַ, בת־שבע!

בת־שבע, שרה־רבקה, רחל־לאה!...

(לאַכן)

אַריליוס:

בת־שבע, פּע.

פּערטע פּרוי:

ס'איז נישט אַזוי דער עיקר

דער נאָמען פונעם מענטש, ווי ס'איז דער מענטש פון נאָמען..

(ווייזנדיק אויף די מיידלעך און יינגלעך)

אַז לאַכן זאָל מען פון אַ מענטשנס נאָמען

באַדאַרף מען האָבן לייכטע קעפּ, ר' אהרן...

אַריליוס:

הע, וואָס פאַר אַ ר' אהרן בין איך דיר?

אַריליוס איז מיין נאָמען!

פּערטע פּרוי:

גאָר פאַרגעסן.

איצט וועל איך שוין געדענקען, ר'... אַריליוס...

(אָפּ. די איבעריקע פרויען דערנעענטערן זיך מיט זייערע משכנות.

עס באַווייזט זיך אין טיר אָרפּילאַ)

אָרפּילאַ:

עס וואַרט מיט מיר אין גאָרטן מענעלאַאוס.

אַריליוס:

גיי זאָג אים, אַז איך וועל אים גלייך עמפּאַנגען.

(אָרפּילאַ אָפּ)

אַריליוס:

(צו די פרויען)

מער האָב איך נישט קיין צייט, קומט איבערמאַרגן.

(די פרויען אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט געפינענדיק קיין רייד)

אַריליוס:

וואָס וואַרט איר נאָך?

(צו אַזאַרן, אָנווייזנדיק אים אַרויסצופירן די פרויען)

אַזאַר, וואָס שטייסטו דאָרטן?!

אַזאַר:

(טרייבנדיק די פרויען, שטיל, פאַר זיך)

ס'איז ווי צו דעם געיאָגטן וואָס ער מוז נאָך

געיאָגטע יאָגן...

(צו די פרויען, העכער)

נו, געגאַנגען, שנעלער!

(די פרויען אָפּ לינקס. די מיידלעך און ייִנגלעך באַגלייטן זיי מיט שפּאָטישע געלעכטערס, הייבן זיך אויף מיט אויסגעפלאָכטענע קראַנצן און לאָזן זיך צוזאַמען מיטן באַדינענדיקן אַזאַר צום אַרויס־גאַנג, זינגענדיק)

די מיידלעך און ייִנגלעך:

די בלום ווערט אויסגעריסן,\
דעם דאָרן לאָזט מען שטיין,\
מיר פלעכטן בלומען־קראַנצן\
פאַר אונדזער גאָט פון ווייַן.\
אַ יום־טוב וועט דאָס זיין\
פאַר אונדזער גאָט פון ווייַן!\
יעהאָוואַ בלויז אין הימל\
אַ ניכטערער וועט זיין!

(פאַרלאָזן צוזאַמען מיט אַזאַרן די בינע פריילעך און טומלענדיק. אַריליוס אָפּ אויף אַ ווײַלע. קומט צוריק אַריין מיט מענעלאַאוסן אין דער זעלבער צייט ווען די ייִנגלעך און מיידלעך גייען אַרויס זינגענדיק)

אַריליוס:

(נאָכקוקנדיק די אַרויסגייענדיקע)

יונג בלוט. האָסטו געהערט ווי דאָס איז פריילעך!
נאָר דו מיין פריינט, ביסט עפּעס היינט באַטריבט...
דערצערנסט באַקכוסן מיט אַט־דער מרה־שחורה.
ס׳איז יום־טוב מאָרגן, ביסט דער עלטסטער פּריסטער,
און צעאוס דיינער שטייט אין בית־המקדש.
וואָס פעלט דיר נאָך?... דערצייל, מיין פריינט, מיר בעסער
וואָס הערט זיך טאַקע דאָרט אין טעמפּל דיינעם...

מענעלאַאוס:

ווי קאָן איך דען נישט זיין באַטריבט, אַריליוס?
ס׳איז וואָר, אַז צעאוס שטייט אין בית־המקדש.
וואָס קומט אַרויס, מיין פריינט, אַז קיינער שטייט נישט
אין זיינע דלד אמות און אַז קיינער
קומט דאָרט נישט בוקן זיך צו אים. פאַרלאָזט
און עלנט שטייט ער דאָרט, אַזש ס׳כאַפּט מיך אָן אַ מיטלייד.
כ׳בין כהן־גדול, יאָ, וואָס קומט אַרויס
אַז כ׳האָב נישט דאָרט ביי וועמען אויסצופירן
מיין דינסט און פּריסטערשאַפט. דאָס פּראָסטע פאָלק
קומט מער נישט אינעם טעמפּל. קאָנסט דאָ זען
וואָס פאַר אַ ווערדע און וואָס פאַר אַ האַפט
עס האָט די טריישאַפט זיינע צו זיין בית־המקדש...
איך גיי אַרום דאָרט איין־אַליין אין אימה
און כ׳הער דעם אָפּקלאַנג בלויז פון מיינע טריט,
וואָס שרעקן מיך און טרייבן מיך אין שאול־תחתיה,
ווייל אויסער מיר און אויסער צעאוס אויף זיין בימה
איז דאָרט קיין לעבעדיקער נפש נישט פאַראַן.
איך גיי אַרום אין פוסטן בית־המקדש
און שווייג, און אויף זיין בימה לעבן מיר
אויך צעאוס שווייגט, מסתם פון גרויס פאַרדרוס.
פאַר בושה קאָן איך אים נישט קוקן אין די אויגן.
חוץ דעם, ווי קאָן איך פריילעך זיין, אַריליוס,

ווען כ׳ווייס פון אומגליק, וואָס קאָן דיר געשען,
אויב דו וועסט נישט באַווייזן צו דער צייט
עטרהן ברענגען צו דעם קעניג אַנטיאָכוס.

אַריליוס:

איך דאַנק דיר פאַר דיין טריישאַפט, מענעלאַאוס,
און פאַר דיין גרויסער זאָרג פאַר מיינעטוועגן...

מענעלאַאוס:

איך שלאָף נישט גאַנצע נעכט ווייל איך פאַרגעס נישט
אין דעם, אַז אַנטיאָכוס האָט פאַרשפּראָכן
צו נעמען דיינע גיטער און פאַרמעגנס
אויב ער וועט נישט עטרהן זען נאָך דריי מעת־לעת.
דו ביסט ביי אים באַגלייבט אַז דו וועסט ברענגען
פאַר זיין געזיכט עטרהן, נאָר די צייט איז קורץ,
און ווייס, אַז כאָטש עס שעצט דיך אַנטיאָכוס,
נאָך מערער שעצט ער די פאַרמעגנס דיינע...
און אויב ער האָט פאַרשפּראָכן זיי ביי דיר צו נעמען,
קאָנסט גלויבן זיינע רייד, ער איז בטוח
און ער וועט זיין פאַרשפּרעכונג האַלטן ערלעך...

אַריליוס:

איך קען זיין ערלעכקייט, ווי כ׳קען דיין טריישאַפט.
און איך ווייס אויך, ווי דו, וואָס מיך קאָן טרעפן,
אויב ס׳וועט עטרה צו דער צייט זיך נישט באַווייזן,
צי ווייסטו אָבער אויך, ווי איך, פון אומגליק
וואָס מיך קאָן טרעפן אויב זי וועט זיך י א באַווייזן ?

מענעלאַאוס:

כ׳בין ערוב דיר, אַריליוס, אַז עטרהן
וועט קיין שום בייז ביים קעניג נישט געשען.
דו ביסט צום יום־טוב־כוס צו אים פאַרבעטן,
דו דאַרפסט זי מיטנעמען צו אים, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

(פאַרטרוילעך)

עס קאָן גאָר אפשר גרײלעך זײַן, מײַן פרײַנט,
אַז ווי נאָר זי וועט זיך פאַר אים באַווײַזן
זאָל זי אַזוי בײַ אים גאָר נושא־חן זײַן
אַז ער וועט גלײַך אין אַלץ בכלל פאַרגעסן...

אַריליום:

ווי וואַגסטו אַזוי' טראַכטן פון מײַן טאָכטער?
כ'פאַרוווער דיר, מענעלאַאוס, די רמזים...

מענעלאַאוס:

וואָס האָב איך דען אַזוינס געזאָגט, חלילה?
צי טאָר איך אפשר נישט עטרהן לויבן,
דערמאָנען גאָר איר חן און אירע מעלות?

אַריליום:

הער אויף און ברענג מיך נישט אַרײַן אין כעס.
איז איצטער גראָד די צײַט מיך צו דערצערנען,
גראָד ווען ס'איז ערב־יום־טוב און דײַן באַקכוס
פאַרטראָגט נישט קיין מחלוקת און קיין צאָרן,
קיין טרערן, קיין געוויין, נאָר ווײַן און ווײַן?
האָסטו דען נישט געהערט נאָר־וואָס דאָס זינגען,
אַז מאָרגן, מיט די געטערס הילף, וועט זײַן
אַן אָפּן פּאַס דאָס גאַנצע לאַנד יהודה?

(די מײדלעך און ייִנגלעך באַווײַזן זיך ווידער מיט די בינטלעך בלו־מען, זינגענדיקע און טאַנצנדיקע אין אַ קרײַז, אַנגעגומען בײַ די הענט. אַזאָר צווישן זיי מיט אַ קאָרב בלומען אויפן קאָפּ)

די מײדלעך און ייִנגלעך:

(זינגען, דורכגייענדיק די בינע)

די צונג, מעג זײַן ווי שטומפּיק,
ווערט שאַרפער נאָך אַ טרונק,
נאָך משקה שלאָגט זיך בעסער
דעם חשמונאים־יונג!

נאָך משקה שלאָגט זיך פיין!
אַז אָפּן פּאַס ווערט זיין
דאָס גאַנצע לאַנד יהודה
פאַר אונדזער גאָט פון וויין!
(אָפּ)

מענעלאַאוס:
יאָ, יאָ, אַז אָפּן פּאַס ווערט זיין יהודה...
כ׳באַשטיי, זאָל גיסן וויין פון אַלע לאָגלען.
דערווייל מיט בלוט פאַרגאָסן איז יהודה.
עס הערט נישט אויף די פינצטערע מרידה,
און גראָד דער חשמונאים־יונג, ער שלאָגט!
קיין משקה דאַרף ער נישט, אַז ער זאָל שלאָגן פיין...
דיר מעג איך זאָגן דאָך, מיין פריינט: נישט גוט.
ס׳זאָל זיין בסוד: דער קעניג ליידט מפּלות...
געוויס, פאַרזיכערט איז ער מיט נצחון,
דערווייל איז ער דערצערנט און דערשלאָגן,
כאָטש ווען ער זעט מיך איז ער פול מיט גאווה,
און כלומרשט מונטערדיק איז ער, ווי ס׳פּאַסט,
נאָר איך באַנעם די פינצטערע מחשבות זיינע
און די געפילן ביטערע, וואָס אונטער
זיין שיינעם פאַנצערשילד פול גלאַנץ און גדלות.
אָפט קום איך צו צום פּאַלאַץ און בלייב שטיין,
נישט וויסנדיק ווי כ׳וועל אים גריילעך טרעפן,
און צי מיין קומען קאָן אים נישט דערצערנען.
אין טויער דריי איך זיך אַרום און טראַכט
צי כ׳זאָל אַריינגיין מיט אַ וואָרט, אַן עצה.
און כ׳ישוב זיך און ישוב... הערסט, אַריליוס,
ווי ווייל וואָלט דאָס געווען ווען קאָנסט צעשטרייען
דעם קעניג זיינע פינצטערע רעיונות
מיט ברענגען היינט אין פּאַלאַץ דיין עטרהן!
וואָלסט אים געראַטעוועט פון זיין מרה־שחורה
און דיך אין איינוועגס אויך און דיין פאַרמעגן...

אַריליוס:

דו ברענגסט מיך ווידער שוין אַריין אין צאָרן.

מענעלאַאוס:

און אַז עטרה ברענגט דיך גלייך צום אומגליק?
פאַרגעס נישט, אַז עטרה איז דיין שונא!...

אַריליוס:

עטרה איז מיין שונא... יאָ, איך ווייס עס...
פאַר דיר איז זי אַ שונא בלויז, אַ שונא...
פאַר מיר איז זי אַ שונא און אַ טאָכטער, ליידער...
(פויזע. פאַר זיך)
פאַרוואָס, פאַרוואָס ביסטו מיין קינד, עטרה?
פאַרוואָס ביסטו נישט אויסגערונען גלייך
אַמאָל אין דיינע מאַמעס אינגעווייד ן?

מענעלאַאוס:

וואָס הער איך פלוצים גאָר פון דיר, אַריליוס?
דו האָסט בדעה גאָר זיך צו באַקלערן איצטער?
דער קעניג, זע איך, דאַרף אויף גאָרנישט וואַרטן...
(אַנטשלאָסן)
און זאָל ער וויסן דאָס באַצייטנס!
(אָפּ שנעל)

אַריליוס:

מענעלאַאוס!
(נאָך אַ פויזע. מיט זיך אַליין)
עטרה אָדער דאָס פאַרמעג, ס׳פאַרמעג אָדער עטרה...
געווינען דאָס פאַרמעג, דאָס הייסט פאַרשפּילן
עטרהן. און געווינען זי, עטרהן, הייסט
פאַרשפּילן דאָס פאַרמעג... דאָס הייסט... דאָס הייסט...
און אפשר איז גערעכט גאָר מענעלאַאוס:
עס וועט איר נישט געשען קיין שלעכטס ביים קעניג...

דער קעניג אָבער, ווייס איך, איז, מיט רעכט,
גאָר שטרענג און ריקזיכטלאָז צו זיינע שונאים...
נאָר אויב איך וועל אַליין עטרהן ברענגען
וועט ער געוויס פיל מילדער זיין צו איר...
אויב נישט... און טאָמער ער אַליין געפינט זי שפּעטער,
איז דאַן פאַרשפּילט ס׳פאַרמעג און אויך עטרה...
יאָ, אפשר גאָר אַזוי... ניין, וואַרט... און אפשר...
און טאָמער גאָר אַזוי... ניין... אפשר... אפשר...

אָרפּילאַ:

(קומט אַריין)

מען זעט זי נישט דיין טעכטערל, אַריליוס.
דעם דריטן שוין מעת־לעת, דערבאַרעמדיקע געטער!

אַריליוס:

אויף יום־טוב, גלויב איך, וועט זי זיך באַווייזן.
מיר דאַרפן זיך פאַרלאָזן אויף די געטער.

אָרפּילאַ:

הער אויף צו רעדן מיר מיט דיינע געטער!
געדענק! דו ברענגסט אויף מיר אַ גרויסע צרה!
איך דאַרף דיין טאָכטער איצטער, נישט קיין געטער.
אומגליקלעך מאַכן וועט זי מיך, געדענק!
זאָל זי מיר זיין דאָ אויפן אָרט, דו הערסט, אַריליוס?!

אַריליוס:

ווו זאָל איך זי דיר נעמען גלייך, אָרפּילאַ?
צי מוז איך וויסן אַלע אירע דרכים?

אָרפּילאַ:

דו מוזט! דו ביסט אַ פאָטער, מוזטו וויסן!

אַריליוס:

וואַרט צו און לאָמיר רואיק אַלץ באַקלערן.

אָרפּילאַ:

ער הייסט מיך וואַרטן גאַר! ביז וואַנען, פרעג איך?
ביז בלייבן וועל איך אָן איין העמד און פּרוטה?!

אַריליום:

דו ביסט אַ שטיפמוטער, דערפאַר ביסטו צו אייליק.

אָרפּילאַ:

דו ווילסט מיך לאָזן אָן איין פּרוטה, גזלן!
מיין האַרץ! ווו זענען מיינע באַלזאַם־טראָפּנס?!...

אַריליום:

(קוקט צום דרויסן. פּלוצלינג)
אָט איז עטרה!

אָרפּילאַ:

(קוקט זיך איין און קומט צו זיך שנעל)
יאָ! אַ לויב די געטער!...
כ׳לויף מענעלאַאוסן מודיע זיין!... אַ לויב די געטער!...
(אָפּ אין איילעניש. פּויזע. עטרה קומט אַריין)

אַריליום:

דו ביסט געקומען צו דער צייט, עטרה...

עטרה:

(צווייַדייטיק)
כ׳מיין אויך, אַז כ׳בין געקומען צו דער צייט...

אַריליום:

וואָס פאַר אַ כבוד עס דערוואַרט דיך, טאָכטער.
דו ביסט מיט מיר צום יום־טוב־כוס פאַרבעטן
צום קעניג.

עטרה:

כ׳דאַנק דיר פאַרן כבוד, פאָטער,
נאָר איך, זיי מוחל, וועל מיט דיר נישט מיטגיין.

אַריליום:

איך וואָרן דיך, זאָלסט גיין מיט מיר, ווייל אַנדערש
וועט ערגער זיין פאַר דיר, געדענק, איך וואָרן.

עטרה:

וואָס קאָן נאָך ערגער זיין ווי אַנטיאָכוס רשע?

אַריליום:

הער אויף מיט אָט־די שימף־רייד: רשע... רשע...
(נאָך אַ פויזע)
עטרה, טעכטערל, דיין פאָטער בעט דיך,
פאַרלאָז די מיאוסע אָפּגעפליקטע שלעפער,
די שמידן און די פּראָסטע אָקסן־טרייבער.

עטרה:

זיי זענען ס׳פאָלק, זיי זענען מיינע ברידער.

אַריליום:

זיי זענען אירע ברידער... אירע ברידער...
און איך ווער בין? צי בין איך נישט דיין פאָטער?!

עטרה:

דו ביסט מיין פאָטער, יאָ, מיין פאָטער, נאָר...

אַריליום:

וואָס נאָר?
איך וויל דאָס הערן גלייך, איך וויל דאָס הערן!

עטרה:

מיין פאָטער און נישט בלויז מיין פאָטער,ליידער...

אַריליום:

כ׳בין גאָרנישט, איך... און זיי, די ווילדע רויבער,
זיי זענען אירע ברידער, אירע ברידער!...
(פויזע)

אויב זענען זיי דיר בילכער פון דיין פאָטער
און טייערער פון זיין פאַרמעג אַפילו,
ביסטו נישט מער מיין טאָכטער, הערסט, עטרה?!
איך גיי אַליין, נאָר וועסט עס גוט געדענקען!...

(לאָזט זיך אַוועקגיין האַסטיק. פאַרהאַלט זיך אַ ווײַלע ביי דער טיר, אומקערנדיק זיך מיטן פנים צו עטרהן, ווי ער וואָלט זיך געישובט וועגן עפּעס. אָפּ אַנטשלאָסן און אין איילעניש. פּויזע. עס קומען אַריין עטלעכע באַוואָפנטע יידן, צווישן זיי דער מוהל)

עטרה:

(צו זיי)

אַלץ גייט כשורה... רואיק, נאָר אָן מורא...
אין הויז איז קיינער נישט, אַחוץ אַזאַר, געבליבן.
צי זענט איר גרייט?

דער מוהל:

עס וואַרטן אומגעדולדיק
די אייזלען אָפּצופירן אונדזער משא.
(עס קומט אַריין יהודה)

עטרה:

(איבעראַשט)

זעט, זעט, יהודה איז אויך דאָ, יהודה!
האָסט זיך אַנטשלאָסן דאָ צו קומען איצטער...

יהודה:

אַנטשלאָסן זיך... ס׳איז איצט מיין קריגס־הפסקה...
ביי אַנטיאָכוסן איז ערב יום־טוב...
און אַלע זיינע שמירות דרימלען מיד באַטרונקען
לכבוד באַקכוסן, דעם גאָט פון משקה...
דערפאַר בין איך געקומען איצט... און אויך דערפאַר
ווייל, פשוט, ס׳האָט אַהער צו דיר געצויגן...

אַזאַר:

(קומט אַריין מיט אַ בינט שטריק)

מיין גוטע האַרינטע... איר, מיינע גוטע האַרן...
קוקט אָן די שטריק.

(צו עטרהן)

דיין פאָטער האָט, עטרה,
געהייסן, אַז איך זאָל מיט זיי דיך בינדן
אויב דו וועסט פּרוּוון פונעם הויז אַוועקגיין...
נאָר איך, ווי וואָלט איך דאָס געקאָנט גאָר טון?
אַז וויי צום פינצטערן, געפלאָגטן קנעכט אַזאַר,
וואָס ער, געבונדענער, דאַרף צווייטע בינדן...

יהודה:

(צו עטרהן)

דיך בינדן... דאָס פאַרשאַפט מיר חשד און אומרו...

(צו אַזאַרן)

דער שטריק וועט נוצן דיר צום בינדן אונדזער לאָדונג.

אַזאַר:

מיין גוטער האַר, געהערט, אַז איר האָט אַלע אָפּשיי
פאַר פראָסטע לייט, פאַר אָרעמע און קנעכט אַפילו.
מיך אויך נעמט מיט מיט אייך, מיך אויך, איך בעט אייך.

דער מוהל:

(איבעראַשט)

דו ביסט דאָך נישט קיין ייד! ווי איז דאָס מעגלעך?!

אַזאַר:

ס'איז וואָר, אַז איך בין נישט קיין ייד, כ'בין אָבער
אַ קנעכט...

יהודה:

האָסט רעכט, מיין פריינט, האָסט רעכט אינגאַנצן.
דו גייסט מיט אונדז. ווער ס'ליידט איז אונדז אַ ברודער.
וואָס איז דיין אַרבעט, דיין מלאכה?

אַזאַר:

כ׳בין אַ שלייפער,
כ׳וועל אייך די שווערדן שאַרפן טאָג און נאַכט.

יהודה:

דו גייסט מיט אונדז.

אַזאַר:

אַ דאַנק, מיין גוטער האַר.

יהודה:

גיי וויַיז די מענטשן מיינע אָן די שפּייכלער
מיט שפּייז, באַשטימטע פאַרן קעניגס חייל.
(צו די איבעריקע)
נאַר האַלט די שווערדן אַלע אָנגעגרייט.
(אַלע ציען אַרויס די שווערדן)

אַזאַר:

בלויז איך בין אָן אַ שווערד, אָן מינדסטן וואָפן...

דער מוהל:

(דערלאַנגענדק אים זיין שווערד און אַרויסציענדיק פאַר זיך דעם חלף)

נאַ, נעם די שווערד פון מיר, אַזאַר, און איך
וועל אויך נישט בלייבן, ווי מען זעט, אָן וואָפן...
(אַלע אָפּ, חוץ עטרה און יהודה)

עטרה:

(פאַרטרוילעך)
מיין פאָטער האָט געוואָלט פון מיר, יהודה,
כ׳זאָל גיין מיט אים צו אַנטיאָכוס רשע
צו פייערן מיט זיי דעם גאָט פון שיכרות.

יהודה:

און דו האָסט אָפּגעזאָגט... יאָ, איצט באַנעם איך
דעם שכל פון די שטריק פאַר דיר... עטרה,
מיר דאַרפן נישט פאַרזאַמען דאָ קיין רגע...
(ציט אַרויס די שווערד, איינקוקנדיק זיך צום דרויסן)
מיר דאַרפן נעמען אָפּשייד גלייך. עטרה,
געדענקסט מסתמא נאָך אין דיין שליחות...

עטרה:

כ׳געדענק... צי קלינגט נישט אין דיין קול באַדויער,
וואָס כ׳האָב אַליין דעם וועג מיר אויסגעקליבן,
דעם וועג וווּ דיך וועל איך נישט זען, מיין ליבער,
און וווּ כ׳וועל זען דעם איינשטעל און סכנה.

יהודה:

ווי וואָגסטו גאָר מיך פרעגן דאָס, עטרה?

עטרה:

ווען דו ביסט ערגעץ ווייט פון מיר און בענקסט,
צי פאַלט נישט צוליב מיר דיין מוט און גבורה?

יהודה:

ווען כ׳בענק נאָך דיר ווערט גוט און מילד מיין האַרץ,
נאָר שטרענגער ווערט אין האַנט מיין שווערד, מיין בויגן —
און כ׳צי פאַרויס מיט חייל צו דעם שונא...

עטרה:

און דעמאָלט אויך געדענקסטו מיך, מיין ליבער?

יהודה:

אין יעדן בליץ פון מיין געשאַרפטער שווערד
דיין אָפּבילד זע איך ליכטיק, שיין, ווי תמיד...

עטרה:

מיין אָפּבילד...

יהודה:

יאָ, דיין אָפּבילד, מיין עטרה,
און כ׳גיי דערמיט ווי מיט אַ ליכט אין חשכות.

עטרה:

וווהין?

יהודה:

צו דיר... און בלויז דער פיינט איז מיר אַ שטערונג
אין וועג צו דיר... און כ׳צי פאָרויס מיט גבורה...

(הערט זיך איין און ווערט וואַכזאַם)

כ׳הער טריט... ווער זאָל דאָס זיין? צי טריט פון שונאים?
צי טריט פון פריינט?

(נאָכן איינקוקן זיך אַ ווײַלע)

דאָס זענען מיינע לייט...

עטרה:

זיי קומען שוין צוריק. דאָס הייסט, אַז יעדער
פון אונדז דאַרף נעמען זיך זיין וועג באַזונדער.

יהודה:

נאָר אייניק אין דער ליבע און אין טריישאַפט.

עטרה:

כ׳וועל מונטערן דאָס פאָלק אויף אַלע גאַסן.
אויך אומגיין וועל איך צווישן שונאס חיל,
איך וועל זיך פאַר אַ צויבערין פאַרשטעלן,
אַ טרעפערין, זיי פירזאָגן דאָס מזל,
דעם אמת זאָגן...

יהודה:

מיינסט מסתם דעם ליגן...

עטרה:

דער ליגן, וואָס איז פאַרן אמת, איז במילא
אויך אמת...

יהודה:

כ׳מוז שוין גיין צו מיינע לייט.

עטרה:

אויך איך צו מיינע. זיי געזעגנט, ליבער.

יהודה:

הצלחה, גליק, אין וועג אַריין אונדז ביידן.

(עס הערן זיך גאָר נאָענט די טריט פון די באַוואָפנטע ייזן. עטרה און יהודה אָפּגייענדיק אין צוויי קעגנזײַצלעכע ריכטונגען)

עטרה:

אונדז ביידן. גיי בשלום, ליבער מיינער.

יהודה:

און לאָמיר טרעפן זיך צוריק בשלום.

עטרה:

בשלום גיי.

יהודה:

בשלום גיי.

עטרה:

בשלום.

(ביידע פאַרשווינדן)

●

בילד פיר

אין פּאַלאַץ פון אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס. אַלץ ווי אין ערשטן בילד. אַנטיאָכוס גייט אַרום אַן אומרואיקער און אויפגערעגטער, ווענדנדיק זיך צו די געטער־סטאַטועס.

אַנטיאָכוס:

הערט אויס, הערט אויס, איר רוגזהדיקע געטער.
צי דען האָט איר אויף אייביק אָפּגעקערט שוין
פון מיר דעם בליק, לייטזעליקייט און חסד,
כ׳זאָל דאַרפן גאָר אין כעס און הארבן פאָרוואורף
מיין צאָרנדיקע שטים צו אייך פאַרהייבן?
באַשיינפערלעך איך זע, אייך קימערט גאָרנישט
מיין שווערע נידערלאַגע, מיין מפלה.
מפלה — און דורך וועמען גאָר פאַראורזאַכט? —
דורך יידן ווידערשפּעניקע, פאַרשווערער!
אַליין דער טייוול וואָלט מיך נישט געקאָנט
פאַרשעלטן מיט אַזאַ מין שטראָף און חרפּה.
וואָלט כאָטש אַ קעניגרייך פאַרשאַפט מיר די פאַרלוסטן,
אַ גרויסע הערשאַפט, אַ ממשלה אַ באַוווסטע,
וואָלט דאָס מיך נישט געווען אַזוי דערנידריקט.
הערט אויס, אומשטערבלעכע און גרויסע געטער!
צי האָב איך נישט געשיקט די הויפּטלייט מיינע
צו שלאָגן זיך מיט אייערע צעשטערער,
און אויך פאַר אייער רום און אייער גרויסקייט?
איז וואָס־זשע שטייט איר און עס אַרט אייך גאָרנישט
אויך איצטער, ווען מען לעסטערט אייער נאָמען?
אויב שווייגט איר איצטער אויך, וועל איך אייך זאָגן:

נאַט אײַך מײַן שווערד, מײַן פּאַנצער און מײַן בויגן
(וואַרפט זיי צו די געטער־סטאַטועןְ)
און שלאָגט אײַך זעלבסט פּאַר אײַער כבוד־וועגן
און גייט אײַך פון מײַן פּאַלאַץ, גייט! וואָס שטייט איר?!
כ׳בין שטאַרקער נאָך פון אײַך! און הערט, זייט וויסן,
איך בין אַליין אַ גאָט, אַ גאָט פון געטער!
און פאָרכט פאַר מיר אין אימה, פאָרכט און ציטערט!

מענעלאַאוס:

(קומט אַרײַן געלאָסן און נישט דרייסט)
צי האָב איך גרײַלעך נישט געשטערט דעם קעניג
מתפּלל זײַן צו די אומשטערבלעכע גאָר איצטער?

אַנטיאָכוס:

(אין אויפרעגונג)
אומשטערבלעך בין איך זעלבסט און בין אַלמעכטיק!
אַ גאָט בין איך אַליין, אַ גאָט, אַ גאָט פון געטער!
און פון הײַנט אָן וועט איטלעכער באַדאַרפן
מתפּלל זײַן צו מיר, צו מיר, צו מיר!...

מענעלאַאוס:

(מיט הכנעה)
נו, גוט, וועל איך מתפּלל זײַן. ס׳וועט קיינער
דעם קעניג נישט דערווידערן, חלילה.
דער קעניג זאָגט אַ גאָט — זאָל זײַן אַ גאָט...
פאַרוואָס דען נישט? ס׳האָט קיינער נישט דאַקעגן...
(פּויזע)
איך האָב צו וויסן שוין געגעבן אַלע ייִדן
אַז יונג־און־אַלט זאָל קומען זיך פאַרזאַמלען
צום ציילן זיי, ווי ס׳איז מײַן האַר, דײַן ווילן.

אַנטיאָכוס:

נאָר איך וועל נישט פאַרלאָזן זיך און וואַרטן...
באַפוילן האָב איך אויך די זעלנער מײַנע

צו ברענגען אין געפענגענישן אַלע יידן.
וואָס מער איך זע זיי לעבן מיר געפאַנגען
אַלץ קלענער פיל איך די סכנה מיינע.
וואָס מער זיי כאַפּן און וואָס מער פאַרזאַמלען.
אויב וועט דאָס אויך נישט העלפן, מענעלאַאוס,
וועל איך אָן ריקזיכט און רחמנות ברענגען
פאַרטיליקונג און טויט צו יעדן נפש,
ביז רו וועט הערשן אינעם לאַנד יהודה...
(פויזע)
באַלד וועל איך די געפאַנגענע פאַרהערן.
(נעמט דאָס שלייער־טוך, וויזנדיק דערויף)
איצט ווען איך ווייס שוין ווי די אותיות מאַכן,
וועל איך זיי צווינגען באַלד נישט בלויז צו עסן
דאָס חזיר־פלייש פון אונדזערע קרבנות,
נאָר זאָגן מיר, דער עיקר, ווו ס׳געפינט זיך
יהודה המכבי, זייער הויפטמאַן.
(נעמט צוריק דאָס כלי־זין, געוואָרפן פריער צו די געטער־סטאַטוען)

מענעלאַאוס:

(מיט באַדויער, כמעט ווי צו זיך)
כ׳מיין, זי... אַמבעסטן ווייסט מסתם, עטרה...

אַנטיאָכוס:

זיי וויסן, מענעלאַאוס, אויב אַריליוס
וועט זי נישט ברענגען גלייך, וועט ער נישט דאַרפן
מער ערוב זיין פאַר איר מיט זיין ·פאַרמעגן,
נאָר מיט זיין לעבן, מיט זיין קאָפּ וועט ער באַצאָלן.
הערסט, מענעלאַאוס?!

מענעלאַאוס:

כ׳הער...
(פאַר זיך) איך נאַר און שוטה
האָב גאַר באַדאַרפט איר נאָמען צו דערמאָנען...

אַנטיאָכוס:

(דערהערנדיק אַ טומל און איינקוקנדיק זיך צום איינגאַנג)

און איצטער גיי, פאַרלאָז מיך, מענעלאַאוס.
מען פירט מיר די געפאַנגענע צום פאַרשן,
כ'האָב גערן גאָר אַליין זיי צו פאַרהערן,
ס'זאָל קיינער מיר נישט שטיין דערביי, הערסט, קיינער!
ווייל דער, וואָס שטייט דערביי און קוקט זיך צו
איז, דאַכט זיך מיר, אַ שטערונג און אַ שטרויכלונג
און נעמט מיר צו אַ טייל פון דער הנאה...

מענעלאַאוס:

(מיט הכנעה)

איך גיי, איך גיי, מיין האַר, נאָר מיין השגחה
פאַרלאָזט דיך קיינמאָל נישט. איך בלייב אין פּאַלאַץ,
ווייל טאָמער... כ'ווייס... באַדאַרף מען מיינס אַן עצה...
מיין עצה קאָן נישט קיינמאָל שאַטן...

(אָפּ)

אַנטיאָכוס:

(שרייט) שמירה!

די יידישע געפאַנגענע!

(עס מאַכט זיך אויף דער הויפּט־איינגאַנג. אין הינטערגרונט זעען זיך געשטאַלטן פון געפאַנגענע. עס קומען אַריין שומרים, בוקן זיך צו אַנטיאָכוסן)

אַנטיאָכוס:

(צו זיי) דעם ערשטן!

(שומרים פירן אַריין דעם זקן אליעזר)

אַריינברענגען דאָס חזיר־פליייש פון קרבן!

(שומרים טוען דאָס)

תלינים!

(עס באַווייזן זיך פון אַ זייטן־טיר צוויי תלינים. אַנטיאָכוס מיט אַ הויך קול געווענדעט צום איינגאַנג בכדי די געפאַנגענע זאָלן הערן)

צוגרייטן דאָס שוואַרצע חדר!

די פייערטעפּ, די קאָכעדיקע סמאָלע!
די קעסלען און די גליענדיקע צוואַנגען!
(די צוויי תלינים פאַרשווינדן. אַנטיאָכוס צום ערשטן שומר)
וואָס איז מיט דעם געפאַנגענעם דער מער?

שומר:

(אָנווייזנדיק אויף אליעזרן)
מ׳האָט רעדן אים געהערט אויף זייער לשון,
וואָס נאָר דער טייוול קאָן פאַרשטיין. מסתמא
האָט ער געשאָלטן אונדזער האַר. וואָס דען־זשע
קאָן פּלאַפּלען זייער צונג?

אַנטיאָכוס:

(צו אליעזרן) ווער ביסטו, ייד?

דער זקן אליעזר:

אַן אַלטער מאַן בין איך, אַ זקן, און מיין נאָמען
איז אליעזר.

אַנטיאָכוס:

חן געפינסטו, אַלטער,
אין מיינע אויגן. ווי עס שיינט מיר, ביסטו
דער עלטסטער און דער קליגסטער צווישן אַלע.

דער זקן אליעזר:

לייטזעליקייט און חן וואָלט איך געוואָלט
געפינען בלויז ביי אונדזער גאָט אין הימל.

אַנטיאָכוס:

דו ענטפער מיר, פאַרשאָלטענער, ווו ס׳איז
יהודה המכבי, אייער הויפּטמאַן.

דער זקן אליעזר:

צי גלויבט דער קעניג דען, אַז ער איז אַזאַ שוטה
וואָס זאָגן וועט ער מיר ווו ער געפינט זיך?

אַנטיאָכוס:

דו ווייסט און ווערסט מיר זאָגן באַלד, נאָר פריער
עס־אויף אַ שטיקל חזיר־פלייש פון קרבן
פאַר צעאוס, אונדזער האַר...

(אַ שומר ברענגט צו חזיר־פלייש אויף אַ טאַץ)

פאַרזוך, ס׳איז גוט...

דער זקן אליעזר:

אַ יישר־כוח פאַרן גנאָד און כיבוד,
נאָר איך וועל פירן זיך ווי גאָט האָט אונדז געבאָטן
און נישט מטמא זיין וועל איך די לעפצן מיינע
מיט טרפות, מיט פאַראַט און מיט מסירה.

אַנטיאָכוס:

כ׳מוז מודה זיין, דיין איינגעשפאַרטקייט שעץ איך,
כ׳האָב דרך־ארץ פאַר דיין ווייסן קאָפּ,
און כ׳וועל דיך, אליעזר, מער נישט צווינגען
צו טון וואָס אייער גאָט האָט אייך פאַרבאָטן.
דערפאַר וועסטו מיר מוזן בלויז צוליב טון
און כאָטש אַ שטיקל כשר פלייש פאַרזוכן.

(אַ שומר ברענגט צו אַ טאַץ כשר פלייש)

דיין לעבעדיקער גאָט, וואָס אַלצדינג ווייסט ער,
וועט וויסן דאָך, אַז דו ביסט ריין פון זינד.
באַדענק זיך, אַלטער. נעם, עס־אויף, ס׳איז כשר...

דער זקן אליעזר:

איך דאַנק דעם האַר פאַר היטן אונדזער כשרות.
כ׳פאַרשטיי, אַז אונדזער גאָט, וואָס אַלצדינג ווייסט ער,
וועט וויסן אויך, אַז איך בין ריין, אומשולדיק,
נאָר מיינע ברידער, די, וואָס שטייען דאָרט און קוקן,
זיי וועלן מיינען, אַז דער אַלטער אליעזר
האָט מורא פאַר די פייערדיקע ריטער

און האָט פאַראַטן זיי, און אויף דער עלטער
דאַרף זיין פאַר זיי אַ ביישפּיל פון בגידה.
ווער איך פון כשר פלייש נישט טועם זיין אפילו.
סיי ווי האָב איך שוין נישט צו לעבן לאַנג,
וויל איך דעריבער שטאַרבן ליבערשט איידער
פאַראַטן מיינע ברידער און מיין גלויבן.

אַנטיאָכוס:

נו גוט, איז רוף־זשע אויס צו דיינע ברידער,
אַז שטאַרבן ביסטו גרייט ווייל סיי ווי סיי
ביסטו שוין אַלט און וועסט שוין לאַנג נישט לעבן.

דער זקן אליעזר:

(נאָך אַן אינערלעכן ישוב)

נו, גוט.

(רופט צום איינגאַנג)

רבותי, יידן, הערט, זייט וויסן,
כ׳בין אַלט און שוואַך און וואַרט שוין אויפן טויט.

(מיט אַ שטאַרקער שטים)

נאָר כוח האָב איך נאָך גענוג צו קאָנען שטאַרבן
פאַר מיין אמונה, פאַר מיין פאָלק און פרייהייט!...

(אַנטיאָכוס גיט פּלוצלינג אַ צייכן צו די שומרים אַוועקצופירן שנעל אליעזרן. זיי ראַנגלען זיך מיט אים און שלעפּן אים אַוועק. אליעזר, נאָך אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צום איינגאַנג, צו די געפאַנגענע)

רבותי, הערט!...

(פאַרשווינדט מיט די שומרים אין פייניקונגס־צימער. אַ צווייטער שומר פירט אַריין חנהן מיט אירע זיבן זין)

שומר:

דאָס איז אַ פרוי, אַ מוטער
מיט אירע זיבן זין.

אַנטיאָכוס:

המ... טאַקע זיבן?...

חנה:

יאָ, זיבן זענען זיי, קיין עין־הרע,
ס׳זאָל נישט געמינערט זיין פון זיי קיין איינער
און מיר זאָל זיין פאַר זייער מינדסטן נאָגל.

אַנטיאָכוס:

ווי כ׳זע, ביסטו אַ גאָר געטרייע מוטער.
דאָס שעץ איך שטאַרק, און כ׳גלויב, אַז דו וועסט וועלן
פאַרהיטן דיינע זין פון שלעכטס און ליידן
און וועסט זיי הייסן זיין צו מיר געהאָרכזאַם.

חנה:

די קינדער, וואָס מיין לייב האָט אויסגעטראָגן,
האָב איך דערצויגן, אַז זיי זאָלן פאָלגן
בלויז אונדזער גאָט און די געזעצן זיינע
פון יושר און פון צדק...

אַנטיאָכוס:

שווייגן, חצופה!
דער עלטסטער זון זאָל צוקומען צו מיר!

חנה:

גיי, זון מיינער, מיין בכור, האָב נישט קיין מורא.

עלטסטער זון:

(טרעט אַרויס)

אַנטיאָכוס:

דו ביסט דער עלטסטער, דאַרפסטו זיין אַ ביישפּיל
פאַר אַלע דיינע ברידער.

עלטסטער זון:

יאָ, כ׳פאַרזיכער
דעם קעניג, איך וועל זיין פאַר זיי אַ ביישפּיל...

אַנטיאָכוס:

קוק איין זיך דאָרטן צום גיהנום־קאַמער,
און הער זיך צו צו די יסורים־קולות

און ווייס וואָס דיך דערוואַרט און דיינע ברידער
אויב דו וועסט מיר נישט אויסזאָגן דעם אמת
און וועסט נישט טון מיין ווילן און פאַרלאַנג.

עלטסטער זון:

אַרויסגעוואָרפן, רשע, איז דיין טירחה.
איך ווייס וואָס מיך דערוואַרט און מיינע ברידער.
וועסט נישט דערשרעקן מיך מיט דיין גיהנום.
איך גיי צו אים אַליין!

(לויפט צום פייניקונגס־קאַמער)

האָב נישט קיין מורא, מוטער!
האָט נישט קיין מורא, ברידער!...

(אָפּ מיט די שומרים)

צווייטער זון:

(דערנעענטערט זיך צום ערשטן, צו אַנטיאָכוסן)

זע, באַטריגער,
איך וועל אַליין נישט לאָזן גיין אַ ברודער!

(ביידע ברידער אָפּ מיטן שומר)

אַנטיאָכוס:

(צו די איבעריקע ברידער)

ווער ס'איז דער ייִנגערער פון אייך, זאָל צוגיין.

דריטער זון:

(טרעט אַרויס)

אַנטיאָכוס:

הגם ביסט ייִנגער, גלויב איך וועסט זיין קליגער
און פאָלגן מיין פּאַלאַנג...

דריטער זון:

איך וועל נישט פאָלגן.

אַנטיאָכוס:

וועסט פאָלגן באַלד, מחוצף איינער!

(צו די תלינים) נעמט אים!

(תלינים נעמען אַוועק דעם דריטן זון און פאַרשווינדן מיט אים. פערטער זון טרעט אַליין אַרויס)

אַנטיאָכוס:

דו פאָלגסט מיך?

פערטער זון:

ניין. איך גיי מיט מיינע ברידער.

(אָפּ אַליין צום פייניקונגס־צימער)

אַנטיאָכוס:

דער פינפטער זון!

(פינפטער זון טרעט אַרויס)

אַ שאָד איז מיר דיין לעבן,

נאָר קאָנסט עס רעטן אויב דו וועסט מיך פאָלגן:

רוף אויס אַהין, אַז אַלע זאָלן הערן,

אַז דו האָסט נישט קיין שייכות מיט יהודהן

און אַז יהודה איז אַ דינער פון מצרים...

נאָר טאָמער וועסטו זאָגן דאָס פאַרקערטע

וועט גלייך די צונג דיר ווערן אָפּגעשניטן.

פינפטער זון:

קאָנסט אָפּשניידן מיין צונג, נאָר וויסן זאָלסטו,

אַז אָפּגעשניטן אויך אַפילו וועט זי

נישט אויפהערן צו שעלטן דיך און זאָגן

דעם אמת און צו לויבן אונדזער גואל.

(צו אַנטיאָכוסעס דערלעבן־שטייענדיקע לייט)

וואָס שטייט איר, מערדער? נעמט מיך! נו, וואָס שטייט איר?!

(גייט פאָרויס צום אומקום. שומרים גייען אים נאָך)

זעקסטער זון:

איך גיי מיט אים. פאַרשפּאָר דיר רייד, באַטריגער!

(גייט מיט מיט זיין ברודער און די שומרים)

אַנטיאָכוס:

(צום זיבעטן זון)

קום, יינגלינג שיינער, קום, דו ביסט דער יינגסטער...

זיבעטער זון:

(כמעט אַ יינגל, טרעט אַרויס, פאַרלירנדיק זיך אַ ווײַלע)

חנה:

גיי, קינד מיינס, איינציקס, גיי, האָב נישט קיין מורא.

אַנטיאָכוס:

(צו חנהן)

ווו איז דיין מוטער־האַרץ? דיין מוטער־ליבע?

חנה:

(צו איר לעצט קינד)

גיי, קינד מיינס איינציקס, גלייך און שטאָלץ, אָן מורא!

זיבעטער זון:

(דערנעענטערט זיך צו אַנטיאָכוסן)

אַנטיאָכוס:

(ווייזט אים זיין זיגלרינג)

זעסט, יינגלינג, ווי מיין זיגלרינג איז הערלעך...

(דאָס יינגל מאַכט אַ לייכטע באַוועגונג פון וועלן אָנרירן דעם זיגל־רינג און כאַפּט זיך באַלד צוריק)

אָט וועל איך אים אַראָפּלאָזן אויף דרערד
און דו וועסט נאָר זיך אָנבייגן אים נעמען,
וועט הייסן האָסט געבוקט זיך צו דעם גאָט...

זיבעטער זון:

דיין זיגלרינג איז אומריין ווי דיין אָפּגאָט.
איך בין אויף ערלעכקייט דערצויגן און כ'וועל קיינעם
נישט אָפּנאַרן. און כאָטש איך בין דער יינגסטער,
וועסט מיך נישט איבעררעדן. קאָנסט מיך טויטן!
דיין סוף וועט קומען סיי ווי סיי בקרוב!

אַנטיאָכוס:

(צו חנהן)

איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, דו הייס אים פאָלגן
און איך וועל שענקען אים דאָס לעבן.

חנה:

(פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע. מיט געמאַכטער אַנטשלאָסנקייט)

מסכים...

(דערנעענטערט זיך ראַפּטום צום ייִנגל און קושט אים און האַלדזט אים)

גיי, קינד מײַנס, גיי אין דײַנע ברידערס דרכים.
פאַראַט נישט אונדזער פרייהייט און אמונה!

(אַנטיאָכוס גיט אַ צייכן זײַנע מענטשן וועלכע וואַרפן זיך פאַנאַנדער־צורייסן מוטער און קינד. חנה בשעת מעשה און ביים פאַרשווינדן פון איר לעצטן זון)

יהודה וועט פאַר אונדז נקמה נעמען!

(אַנטיאַכוס דערנעענטערט זיך צו חנהן)

מיך וועסטו נישט מיט דײַנע הענט באַרירן!

(דערנעענטערט זיך צום פענצטער)

איך גיי צו אײַך, געליבטע קינדער מײַנע!

(וואַרפט זיך אַרויס דורכן פענצטער. אַ לאַנגע פויזע)

מענעלאַאוס:

(לויפט אַריין האַסטיק און אויפגעלייגט צעטראָגן)

אַ גוטע בשורה האָב איך פאַרן קעניג!
מיר דאַכט זיך, אַז איך בין אויף אירע שפּורן
און מעגלעך, זי וועט באַלד דאָ זײַן... עטרה!...

אַנטיאָכוס:

(שטאַרק אויפגעלעבט)

וואָס רעדסטו, מענעלאַאוס?!... לאָמיך הערן!...

מענעלאַאוס:

אָקאָרשט האָב איך זיך דורכגעשלייכט דעם לאַגער
פון אונדזער חייל און כ׳דערזע מיר דאָרטן

אַ פרוי, אַ צויבערין, וואָס זאָגט פאָרויס
דיווירקלעכקייט צו אונדזערע סאָלדאַטן;
כ'שטעל אונטער ס'אויער און איך מאַך זיך, כלומרשט,
נישט זעען זי... איר קול איז מיר גאָר קענטלעך...
כאָטש אָנגעטון איז זי נישט צום דערקענען —
ס'איז זי, וואָלט איך געשווירן ביי די געטער!

אַנטיאָכוס:

וואָס האָסטו אָפּגעלאָזט זי, מענעלאַאוס?!

מענעלאַאוס:

האַלט מיך דער קעניג דען פאַר אַזאַ שוטה?
כ'האָב צוגעשיקט צו איר דעם הויפּטמאַן ליזיאַס,
ער זאָל זיך, כלומרשט, לאָזן פון איר טרעפן
און לויבן זאָל ער שטאַרק איר מאַכט פון כישוף...
דערנאָך, אויס גרויס צופרידנקייט און אנערקענונג
פאַר איר, זאָל ער צום קעניג זי פאַרבעטן.
באַלד קומט זי, גלויב איך. איך וועל זיך פאַרשטעקן...
מיין האַר וועט הייסן זיך די וואָרהייט זאָגן
און אויב ס'איז זי — וועל איך אַ צייכן געבן...
כ'הער טריט... ס'איז מעגלעך זי... אָט ווער איך נעלם...

(פאַרשווינדט הינטער אַ פאָרהאַנג. עס קומט אַריין עטרה פאַרשטעלט
פאַר אַ צויבערין, באַגלייט פון הויפּטמאַן ליזיאַס)

ליזיאַס:

איך פיר אַריין אַ טרעפערין צום קעניג,
אַ צויבערין, אַ יונגפרוי, וואָס האָט נאָר־וואָס
די ווירקלעכקייט מיר וווּנדערבאַר געטראָפן.
וועט אפשר אויך באַוויליקן דער קעניג
זיך לאָזן טרעפן?

אַנטיאָכוס:

יאָ, כ'באַוויליק, ליזיאַס.

(ליזיאַס פאַרשווינדט. אַנטיאָכוס גיט אַ צייכן עטרהן צוצוגיין צו אים)

עטרה:

(דערנעענטערט זיך)

אָ, וואָסער גנאַד און כבוד, כ׳זאָל דעם קעניג

די וואָרהייט זאָגן... גיב דיין האַנט, מיין האַר.

אַנטיאָכוס:

מיט פאַרגעניגן. און נישט בלויז די האַנט,

דעם גאַנצן גוף וואָלט איך דיר אָפּגעגעבן...

עטרה:

דאָס דאַרף איך נישט. די האַנט איז מיר בלויז נויטיק,

ווייל נישט פון גוף, נאָר פון דער האַנט בלויז טרעף איך...

(נעמט אַנטיאָכוסעס האַנט)

מיין האַר, דו טראַכסט כסדר פון אַ יונגפרוי

וואָס האָט, ווי כ׳זע עס קלאָר, דיין האַרץ פאַרכישופט.

אַנטיאָכוס:

(נעמט צו זיין האַנט פון עטרהס כדי צו באַרירן זי)

ווי פיין דו טרעפסט, מיין צויבערין, מיין שיינע.

ס׳געפעלט מיר ווייל דיין צויבער און דיין שיינקייט...

עטרה:

(פּרובירט אַראָפּנעמען פון זיך אַנטיאָכוסעס האַנט)

לאָז אָפּ, מיין האַר, איך דאַרף דיין האַנט צום טרעפן...

דיין תאווה קאָן דערצערנען נאָך די געטער

און אָפּטון וועלן זיי פון מיר דעם כישוף...

זע, זע, זיי קוקן ברוגזע אַהער דאָ...

אַנטיאָכוס:

נישט ברוגזע, נאָר פול מיט קנאה, שיינט מיר...

עטרה:

(נעמט אַראָפּ פון זיך אַנטיאָכוסעס האַנט און האַלט זי צום טרעפן)

עס ווייזט מיר אויך דיין האַנט אויף גרויסע שלאַכטן.

דו דאַרפסט מיר זאָגן בלויז, מיין האַר פון האַרן,

ווען דו ביסט גרייט צו גיין מלחמה האַלטן,
כ'זאָל וויסן, וואָס דערוואַרט די מחנות דיינע,
נצחון צי, חלילה גאָר, מפלה...

אַנטיאָכוס:

כ'טרעט היינט אַרויס מיט שטאַרקע קריגער־מחנות
פאַרטיליקן יהודה המכביס רויבער.

עטרה:

(נאָך אַן אינערלעכער באַהערשונג)
די צייכנס ווייזן אויף דיין האַנט: נצחון...

אַנטיאָכוס:

(דעקט פלוצלינג אויף דעם שלייער פון עטרהס פנים. אין דער זעל־בער צייט דערהערט זיך אַ הוסט פון מענעלאַאוסן פון הינטערן פאָרהאַנג)

ווי וואונדערבאַר האָסט מיר געזאָגט דעם אמת!...
און איצט וועל איך דיר אויך דעם אמת זאָגן:
מיין שיינע צויבערין, דו ביסט עטרה!...

עטרה:

ווער בין איך?...

אַנטיאָכוס:

ביסט מיין ליבער גאַסט עטרה...
(נעמט עטרהס שלייער־טוך מיט די ראשי־תיבות)
איך מיין, דאָס שלייער־טוך דאַרף זיין דיר קענטלעך...

עטרה:

(נעמט דאָס טוך, דריקט עס צום האַרצן, שעפטשענדיק פאַר זיך)
דאָס שלייער־טוך... דאָס שלייער־טוך... יהודה...

אַנטיאָכוס:

(אַוועקרייסנדיק פון איר דאָס שלייער־טוך)
מער וועסטו אים נישט זען פאַר דיינע אויגן.
נאָר אויב וועסט פאָלגן מיך און טון מיין ווילן

און זאָגן ווו עס האַלט זיך אויף יהודה,
וועסטו אים זען... און כ׳וועל דיר שענקען ס׳לעבן...

עטרה:

(שווייגט)

אַנטיאָכוס:

דו שווייגסט, פאַרעקשנטע, דו ענטפערסט גאָרנישט...
עס וועט דיר דיין עקשנות גאָרנישט העלפן.
דו קאָנסט זיך רעטן אויב דו וועסט מיר זאָגן
ווו ער, דיין ליבהאָבער, געפינט זיך איצטער.
אויב נישט — פאַרלירסטו אים און אויך דיין לעבן.
ביסט מיר אַ שאָד און איך באַגער דיין שיינקייט,
אויב ווילסטו, וועסטו זיין ביי מיר אַ געטין,
און גיין וועסטו אין גאָלד און בגדי מלכות
און וועסט מיט מיר געוועלטיקן צוזאַמען.

(פויזע)

דו שווייגסט. באַלד וועסטו אויפהערן צו שווייגן.
כ׳האָב מיטלען פיל צו צווינגען דיך צו רעדן...

עטרה:

איך ווייס, איך ווייס, דו האָסט. איך קאָן מיין שיקזאַל...

אַנטיאָכוס:

(אַ ביסל אויפגעלעבט)

דאָס הייסט, וועסט רעדן...

עטרה:

איך וועל גאָרנישט רעדן.

אַנטיאָכוס:

וועסט רעדן — וועל איך שענקען דיר דאָס לעבן.

עטרה:

איך דאַרף נישט קיין געשאַנק פון דיר, און נישט קיין חסד.
כ׳האָב קורץ געלעבט, נאָר תמיד שיין און ערלעך,
וועל איך אויך קאָנען שיין און ערלעך שטאַרבן.

אַנטיאָכוס:

(איבעראַשט)

איז דיר דאָס לעבן נישט אַ שאָד אפילו?

עטרה:

אַ שאָד, אַ שאָד איז מ׳ר אַזוי דאָס לעבן,
נאָר נישט דאָס לעבן וואָס דו ווילסט מיר שענקען.

אַנטיאָכוס:

און האָסטו נישט קיין מורא פאַרן טויט אפילו?

עטרה:

כ׳האָב מורא, יאָ, כ׳האָב מורא...

אַנטיאָכוס:

(שטאַרק אויפגעלעבט) אָ, האָסט מורא...

עטרה:

(פאַרזעצנדיק)

נאָר כ׳בין אין האַרצן גובר יעדע מורא
פאַר דיר און פאַר דיין טויט...

אַנטיאָכוס:

(שרייט)

תלינים!

(תלינים קומען אַריין. אַנטיאָכוס גיט זיי אַ צייכן אָוועקצופירן עטרהן)

נעמט זי!

(תלינים נעמען זי)

עטרה:

(פאַרשווינדנדיק)

יהודה וועט פאַר אַלץ באַצאָלן!

(ראַנגלט זיך מיט די תלינים)

אַנטיאָכוס:

(שרייט) רופא!

(רופא קומט אַריין. אין דער זעלבער צייט פאַרשווינדט עטרה מיט די תלינים)

רופא:

מיין האַר...

אַנטיאָכוס:

די שולדיקע פּאַס אויף, גיב אַכטונג,
זיי לעבן איר ווי לאַנג זי ווערט געמאַטערט.
די פּייניקונגען דאַרפֿן זיין גאָר שטאַרקע.
געדענק אָבער, זי טאָר פון זיי נישט שטאַרבן.
אויב שטאַרבט זי, ביסטו ערוב מיט דיין לעבן.

(רופא אָפּ צום פּייניקונגס־צימער אַ דערשלאָגענער)

מענעלאַאוס:

(קומט אַפער פון הינטערן פּאָרהאַנג)

אַ לויב די געטער, כ'האָב זי אָפּגעפונען...

אַנטיאָכוס:

דער לויב קומט דיר, מיין טרייער מענעלאַאוס.
נאָר וויסן זיי, אַז איך ווע̇ל גאָרנישט אויפטון
דורך טויטן זי. דעריבער מיין איך אַנדערש:
נישט טויטן וועל איך זי, נאָר פּייניקן מיט לעבן.
כ'וועל שיקן זי פּאָרויס אין אַלע שלאַכטן,
פון פאָרנט, אויסגעשטעלט אויף אַלע פיילן
פון אירע פריינט. און ווען ס'וועט זיך דערוויסן
דער רויבער־יונג, אַז זיין געליבטע כלה
געפינט זיך קעגנאיבער זיין כלי־זין
וועט אָפּגענומען ווערן אים דער חשק
פון שלאָגן זיך...

מענעלאַאוס:

אַט דאָס הייסט אַ המצאה!
איך גופא וואָלט דאָס בעסער נישט געראָטן...

(קעניגין קומט אַריין. עס הערן זיך עטרהס קרעכצן פון פּייניקונגס־צימער)

קעניגין:

(צו אַנטיאָכוסן, אַנווייזנדיק מיטן קאָפּ צום פּייניקונגס־צימער)

ווי לאַנג וועסטו פאַרנעמען זיך מיט יענער?
צי האָב איך נישט דאָס רעכט און נישט דאָס מזל
זאָלסט אויך פאַר מיר אַ פרייע רגע שענקען
כאָטש איך בין נישט קיין שונא און קיין יונגפרוי?!...
נעם הרגע זי ווי אַלע גלייך און פּטור!
אויב נישט וועל איך אַליין...

(מאַכט אַ שריט צום פּייניקונגס־צימער)

אַנטיאָכוס:

הער אויף זיך מישן.

(עס הערן זיך עטרהס יסורים־געשרייען)

מענעלאַאוס:

(צו דער קעניגין)

עס קאָן, מיין האַרינטע, דיר נאָך פאַרשאַטן
דאָס הערן די געשרייען... קום פון דאַנען...

(אָפּ מיט קעניגין)

רופא:

(קומט אַריין. אין פאַרלעגנהייט)

מיין האַר, איך קאָן זיך נישט קיין עצה געבן:
מען שלאָגט זי שוואַכער — האָט עס נישט קיין פּעולה,
און שטאַרקער — האָב איך מורא פאַר איר לעבן...

אַנטיאָכוס:

(אַריינפאַלנדיק אין כעס און שגעון)

שלאָג שוואַכער, שטאַרקער! שטאַרקער, שוואַכער!
שטאַרקער!...

(נאָך אַ באַרואיקונג)

געדענק, ביסט ערוב מיטן לעבן, רופא.

(נאָך אַ פּויזע)

גיי, ברענג די שולדיקע!

(רופא אָפּ צום פּייניקונגס־צימער אין דערלייכטערונג. מענעלאַאוס קומט אַריין)

אַנטיאָכוס:

הער, מענעלאַאוס,
גיי זע, די קריגער־מחנות זאָלן גרייט זיין.
באַלד גייען מיר פאַרטיליקן די רויבער.
אויך איך גיי רופן גלייך די הויפטלייט מיינע.

(מענעלאַאוס אָפּ. רופא און שומרים קומען אַריין מיט עטרהן, אַ פאַרווונדעטע און פאַרבלוטיקטע)

רופא:

(אין שרעק און מיט הכנעה)
אָט איז זי, גרויסער האַר, אי שטאַרק פאַרפייניקט,
אי פילט זיך פריש און גוט, אין בעסטן מצב.
(רופא אָפּ)

אַנטיאָכוס:

(צו די שומרים)
זי צובינדן צום זייל. דערווייל זי לאָזן.

(אָפּ. שומרים בינדן צו עטרהן צו אַ זייל. אָפּ. פויזע)

עטרה:

(אַליין. זינגט)

אוי, צוגעבונדן איז מיין גוף,
צום שטריק, צום זייל געהערט ער,
נאָר פריי מיין זעל, פאַרנעם איר רוף,
מיין איינציקער, באַשערטער.

כ׳וואָלט אויסגעשטרעקט צו דיר די הענט
אין ליבשאַפט אין באַגערטער,
איז בלויז צו דיר מיין האַרץ געווענדט,
מיין איינציקער, באַשערטער.

כ׳פאַרטרוי דיר, נאַכט, מיין ליבע־סוד,
כ׳פאַרטרוי דיר זיינע ערטער,

און זאָג אים: כ׳בין צו לייד און שפּאָט,
מיין איינציקער, באַשערטער.

און זאָג, ס׳פאַרנעמט מיין גוף די פּיין,
וואָס צו דעם זייל געהערט ער,
אַבי ס׳זאָל מנצח זיין
מיין איינציקער, באַשערטער.

(אַנטיאָכוס קומט אַריין)

אַנטיאָכוס:

(באַטראַכט עטרהן. מיט צביעות)

דו האָסט געקאָנט פאַרשפּאָרן זיך די ליידן...
אַ תל פון איר... צעבראָכן יעדער גליד...

עטרה:

צעבראָכן יעדער גליד, נאָר נישט דער מוט.

אַנטיאָכוס:

(דערנעענטערט זיך צו עטרהן)

וועסט זיין געזונט און שטאַרק, נאָר פאָלג מיין ווילן.
כ׳וועל מער נישט צווינגען דיך, דו זאָלסט מיר זאָגן
ווו ס׳איז יהודה, נאָר איך וועל דיך בעטן
זאָלסט חתמענען אַ כתב, ווו ס׳שטייט געשריבן
אַז דו האָסט מער מיט אים נישט קיין שום שייכות
און אַלצדינג וואָס דו האָסט געטון ביז איצטער
באַדויערסטו און האָסט אויף אַלץ חרטה.

עטרה:

אַלץ וואָס איך האָב געטון און אַלע מיינע מעשים —
זיי זענען שיין און גוט געווען, במילא
קאָן איך זיי נישט באַדויערן און קיינמאָל
וועל איך אויף זיי נישט האָבן קיין חרטה.

אַנטיאָכוס:

ווילסטו נישט דינען מיר דערמיט אפילו?
ועסטו מיר דינען באַלד מיט אַלץ, אינגאַנצן!...

מענעלאַאוס:

(קומט אַריין)

די מחנות זענען גרייט. די הויפּטלייט גייען.

(פּויזע)

כ'האָב נאָך, מיין האַר, דערפילט אַ גוטע שליחות.
היות ווי אונדזער זיג וועט זיין אַ גרויסער
און די געפאַנגענע — גאָר אָן אַ צאָל,
האָב איך באַטראַכט: זיי לוינט נישט אויסצושלאַכטן,
נאָר גיכער צו פאַרקויפן זיי פאַר שקלאַפן.
דו הרגעסט זיי — האָסטו במילא גאָרנישט,
עס קאָסט נאָך צייט און טירחה זיי צו טויטן,
בפרט ווען זייער צאָל איז אָן אַ שיעור;
דאַקעגן, האָבן מיר פאַר זיי מזומן
בעת אונדזער מלוכה־אוצר איז גאַנץ ליידיק...
האָב איך גערעדט שוין מיט די שקלאַפן־הענדלער.
אין פאַלאַץ וואַרטן זיי מיט געלט און קייטן
און זענען גרייט צו גיין מיט אונדז אין שלאַכטפעלד
און צאָלן גלייך אַ פיינעם, גוטן מקח.
און אויב עס וועט באַוויליקן דער קעניג
קאָן איך זיי גלייך אַריינרופן.

אַנטיאָכוס:

גיי רוף זיי.

(מענעלאַאוס אָפּ. עס קומען אַריין מיליטער־אָנפירער, צווישן זיי ליזיאַס)

ליזיאַס:

(צו אַנטיאָכוסן)

מיין האַר, מיר זענען גרייט צו גיין אין שלאַכטפעלד.

אַנטיאָכוס:

אויך איך בין גרייט.

(אַנטיאָכוסעס מענטשן נעמען אים אַנטון זיינע מלבושים, פּאַנצער און כלי־זין. מענעלאַאוס קומט אַריין מיט שקלאַפן־הענדלער, באַלאָדענע מיט ביימלען געלט און קייטן)

די שקלאַפן־הענדלער:

(שטאַרק הכנעהדיק)

געלויבט זיי, אונדזער קעניג.

(עס הערט זיך כסדר דאָס קלימפּעריי פון די שקלאַפן־הענדלערס ביימלען געלט, פון די קייטן און קריגס־מכשירים. די שקלאַפן־הענדלער צווישן זיך)

ערשטער שקלאַפן־הענדלער:

מען זאָגט, ס'וועט זיין אַ זול אויף יידן־שקלאַפן...

צווייטער שקלאַפן־הענדלער:

(מיט חניפה)

וואָס דען, אַז אונדזער קעניג גייט זיך שלאָגן...

דריטער שקלאַפן־הענדלער:

די צאָל געפאַנגענע וועט זיין אַ גרויסע.

ערשטער שקלאַפן־הענדלער:

וועט קלענער זיין דערפאַר מסתם דער מקח...

אַנטיאָכוס:

(צו די שומרים, אָנווייזנדיק אויף עטרהן)

זי אויפבינדן און שמידן זי אין קייטן!

(שומרים טוען דאָס. אַנטיאָכוס צו זיינע מענטשן)

כ'בין גרייט צום שלאַכט, געטרייע אונטערטאַנען!

ערשטער שקלאַפֿן-הענדלער:

(שושקעט זיך מיט די איבעריקע סוחרים, אָנווייזנדיק אויף עטרהן)

זעט אויס צו זיין די ערשטע שקלאַפֿין... כ'נעם זי...

צווייטער שקלאַפֿן־הענדלער:

כ'וועל געבן מער, זי זאָל צו מיר געהערן...

ערשטער שקלאַפֿן-הענדלער:

איך בעט דיך, שלאָג מיר נישט אַריין אין מקח...

אַנטיאָכוס:

(צו עטרהן, מאַכנדיק די ערשטע טריט צום אַרויסגיין)

וועסט גיין מיט מיר, מיין צויבעריך, מיין שיינע,
וועט מזלדיקער זיין...

(שטעכט אַרויף אויף אַ שפּיז עטרהס שלייער־טוך)

דיין שלייער־טוך
וועט זיין די פֿאָן פֿון אונדזערע נצחונות.

עטרה:

(אָפּגייענדיק מיט געבונדענע הענט און מיט אַ פֿאַרהויבענעם קאָפּ)

מיין שלייער־טוך וועט זיין פֿאַר אייך תכריכים!

●

בילד פינף

אין די בערג פון יהודה. אַלץ ווי אין צווייטן בילד. אַזאַר דער שלייפער קומט־אָן מיט זיין שלייף־מכשיר זינגענדיק. בשעת זיין זינגען קומען צו קריגסלייט מיט כלי־זין צום שאַרפן.

אַזאַר:

(זינגט)

נישט קיין יאוש אויפן האַרץ,
נישט קיין זשאַווער אויפן שטאָל.
דורך מיין האַנט ווערט אויסגעשאַרפט
אונדזער מאַכט פון באַרג און טאָל.

גאָלד און זילבער האָב איך נישט,
דאָך בין איך נישט אָרעם, ניין, —
פונקען גאָלדענע אַ שלל
שיט זיך פון מיין פראָסטן שטיין.

ווי דער צאָרן פון דעם קנעכט,
זיין זאָלסטו, כלי־זין, שאַרף,
ווייל דעם שלעכטן, בייזן האַר
טויטן אונדזער שווערד באַדאַרף.

אין דעם הייליקן געשלעג
יעדער וואָס ער קאָן נאָר טוט.
כ׳שאַרף אייך, שווערדעלעך, צום שלאַכט,
ברענגט מיין לוין — דעם שונאס בלוט.

ניט קיין יאוש אויפן האַרץ,
נישט קיין זשאַווער אויפן שטאָל.
דורך מיין האַנט ווערט אויסגעשאַרפט
אונדזער מאַכט פון באַרג און טאָל.

(רופט)

ווער האָט עפּעס, ווער האָט עפּעס צום שאַרפן ?!
כלי־זין, שווערדן, שפּיזן, העק, חלפים!
אַהער, אַהער כל־זמן דאָס ראָד נאָר דרייט זיך !
נישט וואַרטן, ברידערלעך, ביז לעצטער רגע!
אַהער, אַהער, חלפים, העק און שווערדן!

(דער מוהל קומט אָן)

דער מוהל:

איך זע ס'איז דאָ צו שאַרפן, אָן עין־הרע.

איינער פון די קריגסלייט:

באַפוילן האָט מען אַלע שווערדן שאַרפן...

אַ צווייטער:

מסתמא נישט צום שניידן קיין אתרוגים...

אַזאַר:

אַז וואָלקנס קלויבן אָן זיך אויפן הימל
איז דאָס אַ סימן און באַווייז אויף שטורעם
און ווען עס קלויבן זיך אַזויפיל שווערדן
איז דאָס אַ סימן, ברידערלעך, אַ סימן...

דער מוהל:

(רייסט איבער)

נישט אויף קיין שלעכטן וועטער, נישט אויף רעגן...
יאָ, יאָ, דער חכם דאַרף אַ שאַרפן מוח
און שאַרפע שווערד־און־שפּיז באַדאַרף דער קריגער.

אויב מ'האָט באַפוילן שאַרפן דאָס כלי־זין
איז דאָס אַ סימן, אַז מען וועט עס דאַרפן...

אַזאַר:

אַנומלט, הערסטו, האָב איך אויך געשליפן
יהודהס שווערד... וואָס פאַר אַ גליק און זכיה!...
(גיט די אַרומיקע דאָס אָנגעשאַרפטע כלי־זין)
ווער האָט נאָך, ברידערלעך, ווער האָט צום שאַרפן!
אַהער, אַהער, כל־זמן דאָס ראָד נאָך דרייט זיך!
(אַלע צעגייען זיך. אַזאַר לאָזט זיך אַוועק זינגענדיק)

נישט קיין יאוש אויפן האַרץ,
נישט קיין זשאַווער אויפן שטאָל,
דורך מיין האַנט ווערט אויסגעשאַרפט
אונדזער מאַכט פון באַרג און טאָל.

(אָפּ. עס קומען אָן יוחנן און אליעזר רעדנדיק האַסטיק)

אליעזר:

ס'געשיקט זיך נישט אַזוי אין קריג, מיין ברודער.
אומפאַרזיכטיק צו זיין אין קריג איז אַן עבירה.
מיר דאַרפן בייטן גלייך די הייל און אפשר
אַפילו, יוחנן, דעם גאַנצן לאַגער...

יוחנן:

ביסט, אליעזר, יונג און אומבאַרעכנט.

אליעזר:

און אַז כ'בין יונג, קאָן איך דאָס נישט באַנעמען?
כ'בין אַלט גענוג צו שטאַרבן פאַר דער פרייהייט,
במילא קאָן איך אויך אַ דעה זאָגן.

יוחנן:

ס'אַ בושה אויב דו קאָנסט אַזוי גאָר טראַכטן.
האָסט נישט קיין פאַרכט און אָפּשיי פאַר יהודהן,
קיין צוטרוי צו דיין אויבערהאַר און ברודער.

אליעזר:

עס גילט אין קריג די טובה בלויז פון קריג.
מ׳דאַרף תיכף ומיד דעם לאַגער בייטן.
דאָס איז מיין דעה, ברודער. האָסט פאַרשטאַנען?
עטרה איזביים שונא זינט מעת־לעתן.
כ׳וויל איר נישט חושד זיין, און צו יהודהן
כ׳האָב צוטרוי פיל, נאָר כל־זמן זי געפינט זיך
ביים שונא אין די הענט, בין איך נישט זיכער,
בפרט ווען אַלע זענען אומגעקומען
אָן מינדסטן פגם, איז זי געבליבן לעבן...

יוחנן:

ס׳רעדט חולדה דאָס אַרויס פון דיר, דאָס שפיר איך.
איר דעה האָט קיין האַפט. אַ פרוי און בעל־נוגע,
עס גריזשעט איר די קנאה ווי אַן עקדיש.

אליעזר:

זאָל זיין, אַז חולדה זאָגט עס בלויז אויס קנאה.
קאָנסטו באַווייזן דעם דעם קרומען שכל
פון מיינע רייד?

יוחנן:

גיי זאָג־זשע דאָס יהודהן.

אליעזר:

זאָג דו אים, דו ביסט עלטער.

יוחנן:

אמת... אָבער
איך קאָן נישט אָנטון אים דעם עגמת־נפש.

אליעזר:

נישטאָ איז היינט פאַר אונדז קיין עגמת־נפש,
בעת איטלעכער איז גרייט דאָס לעבן אָפּצוגעבן.
(חולדה קומט אָן)

אַט גייט זי, חולדה. קום און זאָג דיין דעה,
מיר אמפּערן זיך דאָ צוליב עטרהן.
איך האַלט, מיר דאַרפן גלייך דאָס אָרט פאַרלאָזן.

חולדה:

כ'האַלט אויך אַזוי. נאָר מיך, ווער וועט מיך הערן?
ס'טראַכט יוחנן: אַ ווייבערישער שכל.
דאָך זאָג איך אים: עטרה איזביים שונא,
און ס'האָט זי אַנטיאָכוס נישט געטויטעט
בשעת ער קוילעט אויס ירושלים.
קאָנסטו מיר אפשר, יוחנן, דען זאָגן
פאַר וועלכן פּרייז זי איז געבליבן לעבן?...

יוחנן:

דאָס קומט מיר גאָרנישט אויפן רעיון, חולדה.

חולדה:

מיר יאָ. און כ'וועל דיר זאָגן מיין השערה:
ס'קאָן קיינער נישט באַווייזן, אַז עטרה
געקומען איז צום קריג צוליב דעם קריג
און נישט צוליב איין אויסדערוויילטן קריגער...

יוחנן:

איך ווייס עס נישט. נאָר לאָמיר זאָגן... אפשר...

חולדה:

אויב אונדזער קריג איז נישט געווען איר כוונה,
צי קאָן נישט גריילעך זיין, ווען זי געפינט זיך
ביים פיינט געפאַנגען און זי ווייסט, אַז סיי ווי
פאַרלוירן איז יהודה שוין פאַר איר, זי זאָל גאָר
פאַרלאָזן אונדזער קריג, וואָס איז נישט אירער,
און רעטן כאָטש אַזוירנאָך איר לעבן?...

יוחנן:

דו זאָגסט דאָס ערגסטע אויף עטרהן, חולדה!

חולדה:

איך זאָג דאָס נישט.

יוחנן:

דו זאָגסט.

אליעזר:

ס'איז איר השערה.

(יהודה באַווייזט זיך, דערהערנדיק נאָך די לעצטע שטרייט־ווערטער און באַמערקנדיק נאָך די האַסטיקע באַוועגונגען פון יוחנן, חולדהן און אליעזרן, וועלכע, ביים דערזען יהודהן, בלייבן פלוצלינג שטום און אומבאַוועגלעך)

יהודה:

וואָס בלייבט איר עפּעס שטיל ווען איר דערזעט מיך?

(יוחנן, חולדה און אליעזר שווייגן)

וואָס האָט מען דען אַזוינס גאָר צו פאַרבאָרגן?

(יוחנן, חולדה און אליעזר גייען זיך פאַנאַנדער אין פיינלעכן שווייגן)

וואָס שווייגט מען און מען קוקט מיר נישט אין פּנים?
וואָס פאַר אַ סודות גאָר פאַר מיר באַהאַלט מען?
פון וואָס? פון איר? צי גאָר פון אַ מפּלה? — — —
און אויב ס'זאָל זיין אפילו פון עטרהן
און אויב זאָגאר אַן אומגליק האָט מיט איר פאַרלאָפן —
וואָס שווייגט מען ווען מען זעט מיך? וואָס אַנטלויפט מען?

(יוחנן באַווייזט זיך צוריק, דערנעענטערט זיך געלאַסן און נישט דרייסט צו יהודהן)

יוחנן:

יהודה, הער...

יהודה:

איך הער. וואָס איז? נו, רעד שוין!

יוחנן:

עס טוט מיר לייד, נאָר כ'מוז דיר איבערגעבן,
דאָס, וואָס דו שטויסט זיך אָן אַליין מסתמא...

יהודה:

(באַאומרואיקט)

מסתם עטרה... זאָג!...

(אליעזר און חולדה קומען צו געלאָפן, פאַרשלאָסענע אין זיך)

יוחנן:

אַן אומגליק מיט עטרהן...
עטרה איז צום פיינט אַריינגעפאַלן...

יהודה:

(שווייגט אַ פאַרקלעמטער אין ווייטיק)

יוחנן:

(מיט אַ שוואַכן טאָן פון טרייסט)

זי לעבט אָבער...

יהודה:

(מיט נישט־קלאָרע פאַרבאַהאַלטענע געפילן פון צופרידנקייט)

זי לעבט...

אליעזר:

זי לעבט, יהודה,
גראָד אין דעם גליק באַשטייט אפשר דאָס אומגליק...

יהודה:

וואָס מיינט דאָס? ווילט איר גאָר זי זאָל נישט לעבן?

יוחנן:

אַזוי דאַרפסטו נישט טראַכטן גאָר, יהודה.

אליעזר:

(צו יהודהן)

דו ווייסט דאָך גוט ווי מיר, אַז אַנטיאָכוס

טויט איטלעכן, וואָס וויל נישט טון זיין רצון,
וואָס וויל נישט דינען דער עבודה־זרה
און נישט פאַראַטן אונדז, און לעצטנס זאָל ער
גאָר טויטן יעדן נפש, און זי לעבט...

יהודה:

וואָס ווילט איר זאָגן דען דערמיט? וואָס ווילט איר?!
(פאַרזינקט אין מחשבות. יוחנן, אליעזר און חולדה דערווייטערן זיך
אין פיינלעכן שווייגן. אָפּ)

קאָן זיין, איך טאָר אויף זיי נישט האָבן קיין פאַריבל
און נישט פאַר אומגוט נעמען זייערע השערות...
זי לעבט!... — האָט אָבער זייער האַרבער פאָרוואורף
מיין ברוסט ווי מיט אַ שפּיז אַדורכגעשטאָכן...
זי לעבט... קאָן זיין דען דאָס אויף וועמענס חשבון?!
ניין, ניין! עס וויל מיין האַרץ אין דעם נישט גלויבן!
דו מוזט אָבער! דו ביסט אין קריג מחויב
צו יעטוועדן געדאַנק זיך צוגעווינען... — — —
עטרה, ווי כ׳באַגער, אַז דו זאָלסט בלייבן לעבן,
נאָר ציכטיק־ריין צוגלייך זאָלסטו פאַרבלייבן.
צי קאָנעןביידע דען מקוים ווערן?...
ווי איז דאָס מעגלעך דען? ווי איז דאָס מעגלעך?!
(פויזע)

און איך אַליין האָב זי געשיקט אויף דער סכנה... —
ווי וואַגסטו אַזוי טראַכטן גאָר, יהודה?!
וואָלט לייכטער דיר געווען ווען עמעץ אַנדערש
געגאַנגען וואָלט דערפילן איר שליחות?
וואָלט ביליקער געווען דיר יענעמס לעבן,
נאָך וועלכן עמעצער וואָלט אויך געטרויערט?
האָט זי דעם קרבן דען נישט זעלבסט באַוויליקט?
ביסטו דען נישט אַליין גאָר שטאָלץ געווען
מיט איר און מיט איר אָפּפערן זיך גופא?
(יוחנן, אליעזר, חולדה, און דער מוהל קומען־אָן שנעל, האַסטיק און
מונטער)

יוחנן:

זיי גייען שוין! זיך אומגעקערט בשלום!

אליעזר:

און זאקרויב פירן זיי פאַר אונדז פון שלאַכטפעלד.
(עס קומען־אָן יונתן, שמעון און אַנדערע קריגסלייט ב־יענגענדיק
זאקרויב און טראַפּייען און פירנדיק מיט זיך באַפרייטע יידן)

יהודה:

ברוכים הבאים, יונתן און שמעון!
זאָל אייער קומען זיין געבענטשט מיט שלום!
(נעמט זיך אַרום מיט זיינע ברידער)

שמעון:

צו אייערע געצעלטן שלום!

שטימען:

שלום!

יונתן:

אוי, האָבן מיר אים דאָס געיאָגט, דעם שונא.

שמעון:

ס'האָט כוח אַזש פאַרפעלט אים נאָכצויאָגן...
שיינט, אַנטיאָכוס זאָל אויך האָבן דאָרטן
געווען און גלייך, באַצייטנס, שנעל אַנטלאָפן.
צו ווייט איז דאָס געווען פאַר אונדזער ראיה...

יונתן:

מיר האָבן פיל געפאַנגענע גענומען
ביים פיינט און זאַקרויב אויך פון אַלע מינים,
אויך ברידער אייגענע באַפרייטע פון מטורף,
אַנטרונענע, געבלאָנקעט אין די זאַמדן...

יהודה:

(גיט אַ צייכן די גראַטעוועטע יידן צוצוגיין נענטער. צו זיי)
פון וואַנען, ברידער?

ערשטער פון די אַנטרונענע:

פון ירושלים.
דער שונא שעכט און ברענט אויף שייטערהויפנס
זקנים, פרויען, עופהלעך אפילו.
אייך, קריגסלייט, זעט ער, קאָן ער נישט באַזיגן...
ס'איז פול מיט מתים גאַנץ ירושלים,
פאַרלאָזן, וואַלגערן זיי זיך אויף אַלע גאַסן,
און ס'איז נישטאָ ווער ברענגען זאָל צו קבורה,
ווער ברענגען זאָל אַ טרייסט און אַ ישועה
און ווער ס'זאָל וויינען דאָרטן, חוץ שאַקאַלן.

יהודה:

און ווי האָט איר באַוויזן צו אַנטרינען?

צווייטער פון די אַנטרונענע:

מיט ניסים, גואל אונדזערער, מיט ניסים.
פון דאַך געשפרונגען, רוק־און־לענד געבראָכן.

דריטער פון די אַנטרונענע:

וואָס ניסים הייסט. איך בין פון טויט אַנטלאָפן,
פון עולם, וואָס איז שוין געפירט געוואָרן
צום גרוב. אַ זעלנער האָט מיר נאָכגעשליידערט
אַ פייל. זי האָט געטראָפן מיך אין אָרעם.
איך בין מיט איר געלאָפן, אַלץ געלאָפן...
און אָט איז זי, די פייל.
(דערלאַנגט יהודהן די פייל)

יהודה:

באַהאַלט זי, ברודער,
דו וועסט זי שליידערן צוריק דעם שונא.

פערטער פון די אַנטרונענע:

(ווי אין וואַנזין)
ס'וועט מער נישט זיין קיין פאָלק און נישט קיין לעבן!...
אַ מת בין איך...

יהודה:

(זוי פאַר זיך)

דער ייד איז חסר דעה...

פּערטער פון די אַנטרונענע:

די שפּיז האָט מיך געטראָפן בלויז אין מלבוש,
כ׳בין ווי אַ מת געלעגן צווישן מתים.
דער פלאַם האָט מיך פאַרכאַפּט. און ווי דער צינדער
איז נאָר אַוועק, האָב איך זיך אויפגעהויבן
און מיט אַ ברענענדיקער באָרד אַנטלאָפן...
אַ מת בין איך!...

יהודה:

(צו חולדהן און צום מוהל)

גייט, פירט זיי צו געצעלטן.

פּערטער פון די אַנטרונענע:

(לאָזט זיך אַליין אַוועק מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט)

ס׳וועט מער נישט זיין קיין פאָלק!...

יהודה:

ווו גייט ער? בינדט אים!

(חולדה פירט אַוועק די אַנטרונענע. דער מוהל לאָזט זיך אַוועק פאַרהאַלטן דעם פּערטן אַנטרונענעם, ברענגט אים צוריק צו יהודהן)

פּערטער פון די אַנטרונענע:

ס׳וועט מער נישט זיין...

יהודה:

(צום מוהל)

אין הייל אַריין און בינד אים!

דער מוהל:

(נישט קאָנענדיק פועלן ביי זיך)

אַן אייגענער...

(וואַרט אַ ווײַלע אויף ענטפער און רוקט אַוועק אַ פאַרשטעלנדיקן שטײַן, ווו ס׳זעט זיך אַ הייל־עפענונג. לאָזט אַהין אַרײַן דעם ייד און אַלײַן בלײַבט ער דערווײַל פון דרויסן. חולדה קומט צוריק)

יהודה:

אַן אייגענער, יאָ, כ׳ווייס עס.
און נישט בלויז בינדן, נאָר אויך טויטן מוז מען
ווען נויטיק איז, מען זאָל דאָס נישט באַדאַרפן!...
נישט אים, נאָר זײַן שגעונדיקן יאוש
וואָלסטו געטויט. באַלד וואָלט ער אים צעטראָגן
און אָנשטעקן געקאָנט מיט אים די קריגסלײַט.
דער יאוש הרגעט פריער נאָך דעם קריגער
פון שונאס שווערד...

יונתן:

און איצט יהודה, קוויק זיך
מיט נחת פונעם זיג, מיט אונדזער שמחה.
געפאַנגענע פון שונא צום פאַרהערן.
(עס דערשײַנען די שקלאַפן־הענדלער, גענומענע אין געפאַנגענשאַפט)

ערשטער שקלאַפן־הענדלער:

(צו יהודהן, בוקנדיק זיך מיט הכנעה)
מיר מישן זיך נישט אין די קריגס־ענינים...

יהודה:

וואָס דען האָט איר געפּראַוועט אויפן שלאַכטפעלד?

ערשטער שקלאַפן־הענדלער:

מיר זענען פרידלעכע און פײַנע בירגער
און צוליב מסחר זענען מיר געקומען
צום שלאַכטפעלד און זאַגאַר אָן וואָפן...

יהודה:

מסחר...

צווייטער שקלאַפן-הענדלער:

מיר זענען אָרנטלעכע שקלאַפן־הענדלער...

דריטער שקלאַפן-הענדלער:

און מיר גענאַרן קיינעם נישט אין מקח...

ערשטער שקלאַפן־הענדלער:

אויב איר האָט סחורה אויך, איז מהיכי־תיתא.
מיר מאַכן אויך מיט אייך אַ גוטן מסחר.

יהודה:

די פרייהייט ברענגט מיין שווערד און נישט קיין שקלאַפן.
נישט זיין פאַרשקלאַפט און נישט פאַרשקלאַפן קיינעם!

צווייטער שקלאַפן-הענדלער:

(מבולבלדיק)

אַן האַנדל און אַן שקלאַפן גאָר, ווי איז דאָס מעגלעך?

דריטער שקלאַפן-הענדלער:

(צו יהודהן)

נעם אַלץ נאָר, וואָס דו ווילסט, און לאָז אונדז לעבן
און לאָז אונדז, האָר, צו ווייבער און צו מסחר.

צווייטער שקלאַפן-הענדלער:

נאָך ווינציק אונדזער היזק וואָס מיר האָבן
בחינם אויסגעגעבן געלט אויף קייטן...

יהודה:

וואָס שייך די קייטן מאַכט אייך נישט קיין דאגות.
זיי וועלן טאַקע דינען אייך, נישט קיינעם,
ווייל דער, וואָס ברענגט אונדז קייטן, וועט זיי טראָגן —
ביז קייטן וועלן מיר נישט מער באַדאַרפן.

פערטער שקלאַפן־הענדלער:

(צו די איבעריקע שקלאַפן־הענדלער)

איר זעט, ווייל אונדז האָט מען געכאַפּט באַצייטנס...

צווייטער שקלאַפן-הענדלער:

(מיט פאָרוווּרף)

דער קעניג אויף זיין רייטוואָגן דער ערשטער
האָט גלייך זיך אָפּגעטראָגן...

יהודה:

(שטאַרק נייגעריק)

אַנטיאָכוס?

(גיט אַ צייכן דעם צווייטן שקלאַפן־הענדלער, ער זאָל צוקומען נעענטער)

צווייטער שקלאַפן-הענדלער:

יאָ, אַנטיאָכוס מיט זיין שיינער שקלאַפין...
זי האָט ער נישט געוואָלט פאַר געלט פאַרקויפן
און ביים אַנטלויפן אויך זי מיטגענומען.
צו שיין איז זי געווען...

(יהודה און זיינע מענטשן קוקן זיך איבער באַנעמענדיק עפּעס שטאַרק אויפפאַלנדיקס)

יהודה:

וואָסער שקלאַפין?

צווייטער שקלאַפן-הענדלער:

אַ יידין אויך, פון אייערע מסתמא...
ווען ס׳זענען שנעל די פיילן אָנגעפלויגן
האָט זיך דער קעניג הינטער איר באַהאַלטן,
געקושט זי און געהאַלדזט און זי גערופן:
מיין צויבערין, עטרה, געטין מיינע...

(יהודה און זיין צד אין איינגעהאַלטענער איבעראַשונג)

יהודה:

אַזוי האָסטו געהערט? וואָס נאָך?

צווייטער שקלאַפן-הענדלער: מער גאָרנישט.

יהודה:

און זי? האָט זי אים אויך געקושט? געהאַלדזט אים?

צווייטער שקלאַפן-הענדלער:

געפלויגן זענען איבער אונדז די פיילן
און ווייטער איז דאָס אונדז נישט אָנגעגאַנגען...

דריטער שקלאַפן-הענדלער:

נישט דאָס איז אונדז געלעגן דאַן אין זינען...

יהודה:

(צו זיינע מענטשן)

איך האָב גענוג. זיי אָפּפירן פון דאַנען.

(עטלעכע פון יהודהס מענטשן לייגן אַרויף אויף די שקלאַפן-הענדלערס הענט זייערע אייגענע קייטן. די שקלאַפן-הענדלער, ווירבנדיק פון אָרט, צווישן זיך אין קעגנזייטיקע פאָרוואורפן)

ערשטער שקלאַפן-הענדלער:

וואָס האָב איך דען געברויכט דעם גאַנצן מסחר?...

צווייטער שקלאַפן-הענדלער:

(צום דריטן)

אַלץ דו! דו האָסט מיך צוגערעדט צום עסק!...

דריטער שקלאַפן-הענדלער:

אַלץ ער!

פערטער שקלאַפֿן־הענדלער:

נישט איך... דער מעקלער מענעלאַאוס!...

(אַלע שקלאַפֿן־הענדלער אָפּ מיט זייערע באַגלייטער. אויף דער בינע בלייבן בלויז יהודה, זיינע ברידער און חולדה. פויזע)

שמעון:

עטרה אַ פאַרעטערין... עטרה...

יונתן:

ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין צו גלויבן, איז דאָס
דער אמת, ליידער. און איך מוז עס זאָגן...

יהודה:

(אין שווערן שוויגן, זעט נישט קיינעם)

אליעזר:

איך האָב דאָס גלייך געוווסט, כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען...
איך... איך... און נישט באַדאַרפט האָב איך צו וואַרטן
ביז שקלאַפֿן־הענדלער וועלן דאָס באַווייזן...

יוחנן:

(געבנדיק אַ צייכן צו אליעזרן צו זיין רואיקער. צו יהודהן)

נישט דיך אַליין געטראָפן האָט דאָס אומגליק,
דאָס אומגליק איז אויך אַלעמענס, יהודה...

שמעון:

דאָס וויכטיקסטע פון אַלץ: וואָס טוט מען איצטער?

יונתן:

זאָל קודם־כל יהודה דאָס באַשטימען.

(גיט אַ צייכן צו לאָזן יהודהן אַליין)

מען דאַרף אים לאָזן דאָס אַליין באַקלערן.
קומט, לאָמיר אָפּפירן דערווייל דעם זאקרויב.

(אַלע נעמען צונויף דעם אַנגעוואַלגערטן זאַקרויב. גייען אַוועק דערמיט. יהודה אַליין אין שווערן נאָכטראַכטן)

יהודה:

עטרה אַ פֿאַרעטערין... עטרה...
פֿאַרשאָלטן וואָלסטו זיין באַדאַרפֿט, געהער מיינס,
אויב דאָס איז דיר באַשערט געווען צו הערן.
פֿאַראַט. פֿאַראַט. פּילפּאַכיקע בגידה.
פֿאַראַטן מיך, פֿאַראַטן די מלחמה,
פֿאַראַטן ס׳פֿאָלק, פֿאַראַטן אונדזער ליבע.
און איצט רייס אויס פֿון האַרץ איר יעדן סימן
און איר געזיכט מעק אויס פֿון דיין זכרון!
דעם קרבן האָט זי נישט געקאָנט אַפֿילו
פֿאַר מיר, פֿאַר מיר, פֿאַר איר יהודהן, ברענגען...
אַז ליבערשט וואָלט אַ דונער זי געטראָפֿן,
צי ס׳וואָלט פֿאַר איר די ערד זיך אויפֿגעעפֿנט,
צי גאָר פֿאַרצוקט וואָלט זי אַ חיה־רעה.
וואָלט איך זי כאָטש געקאָנט אין צער באַוויינען
און אויף מיין קאָפּ אַ זאַק מיט אַש זיך אָנטון
צום צייכן פֿון מיין אומגליק און מיין טרויער.
פֿאַרלוירן זי, פֿאַרלוירן זי אויף אייביק
און ס׳קאָן זי נישט צומאָל מיין טרער באַגלייטן,
אַחוץ מיין שאַנד, מיין קללה און פֿאַראַכטונג...
די ווונד וואָס ברענט אין האַרץ פֿאַרבינד, פֿאַרוויקל
אין טויזנטער געוואַנטן פֿון בטחון.
פֿאַרוויש דעם צער, דעם ווייטיק פֿון דיין פּנים,
זאָל קיינער אים נישט זען, דו הערסט, יהודה,
ווייל ער קאָן לייגן זיך אויף די נשמות
פֿון דיינע לייט, ווי זשאַווער אויף די שווערדן.
דאָס פֿייער בלויז פֿון שלאַכט איז ביכולת
דיין טיפֿע ווונד פֿון האַרצן אויסצוברענען.

(הולדה קומט אָן)

חולדה:

כ׳דאַרף אפֿשר בעטן גאָר ביי דיר מחילה?

יהודה:

פאַרוואָס?

חולדה:

מיר דאַכט...

יהודה:

ביסטו אין עפּעס שולדיק?

חולדה:

לגמרי נישט.

יהודה:

פאַרוואָס־זשע...

חולדה:

כ'ווייס נישט... אפשר
ווייל איך האָב אויך, ווי אַלע, אויף עטרהן
די פיינלעכסטע פאַרדאַכטן אומגעטראָגן.
קאָן זיין, איך מער פון אַלע ווייל איך האָב נישט
געהאַט ביי דיר די זכיה וואָס עטרה...
נאָר איצטער זעסטו גלייך מיט מיר דעם אמת,
און איך, איך קום צו דיר, ווי דיינע ברידער,
מיט מיטגעפיל צו דיר אין דיינע צרות,
וואָס דאַרפן זיין פון אַלעמענס נאָך גרעסער.

יהודה:

איך דאַנק דיר, חולדה, פונעם גאַנצן האַרצן.

חולדה:

געפין אַ טרייסט אין פאַלק, וואָס אָן אַ שיעור
איז גרויס צו דיר זיין ליבשאַפט און פאַרערונג,
וואָס קינד־און־קייט איז גרייט פאַר דיר צו שטרעקן
דעם האַלדז, און איך, איך אויך בתוכם.

יהודה:

איך ווייס, איך ווייס צו שעצן פיל די ליבשאַפט
פון פאָלק, פון יעדן, און פון דיר אוודאי.

חולדה:

אַט ווייז איך דיר פאַר מיינע רייד אַ סימן:
דו גיב מיר די שליחות וואָס עטרה
איז נישט געווען מצליח און איך וועל זי
דערפילן גלייך.

יהודה:

דו וועסט עס טון פאַר וועמען?
פאַר מיר?

חולדה:

פאַר דיר, פאַר דיר און אויך פאַר אַלע.

יהודה:

איך וועל דיר געבן, חולדה, אַ שליחות.
דו לאָז זיך תיכף קיין ירושלים,
באַמי זיך דאָרטן גלייך געוואָר צו ווערן
דעם גאַנצן אמת וועגן איר... עטרהן...

חולדה:

איך מיין, אַז אַלץ איז קלאָר, נאָר אויב, יהודה,
דאָס איז דיין ווילן, אויב ס׳קאָן לייכטער מאַכן
די ליידן דיינע, בין איך גרייט זיך לאָזן
דערפילן דיין שליחות.

יהודה:

גיי בשלום
און זיי מצליח, חולדה.

חולדה:

(אַוועקגייענדיק, אַנטשלאָסן)

כ׳וועל זיך גרייטן.

(אָפּ. אין דער זעלבער צייט קומען אָן שמעון, יוחנן, יונתן און אליעזר)

שמעון:

יהודה, כ׳מיין, מיר דאַרפן גלייך באַשטימען,
אַנטשליסן וועגן אונדזער שווערן מצב.

יוחנן:

נאָך איידער ס׳וועט די פיינלעכע ידיעה
פאַנאַנדערטראָגן זיך אויף אַלע לעפצן.

אליעזר:

איך מיין, עס דאַרף זיך יעדער איינער פרעגן:
וואָס האָט געטון עטרה אויפן שלאַכטפעלד?
צי האָט זי נישט דעם שונא אָנגעוויזן
דעם וועג צו אונדזער ריכטונג, אונדזער לאַגער?

יונתן:

ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין, באַדאַרף מען זאָגן,
פון אליעזרס רייד איז קלאָר געדרונגען:
מיר זענען אפשר אַלע אין סכנה.

(צו יהודהן)

און דו ווי מיינסט?

יהודה:

איך קאָן נישט מיינען אַנדערש,
דער עיקר, ס׳איז פון יעדנס מיין געדרונגען:
מיר דאַרפן אונדזער אָרט פאַרלאָזן תיכף.

יונתן:

דאָס האָבן מיר געוואָלט דיר גרייַלעך זאָגן.
פאַרלאָזן אונדזער אָרט. וואוהין, אָבער, יהודה?

יהודה:

פון דאַנען גיין — איז בלויז איין אָרט פאַראַנען.
איין אָרט — און דאָס איז בלויז ירושלים.

שטימען פון די ברידער:

ירושלים...

יהודה:

יאָ, ירושלים!

אליעזר:

געלויבט זיי און געאַכפערט, אונדזער ברודער!

אַלע פיר ברידער:

געלויבט זיי און געאַכפערט, אונדזער ברודער!

יהודה:

פון דאַנען לאָמיר געבן זיך אַ שבועה,
איין וועג בלויז פירט אונדז — קיין ירושלים,
דאָס פאָטערלאַנד אינגאַנצן אויסצולייזן.

אַלע פיר ברידער:

(אויפהויבנדיק די שווערדן)

מיר שווערן דיר ביי אונדזער שווערד, יהודה!

בילד זעקס

אין דער פעסטונג אַקראַ אין ירושלים — לעצטער מקום־מקלט און רעטונגס־אָרט פון אַנטיאָכוסן און זיינע לייט פון דער סיריש־העלענישער און העלעניש־יידישער אַריסטאָקראַטיע. טומל און בהלה. עס לויפן דורך סאָלדאַטן מיט שטריק, לייטערס און אַנ־דערע רעטונגס־כלים. קולות און געשרייען.

שטימען פון סאָלדאַטן:

סכנה! נישט געשריגן דאָרט! געשווינדער!

(אַנטיאָכוס לויפט־אַן, עס לויפט אים אַן אַנטקעגן ליזיאַס)

ליזיאַס:

דער מצב איז גאָר ערנסט, קעניג אַנטיאָכוס!

אַנטיאָכוס:

וואָס איז די לעצטע נאַכריכט, הויפּטמאַן ליזיאַס?

ליזיאַס:

זיי זענען אין ירושלים, קעניג!

אַנטיאָכוס:

דאָס ווייס איך, און דערפאַר האָב איך באַפוילן
זיך צו פאַרשאַנצן אין דער פעסטונג אַקראַ;
כ׳האָב אויך דערפאַר געשטעלט זי צו פאַרפיגונג
פאַר אונדזערע באַאַמטע און די שטאַטסלייט
און רייכסטע בירגער פון ירושלים.

ליזיאַס:

דאָס איז פון קעניג איידל און פאַרנונפטיק.

אַנטיאָכוס:

איך האָב זיי פאָרגעלייגט אַ שוץ און רעטונג,
און אַלע מיטן האָב־און־גוטס פאַרבעטן —
מען זאָל באַוויזן רעטן וואָס עס לאָזט זיך...

ליזיאַס:

מיינט טאַקע אונדזער קעניג, אַז מיר קאָנען
נאָך רעטן זיך? איז אַלץ נאָך נישט פאַרלוירן?

אַנטיאָכוס:

פאַרלוירן? דו פאַרגעסט, אַז מיר באַזיצן
די אקרא, און ווער ס'האָט די פעסטונג אקרא
דער האָט ירושלים.

ליזיאַס:

קעניג אַנטיאָכוס,
ס'איז אמת, אַז מיר זענען אין דער אקרא,
נאָר אויסער איר ווער איז? דאָס אויפשטאַנד־חייל!
עס רינגלט אונדז אַרום פון אַלע זייטן...
איין אויסגאַנג בלויז איז נאָך געבליבן אָפן.

אַנטיאָכוס:

(אין צערודערונג און פאַניק)

איין אויסגאַנג בלויז... איין אויסגאַנג... אפשר וועל איך
אַוועק דורך אים?...

ליזיאַס:

באַרואיק זיך, מיין קעניג.

(קוקט אַראָפּ פון דער מויער. עס דערטראָגט זיך פון אונטן אַ מענטשן־טומל)

אָט זענען דיינע לייט שוין אָנגעקומען

זיך רעטן, לויפן־אַן אין גרויס פאַרצווייפלונג,
זיי דאַרפן, מינדעסטנס, נישט זען דיין פחד.
דער ערשטער ביסט געקומען אין דער פעסטונג
דאַרפסטו אַוועק דער לעצטער, ווי עס פּירט זיך.

אַנטיאָכוס:

איך וויל קיין פאָרווורפן נישט הערן, הויפּטמאַן ליזיאַס!
זאָג בעסער וואָס דו האָסט געטון, איך זאָל נישט
באַדאַרפן קומען היינט צו אָט דער נידערלאַגע.

ליזיאס:

כ׳האָב אויסגעפירט די פליכטן און באַפעלן,
חוץ דאַן ווען ס׳האָט דאָס מיר געשטערט דער שונא...
כ׳האָב אויך געהייסן טויטן יעדן נפש
פון צווישן די באַוווינער פון יהודה,
נאָר ס׳איז געוועזן שוין צו שפּעט, מיין קעניג,
ווייל ס׳האָט יהודה המכבי שוין געהאַט
פאַרזאַמלט אַלע יונגעלייט צום אויפשטאַנד.

(דער טומל פון די אָנקומענדיקע הערט זיך נעענטער און שטאַר־
קער)

אַנטיאָכוס:

(אין פּאַניק און אין שרעק)
איין אויסגאַנג, זאָגסטו, הויפּטמאַן ליזיאַס!...

ליזיאס:

קעניג!
באַרואיק זיך, ווייל קאָנסט מיט דיין בהלה
דעם שונא בלויז פאַרשאַפן פרייד און קאַמפּסלוסט;
אָן דיר קאָן זיך די פעסטונג אונטערגעבן...
(דער טומל און בהלה ווערן גאָר גרויס)
איך לויף אַראָפּ צו דיינע לייט, מיין קעניג,
עמפּאַנגען זיי.
(אָפּ צו דער ריכטונג פון טומל)

אַנטיאָכוס:

(אין צערודערונג)

איין אויסגאַנג בלויז, איין אויסגאַנג!...

(אָפּ אין געאייל. אין דער זעלבער צייט באַווייזן זיך די רייכע סיריש־העלענישע און העלעניש־יידישע פּליטים, באַלאָדן מיט פּעק. צווישן זיי — אַריליוס און אָרפּילאַ. זיי ציען דורך דערשראָקענע, באַגלייט פון חולדהן, פאַרשטעלט פאַר זייערס אַ דינערין. בהלה און געפּילדער. אַנגסטיקע קולות הינטער דער בינע)

קולות פון הינטער דער בינע:

— געשווינדער, נישט געשפּילט זיך!
— איילט אייך אונטער!

אָרפּילאַ:

(פאַרבייציענדיק)

וואָס מיר האָבן דערלעבט! וואָס פאַר אַן אומגליק!

(שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע)

וואַרט־צו, איך מוז דעם אָטעם איבערכאַפּן...

אַריליוס:

(שטעלט זיך אָפּ)

געלויבט די געטער, אַז כ׳בין אָנגעקומען
בשלום אין אַ זיכער אָרט — אַ פעסטונג!

(רירט־אָן די מויער און פּרובירט אויס איר שטאַרקייט)

נישקשה. שטאַרק. און אויב מען וועט באַדאַרפן
באַפעסטיקן נאָך מער די ווענט, די זיילן,
וועל איך קיין געלט נישט שפּאָרן, הערסט, אָרפּילאַ.
אַפילו צו באַשלאָגן זיי מיט גאָלד און זילבער...

אָרפּילאַ:

אויב רעדסטו שוין פון גאָלד און זילבער, זאָג מיר,
האָסט נישט פאַרגעסן גאָרנישט פון מיין צירונג?

אַריליוס:

כ'האָב נישט פֿאַרגעסן גאָרנישט, כאָטש דאָס לעבן
איז בילכער און איז איינגעשטעלט אַצינדער;
כ'האָב אויך דעם אוצר פֿון משכנות נישט פֿאַרגעסן,
מ'דאַרף האָבן אויך פֿאַר יענעמס גוטס 'אחריות...
קום שנעלער אויסרוען די מידע ביינער.
אַבי געראַטעוועט וואָס עס לאָזט זיך...

(רירט פֿון אָרט צוזאַמען מיט אַרפּילאַן און חולדהן)

אַרפּילאַ:

(באַקוקנדיק די פּראָסטע מויערן)

געטער זיסע!
וואָס מיר פֿאַרבלייבט פֿון די פּאַלייען מיינע!

(אָפּ מיט אַריליוסן און חולדהן)

איינער פֿון די פֿאַרבייציענדיקע:

(שטעלט זיך אָפּ)

דערויף האָב איך באַדאַרפֿט אַהער צו קומען
פֿון גריכנלאַנד, איך, גרויסער האַר פֿון אַטען,
פֿאַרנעמסטער בירגער, שענסטער גביר און סוחר;
באַדאַרפֿט אַהערקומען מיט מיינע שיפֿן סחורה
און איך אַליין זאָל מיט מיין לייב־און־לעבן
דאָ בלייבן שטעקן אין דער פֿעסטונג אקרא.
געמיינט צו מאַכן דאָ אַ גוטן מסחר
כל־זמן מלחמה פֿירט מען, ווי דער שטייגער.
איצט נאַר, זינק איין דאָ אין דער פֿעסטונג אקרא
ווי דיינע שיפֿן דאָרטן אינעם האַפֿן.

(אָפּ. שטימען פֿון די פֿאַרבייציענדיקע דאַמען פֿון אַדל)

ערשטע דאַמע:

אַ טרונק, אַ טרונק! כ'קראַפּיר, אַ טראָפּן וואַסער!

צווייטע דאַמע:

דערצו איז היינט אַ היץ נישט אויסצוהאַלטן!

(פאָכעט זיך)

אַ שטים:

(מיט פאַרביטערונג און אַנטוישונג)

גיי בעט ביי באַקכוסן, וועט ער דיר געבן
אַביסל משקה פון די לאָגלען זיינע...

ערשטע דאַמע:

מען זאָגט, די יידן האָבן ברונעמער פאַרגיפטעט...

דריטע דאַמע:

זיי עסן קינדער לעבעדיקערהייט...

ערשטע דאַמע:

מען זאָגט, אַז ציגן און בהמות מפלען
ווי נאָר עס קוקט זיי אָן אַ ייד...

(קולות פון מורא און בהלה)

אַ סאָלדאַט:

זייט שטילער!
דער שונא טאָר נישט הערן קיין געשרייען!

(אַלע לאָזן זיך אַוועק, באַגלייט פון סאָלדאַטן. עס קומען־אָן אַנטיאָכוס און שטאַטסמאַן מאַקראָן)

אַנטיאָכוס:

(אָנווייזנדיק אויף די אַוועקגייענדיקע אין טומל און בהלה)

ס'דאַרף הערן דאָס דער פיינט, בעל־יועץ מאַקראָן!...

מאַקראָן:

די מענטשן האָבן מורא, קעניג אַנטיאָכוס...

(ליזיאַס קומט אָן)

אַנטיאָכוס:

קאָן מיין געפינען זיך מיט זיי אַפילו
זיי נישט פאַרשאַפן זיכערקייט און גלויבן?

מאַקראָן:

הגם אַליין דער קעניג ווייזט אַרויס
אומזיכערקייט און מורא, ווי מיר דוכט זיך?

ליזיאַס:

און קאָן דער קעניג שיצן זיי דאָס לעבן?

אַנטיאָכוס:

ווי כ׳קאָן דאָס מיר. אונדז שיצט די פעסטונג אַקראַ.
פאַרגעסט נישט, מיר באַלאַגערן דעם שונא...

מאַקראָן:

דאָס זעלבע זאָגן קאָן דער שונא, קעניג,
ווייל שווער איז וויסן ווער ס׳באַלאַגערט ווער ווערט...

ליזיאַס:

ווו ס׳אויג דערגרייכט, איז אַרום אונדז דער מבול
און אונדזער פעסטונג איז די שוואַכע תיבה.
ס׳ווערט, אייגנטלעך, דער פיינט דורך אונדז באַלאַגערט
ווי ס׳ווערט דער ים באַלאַגערט דורך אַן אינדזל...

אַנטיאָכוס:

ווילסט עפּעס זאָגן, שיינט, בעל־יועץ מאַקראָן.

מאַקראָן:

איך מיין, ס׳איז שווער צי קאָנען לאַנג דאָ לעבן
אין סאַמע מויל פון לייב און אויף זיין חסד,
בפרט באַלד קאָנען מיר געשלאָגן ווערן
פון הונגער אויך, פון דורשט און פון מגפה.

אַנטיאָכוס:

פון דעם קאָן אויך דער פיינט געשלאָגן ווערן,
ס׳איז שמיטה היינט ביי זיי, זאָגט מענעלאַאוס...

מענעלאַאוס:

(באַווייזט זיך. מיט גרויס הכנעה און אונטערטעניקייט)

מיר שיינט, כ׳האָב אַנרופן געהערט מיין נאָמען...

(קיינער ענטפערט אים נישט, יעדער מאַכט זיך אים נישט זען און וויל אים נישט הערן)

אַ גוטע עצה אפשר, מיינע האַרן?...

(אַלע קערן זיך אָפּ פון אים מיט גרינגשעצונג. מענעלאַאוס אַן אַנטוישטער און איינגעשרומפּענער ווערט נעלם)

אַנטיאָכוס:

כ׳האָב נאָך מיט וואָס צו שלאָגן אונדזער שונא:
די יידישע חכמים און זקנים,
געשעצטע פון יהודהן און, דער עיקר,
עטרה, זיין געליבטע, וואָס איך האָב זיי
פאַר ערבות־לייט געבראַכט אַהער אין פעסטונג.
געוויס וויל ער, זי זאָל אים בלייבן לעבן...

מאַקראָן:

איך מיין, אַז דאָס וויל אויך מסתם דער קעניג...

אַנטיאָכוס:

זי זאָל מיר זיין אַ וואָפן קעגן שונא...
איך גלויב, ווען ס׳וועט יהודה זיך דערוויסן
אַז ער קאָן טויטן זי מיט אונדז צוזאַמען
וועט ער זיך פריער גוט באַקלערן איידער
ער וועט זיך לאָזן אָנגרייפן די פעסטונג.
און בעת ער וועט זיך אָפּהאַלטן און וואַקלען
באַווייזן מיר צו דינגען פרעמדע זעלנער.
און מיר זענען געראַטעוועט...

מאַקראָן:

יאָ, און טאָמער
אַנטשליסט יהודה אָנצוגרייפן תיכף?...

אַנטיאָכוס:

כל־זמן ער ווייסט, אַז מיט דער אַקראַ קאָן ער
אויך אומברענגען זיין טייערע עטרה
וועט ער נישט וואַגן...

ליזיאַס:

און צי ווייסט יהודה,
אַז זי געפינט זיך דאָ?

אַנטיאָכוס:

איך גלויב, ער ווייסט עס.
אויב נישט באַווייזן מיר אים דאָס. מיר שטעלן
אַרויף עטרהן אויפן העכסטן טורעם,
ער זאָל זי זען.

מאַקראָן:

און אויב דאָס וועט נישט העלפן?

אַנטיאָכוס:

עס וועט.

מאַקראָן:

דאָס איז נישט זיכער, ווייל ער קאָן אויך
מוותר זיין אויף איר און אָנגרייפן די פעסטונג
נאָך איידער ס'קומען־אָן די פרעמדע זעלנער.

ליזיאַס:

דאַן איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה, קעניג,
ווי בעטן, כלומרשט, שלום ביי יהודהן,
געשפּרעכן פירן לאַנג מיט אים ביז וואַנען
עס וועלן אָנקומען די פרעמדע זעלנער.

אַנטיאָכוס:

אויב ס'וועט נישט זיין קיין אַנדער ברירה, ליזיאַס...

ליזיאס:

(צו אַנטיאָכוסן)

אין אונדזער נידערלאַגע, לאָמיר גלויבן,
איז שולדיק בלויז אין אַלצדינג מענעלאַאוס...
דאָס האָט ער צוגערעדט און דיר געראַטן
צו פירן די מלחמות מיט יהודה...

אַנטיאָכוס:

גערעכט... אַלץ ער... יאָ, לאָמיר גלויבן, ליזיאַס...

ליזיאס:

מען דאַרף עס זאָל דערין יהודה גלויבן
אַז שולדיק בלויז אין אַלץ איז מענעלאַאוס;
היות ווי ס'איז אויף אים עמפּערט יהודה
פאַר זיינע גרויסע עוולות צו די יידן,
ראָט איך צו טויטן מענעלאַאוסן, ס'זאָל הייסן
אַז מיר פאַרגיטיקן זיי אַלע צרות
און ווייזן גוטן ווילן און חרטה...
און וועגן מענעלאַאוסן האָט נישט קיין קומער,
סיי ווי איז אונדז נישט נויטיק מער זיין עצה...

אַנטיאָכוס:

איך הער דיך, ליזיאַס. ער איז שוין געטויטעט.
וואָס שייך פרידן בעטן ביי דעם שונא,
מיין איך, אַז נישט קיין אַנדערער ווי דו,
בעל־יועץ מאַקראָן, זאָלסט עס טון, נישט קיינער,
ווייל ס'קען דיך פאַר אַ פיינעם מאַן יהודה,
זיין כעס צו דיר איז קלענער ווי צו אַלע,
ווייל דו האָסט נישט געטון קיין שלעכטס די יידן
און אָפן נישט פאַרלוימדעט זיי אַפילו.
יהודהן ווערסטו זאָגן דאָרטן, מאַקראָן:
עס וועלן קאָנען פון היינט־אָן די יידן
מתפּלל זיין אין זייער בית־המקדש

און אַז איך זעלבסט וועל גלייך אַ קרבן ברענגען
צו זייער גרויסן גאָט...

מאקראָן:

בין מסכים, קעניג.

אַנטיאָכוס:

דו, הויפטמאַן ליזיאַס, ווע‌סט זיך לאָזן תיכף
אין וועג אַריין צו דינגען ס׳פרעמדע חייל.

ליזיאס:

גלייך, קעניג.

(מאקראָן און ליזיאַס אָפּ. צוויי סאָלדאַטן פירן אַריין די ערבות־לייט, צען יידישע זקנים און עטרהן)

אַ סאָלדאַט:

(צו זיי)

שטיינבלייבן, איר יידן־חברה!

(די ערבות־לייט בלייבן שטיין)

אַנטיאָכוס:

(צו די זקנים מיט שפּאָט)

חכמים זענט איר! נו, באַווייזט אַ חכמה
איר זאָלט דאָ זיין און נישט געטראָפן ווערן
פון אייערע, יהודהס, שלייד־מכשירים!
ווער ס׳איז דער פירשפּרעכער פון אייך, זאָל רעדן!

איינער פון די זקנים:

מיר קאָנען אויפנעמען יהודהס פיילן,
אַבי עס זאָל די לעצטע פעסטונג פאַלן,
עס זאָל קיין איינציקער, קיין פרעמדער פוס
אין אונדזער פאָטערלאַנד נישט מער פאַרבלייבן.

אַנטיאָכוס:

(אין כעס)

דאָס וועט מען תיכף זען! זיי אָפּפירן פון דאַנען!

(די צוויי סאָלדאַטן פירן אַוועק די צען זקנים. אַנטיאָכוס גיט אַ צייכן עטרהן צו בלייבן. צו איר)

כ׳פאַרלאַנג נאָך איין מאָל, זאָלסט זיך גוט באַקלערן.

עטרה:

איך האָב שוין לאַנג באַקלערט און לאַנג אַנטשלאָסן.

אַנטיאָכוס:

קאָנסט רעטן זיך אויב וועסט אונדז אַלע רעטן,
אויב נישט ביסטו מיט אַלע גלייך פאַרלוירן,
און פריער נאָך פאַר אַלעמען, ווייל פאַלן
וועסטו די ערשטע גלייך פון מיין כלי־זין
ווי נאָר עס וועט די פעסטונג מוזן פאַלן.

עטרה:

פאַרלוירענע זענט איר, נישט איך. עס נעמט יהודה
אַרום די גאַנצע פעסטונג און אייך אַלע
מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס צום דערשטיקן.

אַנטיאָכוס:

(טריאומפירנדיק)

און דיך? דיך אויך, דיך אויך מיט אונדז צוזאַמען!

עטרה:

מיך נעמען זיי אַרום אין זיג און ליבשאַפט;
אין זיי איז לייכטער מיר אַפילו שטאַרבן.

אַנטיאָכוס:

וועסט לעבן אויב וועסט פאָלגן וואָס איך הייס דיר:
שרייב־אָן אַ כתב צו אים, צו דיין באַשערטן,
ער זאָל דערווייל נישט אָנגרייפן די פעסטונג.

עטרה:

וואָלט איך אַ כתב צו אים געשריבן, וואָלט איך
געשריבן אים, אַז כ׳בין ביי דיר געפאַנגען,
דאָ אין דער אקרא, נאָר ער זאָל נישט קלערן
און צוליב מיר אפילו נישט קיין רגע וואַרטן
און אָנגרייפן די פעסטונג...

אַנטיאָכוס:

און אויך דיך!...

עטרה:

אויך מיך...

אַנטיאָכוס: (שרייט)

און אויך דיין פאָטער?!... זאָל ער הערן!
אַריליוס!

(אַריליוס באַווייזט זיך, עסנדיק עפּעס, עס באַגלייט אים חולדה, זיין פאַרשטעלטע דינערין, מיט אַ קריגל און אַ בעכער. זי בלייבט אַביסל אין אַ זייט)

קום אַהער, דו ביסט אַ פאָטער!
פּרוּוו דו ביי איר צו פועלן, דיין טאָכטער!
זי קאָן אונדז אַלע רעטן, נאָר זי וויל נישט!...

(אַפּ האַסטיק. אַ סאָלדאַט קומט אַריין צו היטן עטרהן. שפּאַנט אַרום הין און צוריק, אַמאָל נענטער, אַמאָל ווייטער)

אַריליוס:

באַדענק זיך גוט, עטרה, טאָכטער מיינע.
מיר זענען ביידע אין דער זעלבער צרה...

עטרה:

נישט אין דער זעלבער...

אַריליוס:

גוט, נישט אין דער זעלבער...
נישט אַנטיאָכוסן, טו מיר די טובה.

נישט אים, נאָר מיך, דיין פאָטער, קאָנסטו רעטן.
צעבראָכן בין איך, ווי עס קאָן די פעסטונג
צעבראָכן ווערן באַלד מיט אונדז צוזאַמען.
טו די געפעליקייט פאַר מיר, דיין פאָטער.
איך האָב אַמאָל מיט לעבן דיך באַשאָנקען.
איך האָב אין מיינע אָרעמס דיך געהאַלטן.
איך האָב געפרייט זיך מיט דיין ערשטן פלאַפל.
ביסט אויף מיין פאָטער־שויס אַ מענטש געוואָרן...

עטרה:

נישט אויף דיין שויס בין איך אַ מענטש געוואָרן.

אַריליוס:

ביסט פאָרט מיין טאָכטער!

עטרה:

יאָ, נאָר פריער בין איך
די טאָכטער פונעם פאָלק!

אַריליוס:

(מיט פאַראַכטונג)
פון פאָלק... נאָ, זע עס,
דיין פאָלק, אַרום דער פעסטונג... ס׳קאָן באַלד ווערן
צו אַש און שטויב... עס האָבן מיר די שטאַטסלייט
געזאָגט, אַז מאָרגן צי נאָך היינט וועט קומען
צוהילף דעם קעניג פרעמד געדונגען חייל.
סיי ווי איז אַלץ פאַרשפּילט און דו באַדאַרפסט נישט
צו טיילן די מפּלה פון יהודהן.

עטרה:

פאַראַטן אים! — דאָס ווילסטו פון דיין טאָכטער!
פאַראַטן זיך אַליין און ס׳פאָלק פאַראַטן!
ווי אַנטיאָכוס, ווילסטו זיין מפּלה,
איר ווילט פאַרשפּעטיקן דורך מיר דעם אָנגריף.
יהודה זאָל פאַרשפּילן דעם נצחון.
איך וועל נישט זיין די שווערד אין אייער אָרעם!
אַוועק פון מיר! אַוועק פון מיינע אויגן!

אַריליוס:

(אַן אַנטוישטער און פינצטערער קערט זיך אָפּ פון עטרהן, פאַרן אַרויסגיין פאַרהאַלט ער זיך אַ ווײַלע)

עטרה:

מיין גומען ברענט... כ׳גיי אויס... אַ טראָפּן וואַסער!...

אַריליוס:

(אַרויסגייענדיק, צו חולדהן, אַנווייזנדיק איר אויף עטרהן מיט גרינגשעצונג און פאַראַכטונג)

גיי גיב איר וואַסער...

חולדה:

גוט, מיין האַר, איך גיב איר.

(אַריליוס אָפּ. חולדה דערנעענטערט זיך צו עטרהן און גיט איר וואַסער)

עטרה:

וואָס טוסטו דאָ?...

חולדה:

ס׳איז צוליב דיר...

עטרה:

גאָר צוליב מיר?

חולדה:

ס׳האָט מיך געשיקט יהודה זיך דערוויסן...

עטרה:

יהודה...

חולדה:

וואָס עס איז מיט דיר געוואָרן...

עטרה:

געשיקט אַהער?

חולדה:

געשיקט בכלל. ער ווייסט נישט
אַז כ'האָב זיך דאָ אַהער אַריינבאַקומען.

עטרה:

האָט ער זיך דאָס פאַר מיר אַזוי געדאגהט...
און דו האָסט זיך געלאָזט אויף דער שליחות?...

חולדה:

אָט זעסטו...

עטרה:

איינגעשטעלט זיך...

חולדה:

יאָ.

עטרה:

פאַר וועמען?
פאַר אים?

חולדה:

איך בין אַוועק אויף דיין שליחות...
און נאָך איינע...

עטרה:

וואָס נאָך?...

חולדה:

געוואָר צו ווערן
דעם אמת...

עטרה:

וואָסער אמת?...

חולדה:

זיי מיר מוחל...
געוועזן ידיעות... אַז דו האָסט פאַראַטן...

עטרה:

פאַראַטן?...

חולדה:

יאָ.

עטרה:

און מ׳האָט געגלויבט דערינען?...

חולדה:

ס׳האָט קיינער נישט געגלויבט... נאָר ס׳איז מלחמה...
פאַרשטיי דאָס גוט...

עטרה:

כ׳פאַרשטיי...

חולדה:

און זיי מיר מוחל...

עטרה:

איך בין אייך אַלע מוחל... זאָג, און ער, יהודה...
האָט ער דאָס אויך געגלויבט?... געגלויבט?...

חולדה:

ווי אַלע...

עטרה:

ווי אַלע?...

חולדה:

ס׳איז אים שווער געווען צו גלויבן...
דערפאַר בין איך געקומען זיך דערוויסן...
און איצטער ווייס איך אַלץ, איך קען דעם אמת
און וועל מיט פרייד מודיע זיין יהודהן.
כ׳וועל בעת דער שלאַכט־בהלה גלייך אַנטרינען...

עטרה:

(באַאומרואיקט)
דערווייל איז שטיל...

חולדה:

הײנט פֿרי האָט ער באַדאַרפֿט שוין
דעם אָנגריף מאַכן...

עטרה:

ס'וואַרטן איז געפּערלעך,
ס'דאַרף אָנקומען צוהילף געדונגען חײל...

חולדה:

און דאָס קאָן זײַן פֿאַר אונדז דאָס גרעסטע אומגליק.

עטרה:

ס'ווערט יעדע רגע שפּעט... צי ווײסט יהודה
אַז איך געפֿין זיך דאָ?

חולדה:

איך ווײס נישט. אפשר.

עטרה:

מען דאַרף, ער זאָל זיך נישט דערפֿון דערוויסן.
איך וואָלט געקאָנט נאָך זײַן פֿאַר אים אַן אָפּהאַלט
ווען ער וואָלט דאָס געוווּסט. ווי מײנסטו?

חולדה:

מעגלעך...

(דערלאַנגט עטרהן אַ קינזשאַל)

נאַ, נעם דאָס צו... עס קאָן דיר אפשר נוצן...

(עטרה באַהאַלט דעם קינזשאַל)

עטרה:

הער צו... דיר קאָן באַשערט זײַן איבערלעבן...
נאָר איך... ווער ווײסט... זאָלסטו אים זאָגן,
אַז כ'האָב אין גרעסטע צרות, צי נסיונות,
געטראַכט פֿון אים... וועסטו אים זאָגן?...

חולדה:

כ׳וועל אים זאָגן...
וועסט זען, דו וועסט עס אים אַליין נאָך זאָגן...
בטחון, מוט!
(בעת דער סאָלדאַט באַמערקט נישט, נעמען זיך ביידע אַרום)
מען דאַרף זיך שיידן, שוועסטער...
(חולדה פאַרשווינדט. עס קומען־אַן האַסטיק אַנטיאָכוס מיט אַ גרופּע באַוואָפנטע סאָלדאַטן)

אַנטיאָכוס:

(צו עטרהן)
איך גלויב, דו האָסט פאַרנונפטיק זיך באַרעכנט.

עטרה:

ווי תמיד...

אַנטיאָכוס:

ניין! דאָס וועט נישט זיין ווי תמיד!
שרייב־אָן דעם כתב יהודהן!...

עטרה:

כ׳וועל נישט שרייבן.

אַנטיאָכוס:

דו וועסט.

עטרה:

איך וועל נישט.

אַנטיאָכוס:

שרייב אים, אַז דו בעטסט אים
ער זאָל דערווייל נישט אָנגרייפן די פעסטונג.

עטרה:

ס׳איז מיר נישט נויטיק דאָס צו בעטן.

אַנטיאָכוס:

שרייב־זשע
אים בלויז, אַז דו געפינסט זיך אין דער פעסטונג.

(ציט אָפּער פון אונטער זיינע מלבושים עטרהס שלייער־טוך)

דו קאָנסט אים שיקן אויך דיין שלייער־טוך צוזאַמען...
ער זאָל אַ צייכן זען פון דיר...

(וואַרפט איר צו דאָס שלייער־טוך)

עטרה:

נישט נויטיק.

(אָנטוענדיק אויף זיך דאָס שלייער־טוך. פאַר זיך)

אַזוי... ווי ס'האָט אים אָנגעטון אויף מיר יהודה...

אַנטיאָכוס:

(פאַרזעצנדיק)

אויב נישט וועט ער אַליין דיך זען באַלד סיי ווי !...

סאָלדאַטן! נעמט זי אויפן העכסטן טורעם!

(סאָלדאַטן גרייט אויסצופירן דעם באַפעל)

עטרה:

נישט צורירן זיך קיינער! שטיין!

(סאָלדאַטן וואַרטן אַ ווײַלע, נישט אַנטשלאָסן)

אַנטיאָכוס:

סאָלדאַטן!

(סאָלדאַטן לאָזן זיך מיט אַנטבלויזטע שווערדן אין דער ריכטונג פון עטרהן)

עטרה:

(גייט אָפּ הינטערווייַלעכץ און קלעטערט אַרויף אויף עטלעכע טרעפּלעך. געווענדט צו אַנטיאָכוסן)

איך וועל נישט זיין די שווערד אין אייער אָרעם!
איך וועל נישט זיין אין אייער סוף קיין רעטונג!
נישט איך וועל די ממשלה אייך פאַרציען!
נישט איך וועל זיין אַ שטרויכלונג פאַר יהודהן!...

(ציט זיך צוריק אויף נאָך אַ טרעפּל)

אַנטיאָכוס:

(מיט זעלבסטזיכערקייט)

וווהין?! דו קאָנסט זיך קעגן אונדז נישט ווערן!...

עטרה:

איך קאָן!

אַנטיאָכוס:

(מיט ביטול און גאווה)

דו קאָנסט אונדז העלפן בלויז באַזיגן
יהודהן!... דו אַליין... אָט באַלד וועסטו אונדז העלפן...

(לאַכט צופרידן און טריאומפירנדיק)

עטרה:

נישט איך! יהודהן וועל איך העלפן זיגן...

אַנטיאָכוס:

(פאַרוווּנדערט און מיט ביטול)

יהודהן? ווי אַזוי?

עטרה:

אַזוי... וועל איך אים העלפן...

(מאַכט אַ באַוועגונג פון אַרויסציען פון הינטער די קליידער דעם פאַרשטעקטן קינזשאַל)

איך וועט מיך נישט באַווייזן פאַר יהודהן...
איך וועל נישט זיין יהודהן קיין שום אָפּהאַלט...
איך וועל נישט זיין יהודהן קיין נסיון...

●

בילד זיבן

קאַמף־פּאָזיציע פון יהודה המכבים חייל אַנטקעגן דער פעסטונג אַקראַ. ביי אַן אָנגעשיטן וואַל — אליעזר און שמעון.

אליעזר:

נו, מיינסטו, וועט מען אויפהאַלטן דעם אָנגריף
צוליב די עלף געפאַנגענע ביים שונא?!

שמעון:

דער גורל פון די עלף דאַרף אָנגיין יעדן,
אונדז אַלעמען, ווי ער גייט־אָן יהודהן.

אליעזר:

דער גורל פונעם פאָלק דאַרף אָנגיין יעדן,
און אויך די ערבות־לייט, באַדאַרף ער אָנגיין,
און טאַקע מער פון זייער גורל גופא...
(נאָך אַ פויזע)
דער גורל פון די עלף... מ׳דאַרף אפשר זאָגן
דער גורל פון די צען... ווייל אפשר דאַרף אונדז
נישט אָנגיין מער דער גורל פון עטרהן.

שמעון:

דו ווייסט דאָך, אַז עס איז פאַראַן אַ קלאַנג
אַז עמעצער האָט זי געזען גאָר פירן
געשמידט אין קייטן, אונטער פעסטער שמירה.

אליעזר:

ס׳איז בלויז אַ קלאַנג...

שמעון:

יאָ, ריכטיק, איר בגידה
שטאַמט אָבער אויך נישט מער ווי פון אַ קלאַנג.
דו האָסט נישט קעגן איר קיין שום באַווייזן
און ס׳האָט יהודה רעכט מיט אונדז צו צווייפלען.
און ווי דער אמת איז, וועט חולדה נאָך באַווייזן.
דערווייל איז גאָרנישטאָ פון איר קיין סימן.
ווי ס׳זאָל נישט זיין, באַדאַרף אונדז אַלע אָנגיין
דער גורל פון די עלף, ווי ער גייט־אָן יהודהן.

אליעזר:

דער גורל פון די עלף... מיר דאַכט, אַז עמעץ
פון זיי גייט־אָן יהודהן מער פון אַלע...

שמעון:

דו וואַגסט צופיל!...

אליעזר:

פאַרוואָס? עס קאָן דאָך עמעץ
אים אָנגיין מער. איך זע אין דעם קיין עוולה.

שמעון:

קיין עוולה... איז צוואָס־זשע גאָר דיין רמז?...

אליעזר:

קיין עוולה, אויב עס קאָן דערפון נישט קומען
קיין עוולה צו דעם פאָלק און אויב עס קאָן נישט
פאַרהאַלטן דעם ענדגילטיקן נצחון.

שמעון:

יהודה קאָן נישט קיינמאָל טון קיין עוולה
דעם פאָלק. און כ׳וויל דאָס מער פון דיר נישט הערן.

אליעזר:

איך זאָג דאָס נישט. כ׳וויל זאָגן עפּעס אַנדערש:
כ׳האָב מורא, אַז די קריגער קאָנען האָבן
אַ חשד, אַז אויב עס האָט נאָך נישט יהודה

ביז איצטער אָנגעגרייפט, איז דאָס צוליב עטרהן.
דער גאַנצער העלדנמוט ביי זיי קאָן פאַלן.

שמעון:

ס׳איז אפשר גאָר ד י י ן חשד און נישט די קריגערס.
אויך זיי גייט־אָן דער גורל פון עטרהן
און פון די צען, ווי ער גייט־אָן אונדז אַלע.
כ׳בין זיכער, אַז אויך קיינער פון די קריגער
וואָלט נישט געקאָנט אָן אינערלעכן ישוב
גלייך אומברענגען די עלף ווען ס׳זאָל אפילו
זיין נויטיק פאַרן קאַמף און דער גאולה.
איך מיין, עס האָבן נאָך די עלף פאַרדינט זיך
מיר זאָלן זיך אַ ווײַלע כאָטש פאַרטראַכטן
פאַר זיי און זוכן כאָטש פאַר זיי אַ רעטונג.

אליעזר:

נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי דער אָנגריף.

שמעון:

איך ווייס, איך ווייס, און אויך יהודה ווייסט עס.
נאָר ער האָט אויך באַדאַרפט אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכטן
אין דעם נסיון. און איך קאָן דיר זאָגן
אַז ווען ער וואָלט געוווסט אַפילו, אַז עטרה
איז ריין פון זינד און ווען ער וואָלט אַפילו
געוווסט, אַז אין דעם שטורעם אויף דער אַקראַ
קאָן אומקומען עטרה אויך ווי אַנטיאָכוס,
וואָלט ער אים אָנגעהויבן, ווײַל וואָס האָט ער
פון וואַרטן נאָך אַ טאָג צי צוויי? דאָ גייט נישט
אין דעם, אַז לעבן זאָל נאָך אַ מעת־לעת עטרה,
נאָר ס׳גייט אין דעם, דאָס פאָלק זאָל ווייטער לעבן.

אַ קריגסמאַן:

(לויפט־אַן)

יהודה האָט באַפוילן, אַז מיר זאָלן

פאַרפּעסטיקן דעם וואַל און אים באַשטעלן
מיט אַלע שלייד־מכשירים, פּיילן־וואַרפערס!

(עס קומען־אָן יונתן, יוחנן, דער מוהל און אַנדערע קריגסלייט, וואָס נעמען פאַריכטן דעם וואַל, אַנלאָדן די שלייד־מאַשינען און אַרויס־שטעלן פאַרשידענע קריגס־כלים)

שמעון:

(צו אליעזרן)

אָט האָסטו, אליעזר, גלייך אַ סימן
פאַר מיינע רייד.

אליעזר:

(נעמענדיק זיך פּלייסיק דורכקוקן די אויסגעשטעלטע קריגס־כלים)

אָט־דאָס פאַרשטיי איך, ברידער!

דער מוהל:

דער פיינט איז אָבער גוט פאַרשאַנצט, מיין ליבער,
און ער וועט אויך נישט שלאָגן זיך מיט קיין אתרוגים...
דערצו נאָך האָט ער קעגן אונדז דעם פאָרצוג:
די פעסטונג אקרא. זי וועט ער מסתמא
מיט גרויס עקשנות שיצן ביז צו ענדע.

יונתן:

(צום מוהל)

דו רעדסט דאָך עפּעס ווי אַ גאַנצער פעלדהער
אין חכמת המלחמה!... נאָר דערווייליע, זעסטו,
ליגט איינגעלייגט אַליין דער שונא ווי אַן אתרוג
ביי זיך אין פעסטונג. קאָנסט צומאָל נישט הערן
קיין פּיפּס פון אים, חוץ אָפּטמאָל שרעק־יללות.

דער מוהל:

דערפאַר האָט ער פאַר אונדז אַ שרעקלעך וואָפן:
די צען געפאַנגענע תנאים, די זקנים,
די סאַמע חשובסטע, געשעצטע, און עטרה.

יונתן:

דערפאַר אפשר באַדאַרף מען גאָר זיך איילן
זיי אויסלייזן פון הונגער און עינויים.

יוחנן:

דו וועסט זיי אויסלייזן פון הונגער, נאָר דיין וואָפן
קאָן זיי אַפריער טויטן איידער רעטן.
און וועט מען טאַקע קאָנען אונדזער וואָפן
באַנוצן קעגן ברידער?

יונתן:

עס איז, ליידער,
פאַראַנען, יוחנן, אַ צייט ווען דו מוזט קאָנען!
(יהודה באַווייזט זיך)

יוחנן:

האָט ווער געפרעגט דען ביי די צען און ביי עטרהן,
צי זיי באַשטייען גאָר אויף אָט דעם קרבן?!

יונתן:

פאַראַן אַ צייט אַפילו ווען מען פרעגט נישט!
נאָר ווען מען וואָלט געפרעגט די עלף, כ'בין זיכער
זיי וואָלטן וויליק פאַרן פאָלק געבראַכט דעם קרבן...

יוחנן:

אָט לאָמיר, אַדרבא, פרעגן אויך יהודהן.
און זאָל ער זאָגן אונדז, מיט וועלכן צד ער האַלט.

יהודה:

מיט וועלכן צד איך האַלט דאָס ווייסט איר אַלע:
איך האַלט מיט דעם גערעכטן, מיטן פאָלק.

יוחנן:

נישט שענקען וועט אונדז אָבער ס'פאָלק פאַר האָבן
געטויטעט אייגענע מיט אונדזער אייגן וואָפן!

אליעזר:

(שפרינגט אַריין אין די רייד)

נישט אמת! שענקען וועט אונדז נישט דאָס פאָלק

פאַר נאָך נישט האָבן אומגעבראַכט דעם שונא

און גלייך נישט אָנגעהויבן...

יהודה:

(אין אויפרעגונג)

אליעזר!...

(טומל און מחלוקת. יהודה צו אַלעמען)

געדולד, געדולד, סבלנות איז אַ גוטע מידה.

כ׳הער מאַנכע מורמלען, אַז מ׳האָט גלייך באַדאַרפט

דעם אָנגריף מאַכן אויף דער פעסטונג אקרא,

און מאַנכע — אַז מיר זענען גאַרנישט ביכולת

די פעסטונג איינצונעמען און ס׳איז גלייכער

זיך אונטערגעבן און צו בעטן שלום.

כ׳פאַרדאַם דיביידע מיטן זעלבן צאָרן.

אַ שלאַכט געווינט מען קודם מיטן שכל —

דער ערשטער הרגעט ער דעם פיינט און לויטן שכל

באַדאַרף מען פריער אַלץ געגנוי באַטראַכטן.

כאָטש איצטער, וואָס אָן אמת, בין איך מודה,

איז נישט פיל צייט געבליבן אונדז צום טראַכטן.

דער מוהל:

עס זאָגן מאַנכע, אַז דער פיינט איז מעכטיק;

ער האָט די פעסטונג — און דאָס איז זיין שטאַרקייט.

אליעזר:

ער האָט די פעסטונג — און דאָס איז זיין שוואַכקייט.

יהודה:

יאָ, ריכטיק האָט געענטפערט אליעזר.

ער האָט די פעסטונג — און דאָס איז זיין שוואַכקייט,

ווייל ער איז הינטער איר פאַרקראָכן ווי אַן עכבר

און וואַגט נישט מער דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן.

דער מוהל:

דער בלויזער נאָמען פון דער פעסטונג אַקראַ
וואַרפט־אָן אַ שרעק אויף מאַנכע און אַן אימה.

יהודה:

נישטאָ איז אַזאַ פעסטונג, וואָס דער צאָרן
פון אונדז, געדרעכטע, זאָל זי נישט באַזיגן.
(קוקט זיך איין אין אַ געוויסער ריכטונג)
זייט גרייט, זייט אַלע גרייט. דער שלייפער טיילט שוין
פאַנאַנדער יעדן אָנגעשאַרפטע שווערדן.
(אַלע לאָזן זיך אַוועק אַחוץ יהודה, יונתן און שמעון)

שמעון:

(צו יהודהן)
בלויז בענטשן דאַרף מען דיך פאַר דער מסקנה.
דאָס איז דער איינציקער און גלייכסטער אויסוועג
אין אונדזער ביטערן און שווערן מצב.
מיר האָבן טאַקע דאָס געוואָלט דיר זאָגן,
יהודה, ס׳האָט נישט מער קיין זין דאָס וואַרטן.
כל־זמן ס׳באַזיצט דער פיינט די פעסטונג אַקראַ
איז אונדזער זיג לגמרי נישט פאַרזיכערט.

יונתן:

בפרט נאָך, אַז די קריגער קאָנען זאָגן
אַז אָט־דאָס וואַרטן איז צוליב...

יהודה:

(רייסט איבער)
ווער זאָגט עס?!

יונתן:

איך מיין, מען קאָן עס זאָגן... הער, יהודה.
דער גורל פון די עלף פאַרשאַפט אונדז אַלע
אי שווערע זאָרג, אי ווייטיק, אי נסיון,
נאָר דיר מוז עמעץ פון די עלף מסתמא
נאָך מער פאַרשאַפן פיין. דאָס איז פאַרשטענדלעך.

כל־זמן עס זענען סותר זיך די קלאַנגען,
און קלאַנגען זענען בלויז נישט מער ווי קלאַנגען,
קאָן יעדער איינער האָפן, אַז עטרה
איז ריין פון זינד. נאָר אויב אַפילו דעמאָלט
וואָלט אויך נישט מער געהאַט קיין זין דאָס וואַרטן.
ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין, באַדאַרף מען זאָגן:
מיט וואַרטן קאָנסטו סיי ווי סיי נישט רעטן
עטרהן און דאַקעגן קאָנען מיר נאָך
פאַרלירן דעם נצחון און די פרייהייט.

יהודה:

דאָס האָב איך גלייך געוווּסט מיט אייך צוזאַמען.

שמעון:

אין דעם האָט קיינער נישט פון אונדז געספּקט.

יהודה:

הערט אויס, מיר זענען ברידער פון איין פאָטער
און אייניק זענען מיר אין די כוונות
און אייניק אין די מעשים און מחשבות.
מיט אייך האָב איך געזוכט אַ וועג, אַן אופן
פון רעטן זיי, די עלף, און נישט געפונען.
איצט ווייס איך, אַז נישטאָ קיין אַנדער ברירה
ווי קעמפן ביז צום איינגעמען די אַקראַ.
פון איצטער אָן איז וואַרטן אַן עבירה.
דאָס וואַרטן קאָן זיין בלויז דעם פיינט לטובה,
בשעת דאָס קאָן די עלף נישט רעטן סיי ווי.

יונתן:

דאָס הייסט, מיר הויבן־אָן דעם אָנגריף תיכף.

יהודה:

מיר הויבן אָן. גיט אַלעמען צו וויסן.
דו, יונתן, פאַרנעמסט דעם רעכטן פליגל.

און שמעון, דו, דעם לינקן און איך בלייב דאָ
אַנטקעגן טורעם. זאַמלט־איין דאָס חייל.
(שמעון און יונתן אָפּ. עס הערט זיך דאָס שאַלן פון טרומייטן און שופרות. יהודה אַליין, מיט זיך, אַנטקעגן דער פעסטונג)

יהודה:
(שטיל, צו זיך)
זייט מוחל, ברידער, צען תנאים פיל־געשעצטע.
און דו, עטרה, אויב דו ביסט געפאַנגען
ביים שונא און דו ביסט אָן זינד — זיי מוחל.
איך טאָר נישט מער פאַרציען מיט קיין רגע
דעם פיינטס ענדגילטיקע מפּלה איידער
עס ווערט צו שפּעט און אַלץ קאָן זיין פאַרלוירן.
איך האָב שוין אַלץ באַקלערט און זיך געישובט,
נאָר אין מיין האַרצן האָט זיך דער נסיון
ווי אין אַ קיזלשטיין צעשלאָגן און צעשפּרונגען.
מיר הויבן אָן. כ׳נעם גאָט און פאָלק פאַר עדות
אַז אַנדערש האָב איך נישט געקאָנט. אויב וועט אייך
באַשערט זיין אומצוקומען דאָרט, זייט וויסן
אַז אייער קרבן איז געווען דער זעלבער
ווי אונדזער קרבן דאָ, אין שלאַכט, אין אַנגריף, —
איר זענט געפאַלן פאַרן פאָלק, פאַר זיין נצחון.
(עס קומען־אָן יהודהס ברידער און אַנדערע קריגער. אין דער זעלבער צייט ווענדעט זיך יהודה צו זיי)
מיר הויבן אָן דעם לעצטן שטורעם, ברידער.
ס׳איז איצטער בלויז געווענדט אין אייער גבורה
דאָס פאָטערלאַנד זאָל זיין דורך אונדז געראַטעוועט.
אין לעצטן שטורעם פאַר דער פעסטונג אַקראַ
פאַרהייבט אייך ווי די לעמפּערטן און לייבן
און זאָל זיך פאַר דער פעסטונג יעדער שלאָגן
ווי פאַר זיין קינד, זיין ווייב, צי פאַר זיין כלה.
מיר הויבן אָן!
(עס הערט זיך דאָס הילכן פון די שלייד־מכשירים. נאָך אַ פּויזע קומט־אָן צו לויפן אַ קריגסמאַן)

קריגסמאַן:

מען גייט אַהער פון שונא!

יהודה:

ווער גייט?

קריגסמאַן:

שליחים פון דער אַקראַ גייען!

(מאַקראָן מיט נאָך צוויי שליחים קומען־אָן, באַגלייט פון יהודהס קריגסלייט)

יהודה:

(צו די שליחים)

ווער זענט איר, פרעמדע לייט, און וואָס פאַרלאַנגט איר?

מאַקראָן:

צום גרויסן האַר יהודה המכבי.
שליחים זענען מיר פון קעניג אַנטיאָכוס
באַשטימטע פון דער אַקראַ צו באַגריסן
דיך, גרויסער האַר, מיט פריינטשאַפט, און צו בעטן
דו זאָלסט מיט אונדז אַ בונד פון פרידן שליסן
ווי ס׳לייגט דיר פאָר אַליין דער שטאַטסמאַן מאַקראָן.
אַליין דער קעניג אַנטיאָכוס האָט חרטה
אויף די מלחמות, וואָס ער האָט כסדר
געפירט מיט אייך און ער באַדויערט זייער
וואָס ער האָט צורעדן געלאָזט זיך און פאַרפירן
פון מענעלאַאוסן. דערפאַר האָט מענעלאַאוס
באַקומען שוין זיין שטראָף. אַליין דער קעניג
האָט אים שוין הינגעריכטעט.

יהודה:

מיט. פאַרעטער
קאָן איך זיך זעלבסט אַליין אַן עצה געבן.

מאַקראָן:

ווי וואָרהאַפטיק עס איז דער מיין פון קעניג
האָט ער געלאָזט אייך שיקן פאַר אַ סימן

דעם קאָפּ פון מענעלאַאוסן. אָט איז ער!

(גיט אַ צייכן איינעם פון די צוויי שליחים וועלכער ציט אָפּער פון־
אונטער אַ פּאַלע, פאַרהילט אין אַ טוך, מענעלאַאוסעס קאָפּ. פויזע.
פאַרבליפטקייט. אַלע קוקן מיט גרויס איבעראַשונג צו מענעלאַאו־
סעס קאָפּ)

און איצטער, גרויסע האַרן פון געשעצטן שונא,
ווען אָט־דער קאָפּ, וואָס יעדער זעט, קאָן מער נישט געבן
קיין עצה קעגן אייך, איז נישט פאַראַן קיין שטערונג
צום שליסן גלייך מיט אייך אַ בונד פון פרידן.
פון איצטער אָן וועט אייך דערלויבט זיין פריי
מתפלל זיין אין אייער בית־המקדש.
זאָגאַר דער קעניג זעלבסט וועט גלייך אַ קרבן ברענגען
צו אייער גרויסן גאָט, ווי אויך, פאַרשטייט זיך,
די ערבות־לייט די עלף באַפרייען תיכף.
מ'דאַרף אָפּשטעלן די שלאַכט, אַז איר זאָלט קאָנען
באַקלערן זיך אויף געבן אונדז אָן ענטפער...

(גיט אַ צייכן דעם שליח וועלכער דערלאַנגט יהודהן מענעלאַאוסעס
קאָפּ. צו אַלע)

דאָס איז פאַר אייערטוועגן.

יהודה:

ניין, נישט בויטיק.
איר קאָנט אים צונעמען צוריק פון דאַנען.
צוליב איין טייוול־קאָפּ אָן אָפּגעהאַקטן
האָט נאָך יהודה נישט דעם קאָפּ פאַרלוירן!...
איר קאָנט שוין גיין. איך שיק אייך גלייך דעם ענטפער.

(שליחים אָפּ. פויזע. ביים גרעסטן טייל פון די קריגסלייט אַ שווער־
קייט און געדריקטקייט. יהודה צו זיי)

וואָס האָט איר גאָר די קעפּ אַראָפּגעלאָזן??!
צי זאָל דאָס אפשר זיין צוליב דעם קאָפּ
פון מענעלאַאוסן, וואָס טויטערהייט אַפילו
שיקט אַנטיאָכוס אים צו אונדז מיט זיין שליחות

פון נאַרן און פאַרפירן אונדז... וואָס שווייגט איר?

(פויזע)

דער פיינט איז שאַלקהאַפטיק. צי דען באַנעמט איר גאָרנישט
אַז אויב דער גאוואַהדיקער אַנטיאָכוס
שיקט בעטן זיך ביי אונדז, האַלט שלעכט מיט אים שוין?

איינער פון די קריגסלייט:

דעם פיינט איז אפשר שלעכט, נאָר אונדז איז ערגער.

אַ צווייטער:

מיר האָבן נישט קיין כוח מער צו ליידן.
די שווערדן פאַלן פון פאַרשמאַכטע אָרעמס.

אַ דריטער:

מיר ווערן ווייניקער פון טאָג צו טאָג, יהודה,
די קעמפער שטאַרבן אויס פון דורשט און הונגער
און זיי אַנטלויפן ווו די אויגן טראָגן.
איז אויב עס שטרעקט זיך אויס צו אונדז אַ האַנט
און בעט ביי אונדז...

שמעון:

— געזעכט...
— אוודאי...

(טומל. קולות. מחלוקת)

יהודה:

שטילער!

(פויזע. באַרואיקונג)

אַ קריגער:

די האַנט, וואָס שטרעקט זיך אויס צו אונדז מכלומרשט
מיט פריינטשאַפט, ווייל בלויז אונדזער האַלדז דערגרייכן
בכדי צו קאָנען פריינטלעך אים דערשטיקן...

יהודה:

(איראָניש)

ס׳וועט אַנטיאָכוס גלייך פאַר גאָט אַ קרבן ברענגען —
דערנאָך וועט ער אַליין אייך נעמען פאַר קרבנות.
די פרייהייט איז קיין פרייהייט נישט כל־זמן
ס׳וועט אַנטיאָכוס זיצן אין דער פעסטונג,
פאַרשטעקט אין היימלאַנד ווי אַ פייל אין האַרצן.
לויפט! לויפט! ווער ס׳לויפט איז אַ פאַרעטער!
און ווען ס׳וועט נישט אונדזער פייל דערטראָגן
וועט אָניאָגן די קללה און פאַראַכטונג!

(לעבהאַפטע באַוועגונגען און צייכנס פון איינשטימיקייט)

דער מוהל:

באַוויליק אויסצוהערן מיך, יהודה.
מיר האָבן זיך געשלאָגן פאַר אמונה,
צו קאָנען פריי מתפלל זיין צו דעם באַשעפער.
איצט קאָנען מיר אָן ווייטערע קרבנות
דערגרייכן אונדזער רעכט, במילא, מיין איך,
קאָן יעדער זאָגן: אונדזער קאַמף איז מער נישט נויטיק.

יהודה:

ווער זאָגט, נישט נויטיק מער, ווער זאָגט?! מיר האָבן
נישט בלויז געשלאָגן זיך פאַר גאָט אין הימל —
אויך פאַרן פאָלק אויף דרערד! און צו דעם פאָלק
דאַרף אַנטיאָכוס אונטערגעבן זיך וואָס שנעלער.

(באַוועגונג צווישן די פאַרזאַמלטע. טומל. צייכנס פון הסכמה)

שטימען:

— וואָס שנעלער אונטערגעבן זיך!
— וואָס שנעלער!
— יהודה, אונדזער שטאָלץ און אונדזער גבורה!

דער מוהל:

(צו יהודהן)

און וואָס וועט זיין דער ענטפער צו דער אַקראַ?

יהודה:

אַרויס! אַרויס פון פאָטערלאַנד אינגאַנצן!

שטימען:

— אַרויס!

יהודה:

עס זאָל אויף אונדזער ערד נישט בלייבן
קיין שפור פון פרעמדן מלכות און באַצווינגער
און פונעם אייגענעם פאַרעטער, זיין באַדינער.
דעם ענטפער אַנטיאָכוסן? אָט איז ער!

(פאַלט צו ראַפּטום צו די שלייד־מכשירים, וועלכע הייבן־אָן צו הילכן. יהודהס ברידער און אַנדערע קריגער טוען נאָך זיין ביישפיל. אַנדערע פאַרנעמען זיך אָוועקצוגיין צו זייערע פּאָסטנס)

דאָס איז דער ענטפער צו דער פעסטונג אַקראַ!
פאַר אונדזער ערד, פאַר אונדזער מי און שפע!
פאַר אונדזער זון, פאַר אונדזער בלאָען הימל!
פאַר אונדזער ברויט און וויין, פאַר אונדזער פרי!
פאַר קאָנען אומגיין פריי מיט אונדזער אַקער
אין אונדזער פעלד מיט אונדזער שווייס באַגאָסן!
נישט זיין פאַרשקלאַפט און נישט פאַרשקלאַפן קיינעם!

(דאָס הילכן פון די קריגס־מכשירים האַלט־אָן כסדר. ביי די לעצטע ווערטער טרעפט יהודהן אַ פייל פון שונא)

יונתן:

(רופט אויס)
יהודה פאַלט!

(דאָס הילכן ווערט אַביסל שטילער. אַלגעמיינער אויפרודער)

יהודה איז געטראָפן!

יהודה:

(אונטערגעהאַלטן פון יונתן און שמעונען)
יהודה פאַלט, נאָר זאָל ביי אייך דער מוט נישט פאַלן...
די הייליקע מלחמה דויערט ווייטער...
(עס לויפן־אָן ראַפּטום קריגער פול מיט התלהבות)

שטימען פון די אַנגעלאָפּענע:

— סימנים פון מפלה אויף דער פעסטונג!
— די פעסטונג פאַלט! די אַקראַ גיט זיך אונטער!

(דערזעען יהודהן אַ פאַרוווּנדעטן און זייער התלהבות ווערט פּלוצלינג פאַרמישט מיט אַנגסט און שווייגן. ביי די אַנדערע קריגער ווערט דער ווייטיק צוליב יהודהן פאַרמישט מיט פרייד צוליב דער ידיעה פון די אַנגעלאָפענע)

יהודה:

(מיט אַ שטים פון דערלייכטערונג)

אַ גליק, אַ גליק צו הערן דאָס כאָטש פאַרן שטאַרבן...

(חולדה באַווייזט זיך פּלוצלינג. לויפט־אָן מיט עטרהס שלייער־טוך אַ פאַרבלוטיקטן, אַ הויך־אויפגעהויבענעם און צעפלאַטערטן)

חולדה:

(מיט גרויס התלהבות)

נצחון! פון דער אַקראַ קום איך! יובלט!

(דערזעט יהודהן אין זיין מצב און איר התלהבות ווערט מיטאַמאָל פאַרמישט מיט אַנגסט און באַאומרואיקונג)

וואָס איז, יהודה?... זע, איך ברענג נצחון!...

יהודה:

אַ דאַנק, אַ דאַנק פאַר דער ידיעה, חולדה...

חולדה:

(צו יהודהן)

איך ברענג דאָס טוך פון זיג, דאָס טוך פון שלום...
דאָס טוך פון זויבערקייט און פון מסירת־נפש —
עטרהס טוך פון טויט און פון גבורה...
(דערלאַנגט יהודהן דאָס טוך)
ס'איז רויט פון בלוט... עטרהס בלוט...

יהודה:

(נעמענדיק דאָס טוך, פליסטערט)

עטרהס...

חולדה:

מיט העלדנמוט געפאַלן אָן אַ פגימה...
געענטפערט זיך פאַר דיר, פאַר דער גאולה...
(באַווייזט אים דעם קינזשאַל)
מיט דעם... אַליין געבראַכט זיך פאַר אַ קרבן
בכדי נישט זיין דעם פיינט קיין הילף און רעטונג
און דיר נישט זיין אין שלאַכט קיין שום נסיון...
(דער נצחון־יובל הינטער דער בינע האַלט אָן)

יהודה:

אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר פאַר דער שליחות, חולדה...
(צונויפדריקנדיק דאָס טוך)
ווי אינעם לעבן — אויך אין טויט פאַראייניקט,
דורך אונדזער בלוט, ביינאַנד אין שלאַכט פאַרגאָסן...
זיי מוחל מיר פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, עטרה...
(דערפילט זיך ערגער)
נעם, יונתן, מיין שווערד, און טראָג זי ווייטער...
(אָנווייזנדיק אויף די אָרומיקע)
און פיר זיי צו גאולה און צו פרייהייט...
און מיך... קיין מודיעין... צו אונדזער פאָטער...
איך שטאַרב... איך שטאַרב... דאָס פאָלק זאָל ווייטער לעבן...
(שטאַרבט. פויזע. פון הינטער דער בינע הערט זיך כסדר דאָס יובלען פון די זיגער. יונתן דעקט איבער יהודהן מיט עטרהס שלייער־טוך. נעמט, צוזאַמען מיט זיינע דריי ברידער, אים אויף די אַקסלען. פון חולדהן, וואָס לאָזט זיך די ערשטע הינטער זיי, הערט זיך אַ וויינענדיקער שלוכץ, וועלכער גייט פאַרלוירן אין דעם אומאויפהערלעכן נצחון־יובל. די פיר ברידער מיטן מת אויף די אַקסלען רירן פאַמעלעך פון אָרט און אַלע נאָך זיי)

יונתן:

(אָפגייענדיק)
קיין מודיעין... קיין מודיעין... יהודה,
מיר פירן דיך אַוועק צו אונדזער פאָטער —
און צו די קינדער פונעם פאָלק אויף אייביק.

(סוף)

אינהאַלט:

זייט

אין היילִיקע שפּורן

די נישט־צעשיידטע אין טויטן־הויז 9
די ריטער פון דער מענטשהייט 12
באַלאַדע פונעם מאַן מיט דער בלום און פונעם מאַן
מיט דער ביקס 16
פּאַריז, 16־טער יולי 1942 18
אָראַדור 21
פּאַר אַ יידישער טיר אין פּאַריז 24
צום אָנדענק פון מענדל לאַנגער 27
מאַק גי 29
ביינאַכט ביים צוקאָפּנס 33
די זון פון אַפּריל 42

אַ לייטער צו דער זון

אָדע צו דער מענטשלעכער שריפט 51
וואָלקנס 54
אויף דער לוויה פון פּאָל עלואַר 56
צום צוואַנציקסטן יובילײ פון דער „נייע פּרעסע" . 57
עס וועקט זיי אויף די נאַכט 59
לענין אין 1917 61
צום שמעטערלינג 63
זיבן ארונס 66
רוחות, גייט אין אייער רו אַריין 67
5־טער מערץ 1953 69
קוק אָן, מיין קינד 71

די שיף 72
דיין וויגל שטייטביים טייך יאַלו 74
ביי דיין בעטעלע געבויגן 76
אייזיקל שרייער 78
צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון י. ל. פרץ . . 81
מיר הויבן דעם בעכער 87
אַ לייטער צו דער זון 89

יהודה המכבי

(דראַמאַטישע פּאָעמע) . . . 93־237